STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11622

IN AFRIKE

Hyman Polski

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הײמאַן
פאָלסקי



אין אפריקע

בילדער פון יידישן לעבן אין דרום-אפריקע, אין די פריערדיקע יאָרן

HYMAN POLSKI — "IN AFRIKE"

ארויסגעגעבן דורך דער ד"א
יידישער קולטור - פעדעראציע
יאָהאַנעסבורג, דרום־אפריקע, 1952.

PRINTED BY PACIFIC PRESS (PTY.) LTD., 302, FOX STREET, JEPPE
JOHANNESBURG, SOUTH AFRICA
1952



היימאַן פּאָלסקי

היימאַן (חיים) פּאָלסקי איז געשטאָרבן דעם 24־טן יוני, 1944 אין אַ בכבודיקן עלטער. גענוי ווען ער איז געבאָרן געוואָרן, איז שווער פעסטצושטעלן. אין ז. רייזענס לעקסיקאָן ווערט אָנגעוויזן דאָס יאָר 1875. לויט זיינע נאַטוראַליזאַציע־פּאַפּירן, וואָס ער האָט באַקומען אין ענגלאַנד, איז ער געבאָרן געוואָרן אין 1874. די קרובים זיינע רעכענען אָבער, אַז דאָס ריכטיקע יאָר איז 1871. ער שטאַמט פון סקידל, גראָדנער געגנט, ווו זיין פאָטער איז געווען שוחט, חזן און אויך בוכהאַלטער. כדי ניט צו דינען אין מיליטער, האָט ה. פּאָלסקי, אין 1891, אויסגעוואַנדערט קיין לאָנדאָן. די מאַטעריעלע לאַגע איז געווען א שווערע, און ער האָט אָנגעהייבן צו אַרבעטן אין אַ שניידעריי־וואַרשטאַט. עס האָט אים אָבער געצויגן צום ליטעראַרישן שאַפן, פלעגט ער אַרבעטן בייטאָג און ביינאַכט שרייבן. ביי שניידעריי איז ער לאַנג ניט געבליבן און האָט זיך גענומען צו פאָטאָגראַפיע. צוזאַמען מיט זיין ברודער האָט ער, בקרוב, געעפנט אין לאָנדאָן אַ פאָטאָגראַפישע סטודיע „ברידער פּאָלסקי״. ווי אַלץ, וואָס היימאַן פּאָלסקי האָט אין זיין לעבן געטאָן, האָט ער אויך די אַרבעט געטאָן בשלמות. ביי דער משפּחה געפינען זיך פאָטאָגראַפיעס־מוסטערן פון יענער צייט, און זיי זיינען פון אַ הויכער מדרגה. צווישן אַנדערע איז דאָ אַ פאָטאָגראַפיע פון דעם יונגן שלום אַש, וואָס איז דורכגעפאָרן לאָנדאָן און האָט זיך פאָטאָגראַפירט אין דער סטודיע. אין ענגלאַנד איז ה. פּאָלסקי פאַרבליבן ביז 1910, און דאַן פאָרט ער אַריבער קיין דרום־אַפריקע. ער איז שוין געווען אַ משפּחה־מענטש—ער האָט חתונה געהאַט אין 1906.

דאָס ערשטע יאָר אינעם נייעם לאַנד האָט ער זיך נאָך פאַרנומען מיט פאָטאָגראַפישער אַרבעט. ער פלעגט אַרומפאָרן איבער שטעטלעך און דערפער און פאָטאָגראַפירן. עס איז פאַרבליבן אַ טאָג־בוך פון ה. פּאָלסקי פון יענער צייט, און פון דעם טאָג־בוך קאָן מען זען, ווי שווער עס איז געווען זיין דעמאָלטיקע עקאָנאָמישע לאַגע. אָבער זיינע אויפמערקזאַמע אויגן און אויערן האָבן אין די דאָזיקע וואַנדערונגען אויפגענומען אַ סך מאַטעריאַל, וואָס האָט אים געדינט ווי אַ וויכטיקער שטאָף פאַר זיינע דערציילונגען פון אפריקאַנער יידישן לעבן. אין יענער צייט האָט ש. פּאָגעלסאָן אַרויסגעגעבן אין יאָהאַנעסבורג דעם וואָכן־זשורנאַל „דער אַפריקאַנער״. ה. פּאָלסקי האָט אָנגעהייבן מיטצואַרבעטן אין דעם זשורנאַל. ווען ש. פּאָגעלסאָן איז געשטאָרבן, איז ה. פּאָלסקי געוואָרן דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון דעם „אַפריקאַנער״ ביז דער זשורנאַל האָט זיך סוף 1933 צוגעמאַכט. „דער אַפריקאַנער״ האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר אויפהאַלטן דאָס יידישע וואָרט אין ד״א. אין משך פון לאַנגע יאָרן איז „דער אַפריקאַנער״ געווען די איינציקע יידישע וואָכנשריפט אין לאַנד. ה. פּאָלסקי האָט זיין גאַנצע נשמה אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט אין זשורנאַל. ניט געקוקט אויף די אויסערסט־שווערע מאַטעריעלע באַדינגונגען איז דער זשורנאַל דערשינען וואָך־איין, וואָך־אויס. ער האָט

אַליין אַ סך געשריבן, ער האָט געדאַרפט אויפזוכן אַרטיקע מיטאַרבעטער, געדאַרפט זיך פאַרבינדן מיט שרייבער מעבר־לים, געדאַרפט אויך זאָרגן וועגן פינאַנצן אויסצוהאַלטן דעם זשורנאַל. זיין משפחה איז אויסגעוואַקסן — צוויי זין און צוויי טעכטער. חיונה איז געווען בצמצום, די וווינונג אַן ענגע, די קליינע קינדער שפּילן זיך און טומלען, און ה. פּאָלסקי פלעגט זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט — און שרייבן און רעדאַגירן דעם זשורנאַל.

דער לעצטער נומער פון „אַפריקאַנער" איז דערשינען דעם 29־טן דעצעמבער, 1933. כאַראַקטעריסטיש איז דער לייט־אַרטיקל אין דעם נומער:

„... מיר שליסן דעם „אפריקאַנער" נאָך 23־יעריקער עקסיסטענץ מיט דעם ריינעם געוויסן, אַז דורך דער צייט, וואָס „דער אַפריקאַנער" איז געווען אין אונדזער רשות, האָבן מיר געדינט דער יידישער געמיינדע טריי, ערנהאַפט און געוויסנהאַפט. מיר האָבן געזוכט ווי ווייט מיגלעך צו פאַרמיידן מחלוקת און רייבונגען און געשטרעבט, אַז שלום און אחדות זאָלן הערשן אין אונדזער געמיינדע.

„מיר קאָנען אויך זאָגן מיט זיכערקייט, אַז מיר האָבן דערפילט אונדזער חוב צום ציוניזם, צו די יידישע נאַציאָנאַלע שטרעבונגען און געהאָלפן צום דערפאָלג פון די ציוניסטישע פאָנדן, ווי ווייט עס איז געווען אין אונדזער מאַכט.

„עס זיינען געווען צייטן, ווען מיר זיינען דורכגעגאַנגען גרויסע שוועריקייטן, אָבער מיר האָבן קיינעם ניט באַלעסטיקט און ניט אויסגענוצט קיינע געלעגנהייטן פאַר פּערזענלעכע נוצן."

ה. פּאָלסקי האָט אויפגעהיט מיט אַלע מיטלען דעם ריינעם אינהאַלט פון דעם זשורנאַל. ער האָט ניט דערלאָזט, אַז ווער עס איז זאָל באַליידיקט ווערן, ער האָט געזוכט אויסצומיידן אַן אויפרייצנדיקע וואָרט. מיט זיין ווייכקייט, טאַקטישקייט, טאָלעראַנץ איז אים אויסגעקומען, ווי אַ רעדאַקטאָר, צו צוימען זיינע קאָמפּלוסטיקע מיטאַרבעטער.

נאָכן שליסן דעם זשורנאַל האָט ה. פּאָלסקי אַ געוויסע צייט מיטגעאַרבעט אין דער „אַפריקאַנער אידישע צייטונג". די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער געדאַרפט זוכן אַנדערע מקורים פון הכנסה, און ער האָט זיך געפּייניקט, וואָס ער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון ליטעראַרישער און זשורנאַליסטישער אַרבעט.

מיט זיין טויט איז אַוועק פון דער וועלט אַ קרישטאָל־ריינע פּערזענלעכקייט, אַ מענטש פון אַ גאָר הויכער מאָראַלישער מדרגה, אַ מענטש, צו וועמען אַלע, וואָס זיינען געקומען אין באַרירונג מיט אים, האָבן געמוזט זיך באַציען מיט גרויס יראת־הכבוד.

* * *

ה. פּאָלסקי האָט אָנגעהייבן שרייבן, ווען ער איז נאָך געווען זייער יונג. זיינע ערשטע אַרבעטן זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ב ר י ל ס „שולמית" (אין לאָנדאָן). אין זיין לאָנדאָנער פּעריאָד האָט ער זיך אויך געדרוקט אין „יידישע גאַזעטן" און „מאָרגן־זשורנאַל" (אין ניו־יאָרק), נאָר הויפּטזאַכלעך האָט זיך זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אַנטוויקלט אין דרום־אַפריקע. ער האָט געשריבן נאָוועלן, דערציילונגען, סקיצן, אַרטיקלען און אויך ראָמאַנען. זיי זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „אַפריקאַנער", און אַ טייל פון זיי, באַזונדערס די ראָמאַנען, זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין ניו־יאָרקער און לאָנדאָנער צייטונגען. ער האָט אויך איבערגעזעצט פון ענגליש און העברעיש. קיין גענויע ביבליאָגראַפיע פון זיינע שאַפונגען

איז ניט פאַראַן. ווען אַזאַ ביבליאָגראַפיע וואָלט צונויפגעשטעלט געוואָרן, וואָלט זי געציילט אַ סך צענדליקער, און אפשר הונדערטער נומערן.

אין דעם איצטיקן בוך, וואָס טראָגט דעם נאָמען „אין אַפריקע", ווערן געבראַכט דערציילונגען מיט אַ דרום־אַפריקאַנער טעמאַטיק. יעדער, וואָס וועט שרייבן וועגן דעם היגן יידישן ישוב, באַזונדערס וועגן דעם פעריאָד, ווען עס איז אָנגעגאַנגען די אימיגראַציע פון די מזרח־אייראָפעאישע לענדער, וועט געפינען אין פאָלסקיס שאַפונגען אַ סך נוציקן און וויכטיקן מאַטעריאַל. ער שילדערט אין אַ ריינער, פאָלקסטימלעכער שפראַך די איבערלעבונגען פון די ניי־אָנגעקומענע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען אריינגעפאַלן אין אַ לאַנד, וואָס איז אין אַלע פרטים געווען אַנדערש, כרחוק מזרח ממערב, פון די שטעטלעך און דער סביבה, ווו זיי האָבן געלעבט און געפונען זיך פריער. דער צופאַסונג־פראָצעס איז געווען אַ ווייטאָגדיקער, אַ פיינלעכער. געקומען איז מען אַהער, דאָס רוב, מיטן געדאַנק—אויסבעסערן די אייגענע לאַגע, אָנקלייבן אַ ביסל געלט און אַרויסרייסן זיך צוריק פון די באַדינגונגען, וואָס זיינען געווען אַזוי פרעמד און אָפשטויסנדיק, ווייל זיי זיינען געווען לגמרי אַנדערש. דאָס לעבן האָט זיך אָבער ניט גערעכנט מיט אָט־די געדאַנקען און פלענער. אין דער גאָלדענער אַפריקע האָט זיך גאָלד ניט געוואָלגערט אויף די גאַסן. מען האָט געמוזט שווער אַרבעטן, און נאָך שווערער איז געווען צו געפינען אַ מקור, פונוואַנען צו ציען די חיונה, „צו מאַכן אַ לעבן". פאָלסקי מאָלט אונדז דעם „שמשס יאַרד"—דעם מישטיינס געזאָגט, האָטעל און בערזע פון די נייע עמיגראַנטן. ער דערציילט אונדז וועגן זייערע פאַרשיידענע באַשעפטיקונגען: די כל־המינים „טרייערס"—מיט אייער, מיט פרוכט, מיט פאַפיראָסן, מיט אַלטע קליידער; די אָנגעשטעלטע אויף די בעקער־וואָגנס, אין די קאָפעריטעס, די קליינע קרעמערלעך אא"וו. די משפחה אין דער היים איז געבליבן אָן דעם שפייז־געבער, מען האָט אויסגעקוקט אויף די פאָר פונט, וואָס דער מאַן אָדער דער עלטערער זון האָבן געדאַרפט שיקן פון דרום־אַפריקע. און אָפט האָט מען געדאַרפט אויסלייען, נעמען אַ גמילות־חסד, אָנקומען אפילו צו דער חברה־קדישא, כדי אַוועקצושיקן די עטלעכע פונט אַהיים. יאָרן, לאַנגע יאָרן פלעגן אַריבערגיין ביז מען האָט געקאָנט אַראָפברענגען די משפחה, ווען מען האָט זיך איבערציגט, אַז פאָרן צוריק וועט מען שוין ניט. אַז די פרוי און די קינדער פלעגן שוין קומען קיין דרום־אַפריקע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די יאָרן האָבן אָפגעפרעמדט די משפחה פון דעם טאַטן און מאַן. פאָלסקין האָט תמיד אינטערעסירט דער יחיד, און די טראַגעדיע פון דעם יחיד פאַרנעמט אַ גרויס אָרט אין זיינע שאַפונגען. וואָס לעבט איבער אַ יונגע מיידל, וואָס איז געצוווּנגען צוליב די אָרעמע טאַטע־מאַמען חתונה האָבן מיט אַ רייכן אַלטן בחור, וואָס האָט זיך ארויפגעאַרבעט נאָך לאַנגע שווערע יאָרן און האָט פריער ניט געקאָנט זיך בויען אַן אייגענע היים? וואָס פאַראַ יסורים און נשמה־פיין לעבט דורך דער אַלטער טאַטע, וואָס איז אַראָפגעקומען צום זון אין דרום־אַפריקע, און געפינט, אַז דער גאַנצער לעבן־שטייגער איז אים דערווידער, און ער גייט בעסער אַוועק אין מושב־זקנים? וואָס דאַרפן פילן טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן אַרויסגענומען ביי זיך דעם לעצטן ביסן פון מויל, כדי דער זון זאָל קאָנען שטודירן און ווערן אַ דאָקטאָר, און דער זון נאָך דעם שעמט זיך מיטן טאַטן—דעם שוסטער?

ה. פאָלסקי מאָלט אונדז די שלעכטע מידות, וואָס דאָס נייע לאַנד האָט איינגעפלאַנצט אין די אימיגראַנטן—די תשוקה צו קאָרטן, די תאוה צו פערד־געיעגן, דער גוואַלדיקער עגאָיזם און עגאָצענטרישקייט.

אין די דערציילונגען וועלן מיר געפֿינען בילדער פֿון דער אויבער־פֿלאַכלעכער אַסימילאַציע — מען בייט די נעמען, כדי זיי זאָלן ניט קלינגען צו־יידישלעך, מען שעמט זיך מיט יידיש, מען וויל וואָס מער זיך דערווייטערן פֿון יידישן לעבן.

ה. פּאָלסקי באַרירט אפילו אזעלכע ענינים ווי — ליבע צווישן אַ יידישן בחור און אַ ניט־יידיש מיידל, ווי געמישטע חתונות.

אַ שלל פֿון בילדער, גענומען פֿון סאַמע לעבן און געמאָלט אין סענטימענטאַל־צאַרטע פֿאַרבן.

* * *

אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם גורל פֿון דעם איצטיקן בוך. הײמאַן פּאָלסקי האָט געחלומט צו זען כאָטש אַ טייל פֿון זיינע שאַפֿונגען אין אַ בוך־פֿאָרם. אין 1936־1937 האָט ער גענומען אָפּקלייבן זיינע בעסערע דערציילונגען און סקיצן פֿון דרום־אַפֿריקאַנער יידישן לעבן. געטאָן האָט ער דאָס מיט אַ ציטער, זיך באַראַט מיט איין פֿריינד, מיט אַ צווייטן, אַליין נאָך דעם איבערגעקוקט, פֿאַרריכט, איבערגעשריבן. דאַן האָט ער זיך פֿאַרבונדן מיט אַ ווארשעווער פֿאַרלאַג. געהאָלפֿן פֿינאַנציעל אַרויסצוגעבן דאָס בוך האָט אים דער פֿאַרשטאָרבענער רב־הכולל, ד״ר י. ל. לאַנדאו. דאָס בוך איז פֿאַרטיק געוואָרן פֿון דרוק אין מיטן אייראָפּעאישן זומער 1939. די ערשטע ז ע ק ס עקזעמפּלאַרן פֿון בוך זיינען אָנגעקומען דורך פּאָסט אַהער אין אויגוסט 1939. די גאַנצע אויפֿלאַגע האָט געזאָלט אַרויסגעשיקט ווערן פֿון וואַרשע קיין דרום־אַפֿריקע מיט אַ פֿראַכט־שיף. עס איז אויסגעבראָכן די מלחמה, און . . . די ביכער האָבן שוין ניט דערגרייכט די ברעגעס פֿון דרום־אַפֿריקע. געעני וואָס איז מיט זיי געשען ווייסט מען ניט, ווייל ניט דער פֿאַרלאַג עקסיסטירט, און דער פֿאַרלעגער איז אויך אומגעקומען. עס איז מיגלעך, אַז מען האָט שוין ניט באַוויזן אַרויסצושיקן די ביכער פֿון וואַרשע, אָדער די שיף איז אונטערגעגאַנגען. עס איז געווען באמת אַ טראַגעדיע פֿאַר ה. פּאָלסקי. אָבער ווי סטאָאיש־רואיק, ווי טיף־איידל פּאָלסקי האָט אויפֿגענומען די־דאָזיקע, אפֿשר גרעסטע מפּלה אין זיין לעבן!

אויף דעם אָנדענק־אָוונט, וואָס איז איינגעאָרדענט געוואָרן נאָך זיין טויט, איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפֿן אין יאָהאַנעסבורג אַ פֿאַרבאַנד פֿון יידישע זשורנאַליסטן און שרייבער, און דורך דעם צו באַערן דעם אָנדענק פֿון דעם וועטעראַן פֿון דער יידישער זשורנאַליסטיק און ליטעראַטור אין דרום־אַפֿריקע. אַזאַ פֿאַרבאַנד איז שפּעטער אָרגאַניזירט געוואָרן אונטערן נאָמען „אופֿיר״. „אופֿיר״ האָט אין משך פֿון עטלעכע יאָר געשטרעבט איבערצודרוקן דאָס בוך, אָבער, ליידער, האָט זיך דאָס ניט איינגעגעבן.

איצט ווערט דאָס בוך ארויסגעגעבן דורך דער דרום־אַפֿריקאַנער יידישער קולטור־פֿעדעראַציע מיטן הסכם פֿון דער משפּחה. קיינע שנויים זיינען ניט געמאַכט געוואָרן — דער זעלבער מאַטעריאַל, דער זעלבער סדר, אויך די שפּראַך איז ניט געענדערט געוואָרן, עס ווערט אויך געגעבן דאָס זעלבע שער־בלאַט און אויך דאָס פֿאָרוואָרט, וואָס ה. פּאָלסקי האָט אָנגעשריבן צום בוך.

די קולטור־פֿעדעראַציע גלויבט, אַז אַלע פֿריינד פֿון ה. פּאָלסקי, אַלע יידיש־לייענער אין דרום־אַפֿריקע, און אויך מחוץ דרום־אַפֿריקע, וועלן אויפֿנעמען מיט גרויס אינטערעס די דערשיינונג פֿון בוך.

פ אָ ר װ אָ ר ט

דרום־אַפריקע אײראָפּעיִזירט זיך, און אין אײנקלאַנג מיט דעם אײ־ראָפּעיִזירט זיך אױך דאָס ייִדישע לעבן און נעמט אָן אַלע גוטע און שלעכטע זײטן פֿון אײראָפּעאישן לעבן. אָבער מיט יאָרן צוריק, איז די לאַגע געװען גאָר אַן אַנדערע: ייִדן, װעלכע האָבן פֿאַרלאָזן זײערע הײמען און לענדער, װוּ זײ זײנען געװען אײנגעװאָרצלט פֿון דורות־לאַנג אין ייִדישע סביבות, מיט ייִדישע באַגריפֿן און כאַראַקטערן, זײנען געקומען אַהער קײן דרום־אַפֿריקע, װוּ זײ האָבן געפֿונען אַ פֿרעמד לאַנד, אַ פֿרעמדע שפּראַך, אַ פֿרעמ־דע קולטור, פֿרעמדע לעבנס־באַדינגונגען, פֿרעמדע זיטן און פֿרעמדע מנהגים. אָט די נײַע, פֿרעמדע אַטמאָספֿערע האָט מיט דער צײַט געװירקט אױף דער מאָראַל און פֿאַמיליענלעבן פֿון די ייִדישע אײנװאַנדערער און האָט געשאַפֿן נײַע טיפּן מיט אײגנאַרטיקע כאַראַקטערן און באַגריפֿן.

אין די בילדער און קורצע דערצײלונגען, גענומען פֿון רעאַלן לעבן — געשריבן און געדרוקט אין משך פֿון די יאָרן 1912—1937, װאָס אַ זאַמלונג פֿון זײ װערט איבערגעגעבן אין דעם בוך — שפּיגלט זיך אָפּ אַ טײל פֿון די ייִדישע טיפּן אין יענע יאָרן, מאַנכע פֿון זײ זײנען נאָך איצט אױך אַקטועל.

און אױב דער שפּעטערדיקער היסטאָריקער, װעלכער װעט שרײבן די געשיכטע פֿון ייִדן אין דרום־אַפֿריקע, װעט זיך קענען באַנוצן מיט דעם מאַטעריאַל, צו באַלײַכטן אױף אַ געװיסן גראַד דאָס ייִדישע לעבן פֿון יענער תקופֿה, װעט די מי פֿון אַרױסגעבן דאָס בוך ניט זײן אומזיסט.

ד ע ר מ ח ב ר.

יאָהאַנעסבורג, 1938.

דער „טרייער"

אַמאָל, באַלד נאָך זיין חתונה, איז ער געווען א „זיידענער יונגערמאַן", אַ למדן, אַ קענער, אַ מושלם; געגעסן קעסט און געלערנט. געווען די צירונג פון שטעטל. אַ קלייניקייט — דודל נחום דעם גבירס איידעם! אלע האָבן אים געשעצט און ליב געהאַט.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען דער גביר איז געוואָרן א יורד און דודל איז אַראָפּ אויף אייגענע קעסט, האָט ארויפגעצויגן אויף זיך דעם יאָך פון פרנסה און געוואָרן אַ תבואה־הענדלער, — איז די „זייד" פאַר־שוואונדן, און ער איז געוואָרן אַ „שיינער יונגערמאַן".

נאָך שפּעטער, ווען דער מסחר איז געגאַנגען שלעכט, די משפּחה האָט זיך פאַרגרעסערט, די לאַגע איז געוואָרן קריטיש, און די שווערע נויט האָט פאַרטריבן דודלען אזש קיין אפריקע, האָבן אים די לאַנדסלייט אין אַפריקע געקרוינט מיטן נאָמען: „דער אידעלער יונגערמאַן".

ס'האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט, ביז אויך אָט דער נאָמען איז פאַר־שוואונדן געוואָרן און דודל איז געבליבן ביי א נייעם, אָריגינעלן נאָמען: „דער טרייער"; א ריכטיקער אַפריקאַנער נאָמען, וואָס אין דער אייראָ־פּעישער ציוויליזירטער וועלט איז מען גאָרנישט מסוגל צו פאַרשטיין זיין באַדייטונג.

אָבער איידער ער האָט דערגרייכט אָט דעם הויכן טיטל, איז ער פיל דורכגעגאַנגען, דורכגעמאַכט א שווערע שטודיע פון אַפריקאַנער יידישן לעבן, אין פאַרשיידענע פאָרמען און סטאַדיעס. און דאָס אַלץ, ווי גע־ווינטלעך, איז געטאָן געוואָרן לויט די עצות און אָנווייזונגען פון די לאַנדס־לייט, וועלכע האַלטן זיך פאַר גרויסע געשעפטסלייט, ווייל זיי זענען אלטע אַפריקאַנער.

אַן עלטערער לאַנדסמאַן — טאַקע דודלס א שטיקל קרוב פון דער מוטערס צד, וועלכער איז שוין גאַנץ לאַנג אין אַפריקע, האָט געהאַט פאַרשידענע צייטן, גוטע און שלעכטע, בעסערע און ערגערע, ביז ער איז געבליבן שטיין אויף אַ מאַרק, מיט אַ שטאַל אַלטע אנטיקן, ווי: שטיק־לעך אייזן, צעבראָכענע לאָמפּן, פאַרזשאַווערטע שליסלען, רעמלעך פון שפּאַקולן און נאָך אזעלכע חפצים — האָט אים געזאָגט:

— די ערשטע זאַך, וואָס איר, לאַנדסמאַן, מוזט וויסן, איז, אַז דאָ אין אַפריקע קען מען שטענדיק מאַכן געלט, נאָר מ׳דאַרף זיין א מענטש און ניט שלאָפן. אָט, מ׳גייט ארויס אינדערפרי אויפן מאַרק, זעט מען ווי אַלע יידן טוען. מ׳קויפט אייער, מ׳האַנדלט מיט הינער, מ׳„טרייעט״ מיט פּרוכטן, מיט גרינס. וואָס הייסט עפּעס: ניט וויסן וואָס צו טאָן? דער עיקר איז: פאַרגעסן די היים און פאַרגעסן ווער מ׳איז פון דער היים. דאָ, פאַרשטייט איר, זענען אַלע גלייך. מ׳קען זיך ארויפאַרבעטן, ווען מ׳קריגט דעם „טשאַנס״. און א טשאַנס מוז יעדער קריגן, פריער אָדער שפּעטער, ס׳מוז קומען. ווען איך וואָלט ניט אוועקגעלאָזן די טשאַנסן, וואָס איך האָב געהאַט, וואָלט איך איצט געווען ע... ע...!

דער איידעלער יונגערמאַן הערט זיך איין צו די דאָזיקע קלוגע רייד. ער האָט שוין פון עטלעכע געהערט, אַז זיי האָבן אוועקגעלאָזן טשאַנסן — און ער קלערט זיך: רבונו־של־עולם! וואָס איז דאָס אַזעלכעס „טשאַנ־סעס״, וואו קען מען דאָס קריגן און ווי קען מען דאָס אוועקלאָזן? און פאַרוואָס זענען אָט די אַלע קלוגע עצות־געבער, וואָס פאַרשטייען יאָ פון טשאַנסעס און זענען גרויסע בריות, — פאַרוואָס זענען זיי אליין אויף גרויסע צרות? אָט טאַקע דער קרוב זיינער, דער חכם, וואַלגערט זיך דאָ אליין אין א בלעכענעם, שמוציקן צימערל, מיט א צעבראָכענעם בעטל און א צעריסענעם מאַטראַץ; די בעטצייג פאַרלאָזן און שמוציק... די קאָך־מאַשינקע פאַרפינסטערט, פאַררויכערט, פאַרשוואַרצט, און נישט אין קיין בעסערן צושטאַנד געפינט זיך דאָס טעפּל, דער טיי־קעסל, די טעלער און אַלע אנדערע כלים. און ערגעץ ווייט אין דער ליטע לעבט אין צרות א פרוי מיט קינדער, פאַר וועלכע דאָס ביסל געלט, וואָס קומט ווען־ניט־ווען פון אַפריקע, איז קוים גענוג די נשמה צו דערהאַלטן, — ווי קומט עס, אַז אַזא פּראַקטישער און קלוגער עצה־געבער זאָל פאַרברענגען אַזא וויסטן לעבן?...

ס׳מאַטערט אים שטאַרק די קשיא, און כאָטש ס׳פּעלט אים די דרייסט־קייט צו פרעגן, קען ער זיך אָבער ניט צוריקהאַלטן און זאָגט מיט א נידע־ריקן טאָן, כמעט ווי אליין צו זיך:

— ווי באַלד, אַז יע אַזוי, אַז מ׳קאָן מאַכן געלט, טאָ פאַרוואָס זייט איר?...

— הע, — ענטפערט יענער — אָט דאָס איז דאָך די מעשה מיט אייך. איר פאַרשטייט ניט, וואָס אפריקע איז. געלט מאַכן קען ביי איצטיקער צייט דער גרינער, אָבער ניט דער אלטער אפריקאַנער. ער קען ניט דאָס, וואָס דער גרינער קען...

דער גרינער הערט אויס דעם לאָגישן ענטפער און פרעגט ניט מער, ניט ווייל ער האָט ניט וואָס צו פרעגן, נאָר ווייל ער וויל ניט איינרייסן מיט דעם גוטן לאַנדסמאַן און זאָגן אים זאַכן, וואָס ער וויל ניט הערן. ער באשליסט צו פאָלגן, גיין אויפן מאַרק און זען, וואָס אלע יידן טוען.

דודלס ערשטער פרווו זיך צו לערנען אויפן מאַרק פון אנדערע יידן, ווי צו טאָן „ביזנעס“, איז פאַרגעקומען א ביסל משונהדיק. געקומען איז אפריקע איז ער אין זיין לאנגן, שווארצן סורדוט, מיט זיין שווארצן הארטן קאפעלוש, וואס גיט צו א יום־טובדיקן אויסזען זיין איידעלן פנים, וועלכער איז איינגעראָמט אין א רונד, שווארץ בערדל. און א קאָמיש בילד האָט ער מיט זיך פאָרגעשטעלט, ווען ער איז אזוי געשטאַנען אין מאַרק ביי די הינער, האַלטנדיק א הון אין דער לינקער האַנט און טאַפּנדיק מיט דער רעכטער, צי זי איז מיט אַן איי...

זעענדיק, אז האנדלען מיט הינער איז פאר אים א צו גרויסע אונטער־נעמונג, וועלכע איז פארבונדן מיט שוועריקייטן, האָט ער באלד אויפגע־געבן און זיך גענומען צו א קלענערער זאך, צו אייער־האנדל. און א מאָד־נע בילד האָט ווידער מיט זיך פאָרגעשטעלט דער איידעלער יונגערמאַן אין די היימישע, שבתדיקע מלבושים, ארומגייענדיק איבער יאָהאַנעסבורגער גאסן מיט צוויי בלעכענע עמערס אייער איןביידע הענט. איין עמער, א בלויער, מיט גוטע אייער, און דער אנדערער, א ווייסער, מיט איינפאכע אייער. ער פאַרקויפט אייער אין רעסטאָראנען, אין קרעמלעך, אין פּרי־וואַטע הייזער — און איז א סוחר אין אפריקע...

דעם לאנדסמאַן געפעלט עס זייער און ער איז שטאַרק צופרידן. „איר וועט זיין אַלרייט“ — פארזיכערט ער אים — „איר טויגט זיך אויס צו ביזנעס, איר וועט מאַכן געלט“...

שלאָפן שלאָפט דודל צוזאַמען מיט זיין פראַקטישן לאַנדסמאַן, טאָקע אויף די זעלבע פארלאָזענע בעטצייג, אין דעם זעלבן בלעכענעם, שמוציקן צימערל, און טרינקט טיי פון דעם זעלבן פינסטערן טשייניק... ס׳וואונ־דערט אים שוין ניט מער ווי מ׳קען לעבן אזוי. ער ווערט שוין א ביסל אַפריקאַניזירט, ער שטעלט שוין אליין צו דאָס טעפל אויף דער מאַשינקע...

ווי ס׳שיינט, איז ער ביים אייער־האנדל ניט געווען קיין מוצלח, ווייל מיט א פּאָר חדשים שפּעטער האָט ער זיך גענומען צו אן אנדער פּרנסה, א שענערער, א לייטישערער. מיט א שטעקעלע אין איין האַנט און א קאָ־מיזעלקע אויף דער אנדערער האַנט, זעט מען אים ווי ער שפּאַצירט אין די זייטיקע גאסן פון יאָהאנעסבורג און קויפט־אויף אלטע קליידער. א כאַ־

ראַקטעריסטישע ייִדישע פּרנסה פון גאַנץ אַלטע צײַטן... דער לאַנדסמאַן האָט געזאָגט, אַז אין אַפריקע האָבן אַ סך „טרײַערס" מיט אַלטע קלײדער זיך אַרויפגעאַרבעט גרויס.

אָבער אויך בײַ דער פּרנסה האָט דודל לאַנג זיך ניט געקענט האַלטן. ער האָט אַפילו ניט געהאַט די געלעגנהײט זיך אײַנצוגעוווינען און האָט עס געמוזט געשווינד אויפגעבן. פון פיל ערטער פלעגט מען אים פּשוט דורכטרײַבן און וואו מ'האָט אים שוין יע אַרײַנגעלאָזן, האָט ער זיך ניט געקענט צוזאַמענרײדן. דער לאַנדסמאַן האָט פונדעסטוועגן געהײסן אָנגײן:

— ס'איז גאָרנישט — האָט ער געזאָגט — ס'איז אַפריקע, ס'וועט רעכט ווערן.

דודל האָט געפאָלגט און ווײַטער אָנגעגאַנגען, ביז ס'האָט געטראָפן אַזאַ מין מעשה: אַ גרויסער, בײזער הונט, וואָס האָט זיך ניט איבערגע־שראָקן פאַרן שטעקעלע, איז באַפאַלן דעם גרינעם „טרײַער" און אים אײַנ־געביסן אין פוס בײַם קנעכל. דודל האָט פּשוט מורא געהאַט ווײַטער אָנצוגײן. דעם הונטס אַרגומענט איז געווען שטאַרקער און איבערצײַגנדער, ווי דעם לאַנדסמאַנס — און ער איז געוואָרן אויס סוחר...

דודל איז ניט קײן לײדיקגײער. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ביז ער האָט זיך גענומען צו אַ נײַעם געשעפט, צו האַנדלען מיט פּרוכטן. אַ גע־פערלעך־שווערע פּראַצע צו שטופּן דאָס וועגעלע מיט די פּרוכטן, אין די ברענענדיקע היצן, אין יאָהאַנעסבורגער גאַסן, וואָס דאָס רוב גײען זײ באַרג אַרויף. נאָר ס'איז גאָרנישט. דער לאַנדסמאַן האָט אים אויסגע־רעכנט אַ לאַנגן צעטל פון גרויסע סוחרים, וואָס זײַנען גרינערהײט גע־גאַנגען מיט פּרוכטן און האָבן זיך גוט אַרויפגעאַרבעט...

באַזונדערס שווער איז דודלען אָנגעקומען די ערשטע צײַט דאָס אויס־שרײַען די נעמען פון די פּרוכטן. ער האָט פּשוט דאָס מויל ניט געקענט עפענען און אַז ער האָט אַ געשרײ געטאָן, האָט ער זיך דערשראָקן פאַר זײַן אײגענעם קול, וואָס איז אים אויסגעקומען משונה־ווילד. נאָר אַ דאַנק דעם אַלטן אַפריקאַנער, וועלכער האָט אים גוט אויסגעמוסרט און נאָך אַמאָל דערקלערט, וואָס אַפריקע איז, אַז מ'דאַרף זיך דאָ ניט שעמען, — האָט ער געקריגן מער מוט, אָנגעהויבן העכער און דרײסטער שרײַען מיט זײַן שײנעם, לירישן טענאָר — און זײַנע קולות: „גרײפּס! עפּלס! פּיטשעס!" פאַרקלינגען די גאַנצע גאַס און ברענגען אַרויס די באַלעבאָס־טעס פון די הײַזער.

דעם שבתדיקן שווארצן סורדוט מיטן הארטן קאפעלוש האט ער שוין ניט. דער לאַנדסמאַן האט עס פארקויפט צו א קאפיר. איצט זעט מען דודלען אין אַן אלטן, שטאַרק־אָפגעטראָגענעם, פארפלעקטן רעקל מיט אויסגעריסענע קנעפלעך, א העמד אָן א קאָלנער און א היטל מיט א ברייטן דעק. די איידלקייט פון זיין פנים איז אוועק. זיין בערדל איז אויך אנ־דערש: צו קורץ פאר שערן און צו לאנג פאר ראַזירן. זיינע הענט, זיינע באוועגונגען מיט זיין גאַנצער פיזיאָנאָמיע זענען שטאַרק מגושמדיק...

דודל וויסט, אז מיטן ארויפציען אויף זיך די וואָכעדיקע ארבעטס־קליידער און איינשפּאַנען זיך אין וועגעלע, וואַרפט ער פון זיך אראָפּ זיין אמאָליקע איידלקייט. ער פארטרייבט פון זיך די רוחניות און ציט איב־גאַנצן ארויף די גשמיות. ס'אַרט אים אָבער ניט, אדרבה, ער זוכט עס נאָך שטאַרקער צו מאַכן. ער פאָלגט דעם לאַנדסמאַן, ער זעט שוין אויך, אז אַפריקע איז אַן אנדער וועלט...

דודל האט געהאַט א שטרעבונג צו איין זאך, אַן אמביציע, וועלכע ער האָט שטאַרק געוואָלט דערגרייכן. ער האָט געוואָלט ווערן א „טרייער" מיט א פערד און וואגן. דאָס, דאַכט זיך אים, ווען ער קאָן באוויזן, וואָלט ער שוין זיין אין אַפריקע גאָר אויף א דרך...

א לאַנגע צייט האָט ער געשטרעבט צו דעם, ביז ער האָט עס דער־גרייכט, געוויינטלעך מיט דער הילף פון די גוטע לאנדסלייט.

איצט איז דודל א ריכטיקער „טרייער". גייט אָן זייער גוט מיט זיין פערד און וואגן. זיין שטים אין אויסשרייען האָט זיך פארבעסערט און קיין טרייער קען אים נישט איבערשרייען. ער באנוצט אויך זיין פערד און וואָגן אויף איבערציען איינוואוינער פון איין דירה אין אַן אנדערער. זיין גרינקייט ווערט אלץ מער פארשוונדן און ער דערנענטערט זיך אלץ מער צום אלטן אַפריקאַנער...

ס'טרעפט אויך אמאָל, אז ווען דודל באַטראַכט זיך אליין און זעט, וואָס פון אים איז געוואָרן, גייט דורך ווי א שוידער דורך זיינע גלידער... נאָר ער פארענטפערט זיך אליין: ס'איז אפריקע, מ'דארף טאָן, וואָס ס'איז, און ווארטן אויף א „טשאַנס".

דער טשאַנס איילט זיך אָבער ניט צו קומען. דודל איז דערווייל א ריכטיקער בעל־עגלה, ארבעט שווער, פונקט ווי זיין פערד, און פאר־דינט קוים אויף לעבנסמיטל...

און פון די אמאָליקע שיינע זייד איז געוואָרן א פּראָסטע סערמיקע..

פרעמד

איבראַם דער גראָסער איז שרעקלעך אויפגערעגט. ס׳איז היינט ביי אים א גרויסער טאָג, אַן אויסערגעוויינטלעכער יום־טוב. ער האָט אויף דעם טאָג געוואַרט לאַנגע, שווערע יאָרן. ס׳קומען היינט אריבער פון דער ליטע זיין פרוי און קינדער, וועלכע ער האָט פופצן יאָר ניט געזען.

פופצן יאָר! דאָס איז דאָך א גאַנץ לעבן! איבערהויפּט די פופצן יאָר, וועלכע טראָגן איבער דעם מענטשן פון סוף יוגנט צום אָנהייב עלטער...

מיט פופצן יאָר צוריק האָט זיך איבראַם אָפּגעזעגנט מיט זיין פרוי און קינדערלעך, וועלכע ער האָט געליבט ווי זיין לעבן, און איז אוועק קיין אפריקע אויף א קורצער צייט, צו פארבעסערן זיין לאַגע, מאַכן אביסל געלט און קומען צוריק אהיים. וואָלט אים אימיצער דאַן זאָגן, אז ער פאַר־לאָזט זיי אויף פופצן יאָר, וואָלט ער דאָס ניט געטאָן פאַר די גרעסטע גליקן אין דער וועלט. ער וואָלט זיך געוואונדערט, ווי עס איז גאָר מעג־לעך, מ׳זאָל קענען זיין געשיידט פון א פאַמיליע אזא לאַנגע צייט. ער האָט אָבער דאַן ניט געוואוסט, אז אין אַפריקע איז דאָס גאָרנישט קיין אויסערגעוויינטלעכע זאַך, אז אַפריקע איז א טיפער זומפּ, פון וועלכן ס׳איז גאַנץ שווער זיך ארויסצורייסן...

א ציטער גייט איצט דורך זיין קערפּער, ווען ס׳לויפן דורך אין זיינע געדאַנקען זיינע ערשטע יאָרן אין אַפריקע, ווען ער פלעגט זיך ארומשלעפּן מיט א שווערן פּאַק אויף די פּלייצעס איבער דער קאַונטרי, זיך דרייענדיק אין דרייען, דורכגעווייקט פון שוויס, אונטער די שאַרפע, ברענענדיקע שטראַלן פון דער אַפריקאַנער זון. פארמאַטערט און צעבראָכן פלעגט ער זיך קוים דערשלעפּן צו א הויז, און איז געווען דער גליקלעכסטער, ווען ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו שלאָפן אונטער א דאַך. ס׳רוב איז אים אויסגעקומען צו שלאָפן, ווי א חיה, אויפן פרייען פעלד, אונטערן פרייען הימל, און פיל מאָל דורכגענעצט ווערן ביזןביין פון א רעגן־שטור־רעם, באַגלייט מיט די טראָפּישע דונערן און בליצן, און אין שטענדיקער געפאַר צו ווערן געביסן פון גיפטיקע שלאַנגען.

ער האָט געדולדיק געליטן און פאַרטראָגן דאָס שווערע, פּיינלעכע לעבן, מיט דעם שטענדיקן געדאַנק זיך ארויפצואַרבעטן אויף א קאַפּיטאַל און פאָרן אהיים צו זיין פרוי און קינדער. זיין האָפענונג האָט זיך פאַר־שטאַרקט דערמיט, וואָס ער האָט זיך מיט דער צייט ארויפגעאַרבעט אויף א געשפּאַן און דורך דעם פאַרגרעסערט זיין האַנדל. ער האָט שוין געגוי אויסגערעכנט, אז אין צוויי יאָר ארום וועט ער קענען פאָרן אהיים מיט א שיינעם פאַרמעגן. ס׳האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אנדערש. ס׳האָט אָנגעהויבן בושעווען אין דער קאָונטרי די באַוואוסטע אַפריקאַנער פערד־קראַנקייט — און זיינע פערד זיינען געפאַלן. דאָס איז פאַר אים געווען א שווערער קלאַפּ. דערצו איז אין יענעם יאָר געווען א טריקעניש אין לאַנד. די פאַרמערס, זיינע קונדן, זענען פאַראָרעמט געוואָרן און האָבן ניט געקענט צאָלן זייערע חובות. אזוי ארום איז ער געוואָרן רואינירט און האָט געדאַרפט אָנהויבן אויפסניי זיך ארויפאַרבעטן.

אזוי איז אוועק א יאָר נאָך א יאָר. דער פּראָצעס פון ארויפאַרבעטן זיך איז געגאַנגען לאַנגזאַם. די האָפענונג פון פאָרן אהיים איז שוואַך געוואָרן. ס׳האָט דאָך ניט קיין זין צו קומען אהיים מיט גאָרנישט אָדער אפילו מיט א ביסל געלט, נאָכדעם ווי ער האָט אזויפיל דורכגעליטן. צוריק פון אַפריקע דאַרף מען קומען רייך... אויסער דעם האָט ער געוואָרפן אַן אומחן אויף זיין שטעטל מיט דער דאָרטיקער פרומקייט, זיטן און מנהגים, נאָכדעם ווי ער איז געוואוינט געוואָרן צו לעבן פריי ווי א פויגל צווישן די פאַרמערס אין אפריקע. זיינע הייסע געפילן צו זיין פרוי און קינדער האָבן זיך אָפּגעקילט און ס׳איז ביי אים רעכט געוואָרן ס׳זאָל אזוי איבערגיין נאָך א פאָר יאָר — און דאַן וועט מען זען...

זיין פרוי האָט געשריבן רירנדע בריוו, זי האָט פאָרגעשטעלט, ווי איר לעבן איז פאַרפינסטערט, ווי די קינדער האָדעווען זיך אָן א פאָטער, און האָט אָפּעלירט צו זיין הארץ און געוויסן, ער זאָל רחמנות האָבן און מאַכן דערמיט א סוף, אזוי צי אזוי...

צוערשט האָט עס אים טיף געערגערט. ער האָט געוואוסט, אז זי איז גערעכט. מיט דער צייט אָבער האָט ער זיך צוגעוווינט צו די בריוו און ס׳האָט אויפגעהערט אויף אים צו ווירקן. „וואָס ווייסט זי פון אפריקע" — האָט ער געטראַכט — „נישקשה, ס׳איז נאָך דאָ גענוג צייט..."

די עלנטע פרוי דאָרט, זעענדיק, אז איר שרייבן און בעטן האָט קיין צוועק ניט, האָט אויפגעהערט זיך צו באַקלאָגן און האָט זיך מער צוגע־וווינט צו איר ביטערן לעבן.

פיל יאָרן זענען אוועק. אייבראַם האָט זיך אַלץ מער אריינגעלאָזן אין „טאָכן" און אַלץ מער זיך איינגעלעבט אין דער קאָונטרי מיט די פאַרמערס, ביז ס'האָט געטראָפן א פאַל, וואָס האָט אים ווי מיט געוואַלט פון דאָרט אוועקגעריסן. ער איז קראַנק געוואָרן און געלעגן א לענגערע צייט צו בעט ביי א באַקאַנטן פאַרמער. ליגנדיק אויפן קראַנקן בעט, אין די שטילע נעכט, האָט ער גענומען באַרעכענען, וואָס ער האָט דאָ אויפגעטאָן. שוין באַלד צען יאָר ווי ער איז אוועק פון דער היים און שלעפּט זיך דאָ ארום נע־ונד צווישן די פאַרמערס. און אַזוי ווי ער איז איצט קראַנק, קען דאָך אויך זיין, ער זאָל שטאַרבן פאַרוואָרפן פאַר טויזנטער מייל צווישן גויים, קיינער וועט ניט וויסן און ער וועט אפילו צו קבר־ישראל ניט קומען... פאַר דעם געדאַנק האָט ער זיך ערנסט דערשראָקן און ער האָט באַשלאָסן אויפצוגעבן דאָס „טאָכן" אין דער קאָונטרי. און ער האָט זיין באַשלוס דורכגעפירט. ווי נאָר ער איז געזונט געוואָרן, האָט ער פאַרקויפט זיין גאַנצן געשעפט, די סחורה מיט דער קונדשאַפט, צו אַן אַנדער ייד, וואָס זוכט „טשאַנסעס" און גליקן אין אַפריקע. ער האָט גלייך פאַרלאָזן די קאָונטרי און זיך פאַרגענומען צו מאַכן א לעבן אין שטאָט צווישן יידן.

זייענדיק אין שטאָט, האָט ער גענומען טראַכטן פון זיין פאַמיליע דאָרט אין דערהיים. זיין אַמאָליקע ליבע צו זיין פרוי און קינדער האָט זיך צוריק דערוועקט. ער האָט זיך גענומען פילן שולדיק קעגן זיי און האָט זיך פאַרגענומען נישט מער צו וואַרטן אויף גרויסע גליקן. אַזוי גיך ווי ער וועט זיך נאָר אביסל איינאָרדענען, וועט ער אַריבערנעמען זיין פאַמיליע.

איצט אָבער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן די פראַגע: וואָס טוט מען? אָפּגעווען די גאַנצע יאָרן אין דער קאָונטרי — און ער ווייסט גאָרנישט וואָס מ'קאָן טאָן אין שטאָט. ער האָט זיך גענומען וואַרפן אויף אַלע זייטן, געפּרוווט פאַרשידענע פּרנסות מיט אַ שותף און אליין — און ס'איז אַלץ ניט געגאַנגען. דערווייל זענען אוועק נאָך עטלעכע יאָר, ביז ער האָט זיך ענדלעך קוים דערשלאָגן צו א גראָסערי־שאָפּקע — און ביי דעם האַלט ער זיך.

ער האָט געוווסט, אַז ער קען נאָך איצט זיין פאַמיליע ניט אריבער־נעמען. זיין פינאַנציעלע לאַגע דערלויבט עס ניט, ער טאָר דאָס ניט טאָן, אָבער ער האָט באַשלאָסן, אַז ס'מוז נעמען א סוף... א ביסל אייגן געלט, א ביסל צוזאַמענגעליען, א ביסל האָבן זיי דאָרט פון דער ווירטשאַפט צוזאַמענגעמאַכט — און ס'איז רעכט געוואָרן.

איבראַם, זייענדיק פופצן יאָר אין אפריקע, האָט געוואָלט, אז זיין פאַ־מיליע זאָל געפינען א פיינע היים, ניט ערגער ווי ביי לייטן, און ניט אויס־רעכענענדיק ווי וויט ער וועט שפּעטער דערפון לידן, האָט ער גענומען שיין מעבל אויף אויסצאָלן. מיט דער געלט־פראַגע האָט ער זיך איצט איבערהויפּט ניט גערעכנט. זיינע געדאַנקען זענען געווען אינגאנצן פאַר־נומען מיט זיין פאַמיליע, וואָס איז שוין אויפן וועג קיין אַפריקע.

און היינט איז דער גרויסער טאָג אין איבראַמס לעבן: היינט קומט זיין פאמיליע צו אים קיין יאָהאַנעסבורג און ער איז אויפגערעגט פון דער גליקלעכער דערוואַרטונג...

— — — — — — — — — — —

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער זעען מיר אונדזער איבראַמען זיצן אין שאָפּ ביים טאַמבאַנק אומעטיק און דערשלאָגן. זיין פּנים דריקט אויס יאוש און פאַרצווייפלונג; קענטיק, אז ער לײַדט פון פאַרבאָרגענע יסורים.

זיין פינאַנציעלע לאַגע איז שרעקלעך אָנגעשטרענגט. ס'ווערט ער־גער פון טאָג צו טאָג, ער איז נאָענט צום באַנקראָט... אָבער ניט דאָס איז די סיבה פון זיין מרה־שחורהדיקן אויסדרוק. ניין, אַן אַלטער אַפריקאַנער שרעקט זיך ניט אָפּ פאר אזעלכע זאַכן; ווען ס'איז נויטיק, מאַכט מען א פּלאַן און מ'הויבט אָן צוריק פון אָנהויב און ס'ווערט רעכט... זיין דער־שלאָגנקייט קומט צוליב א גאַנץ אנדערער סיבה, צוליב עפּעס אזעלכעס, וואָס רירט אָן טיף זיין נשמה...

ער האָט דערגרייכט זיין גרויסן ציל. ער האָט געבראַכט זיין פאמיליע קיין אַפריקע, אָבער דאָס גליק איז ניט געקומען. זיין פרוי, וועלכע איז דורך די פופצן יאָר צייט געוואָרן גרוי און אַלט, פילט זיך פרעמד צו אים.. די קינדער קענען אים אינגאנצן ניט, זיי האָבן ניט צו אים די געפילן פון קינדער צו א פאָטער, זיי קענען זיך ניט איינגעוווינען צו זאָגן אים „דו"; ס'דאַכט זיך זיי, אז ער איז א פרעמדער מענטש... די קינדער מיט דער מאַמען האַלטן זיך שטענדיק צוזאמען, און ער איז אליין, פרעמד און עלנט ביי זיך אין דער היים...

אָט די איצטיקע עלנטקייט איז פאר אים א געפערלעכע אנטוישונג. די פופצן יאָר אפריקע האָבן פון אים אוועקגערויבט די טייערסטע זאַך אין לעבן: די ליבע און סימפּאַטיע פון זיין פרוי און קינדער, אויף וועלכע

ער האָט אַזוי פיל געהאָפּט און װעלכע זענען אַזוי נויטיק פאַר אים. איצט פילט ער זיך נאָך מער עלנט װי די גאַנצע פופצן יאָר...

און דער געדאַנק, אַז דאָס איז זיין אייגענע שולד, װעקט אין אים אויף דעם װאָרעם פון חרטה, װאָס פאַרשאַפט אים שװערע גײַסטיקע יסורים...

דער נייער סוחר

אין דעם באַרימטן צענטראַל פון יידישע „טרייערס״ אין יאָהאַנעסבורג, באַוווּסט מיט דעם היסטאָרישן נאָמען „שמש׳ס יאַרד״, אין מאַרשאַל סטריט, דאַרף פאַרקומען אַ וויכטיקע קאָנפערענץ פון מיטגלידער, וועלכע זענען פּראָמינענטע סוחרים, יעדער אין זיין פאַך, און האָבן זייערע „אָפיסעס״, זייערע סחורה־לאַגערן און אויך זייערע וואוינונגען אין דעם זעלבן צענט־ראַל, וואָס איז אייגנטלעך אַ מין „בערזע״.

„שמש׳ס יאַרד״ איז אַ גרויסער, ליידיקער פּלאַץ, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט אַלטע, צעבויגענע בלעכענע צימערן, מיט צעבראָכענע טירן און צעפּלאַצטע פענסטער. אין חלל פון יאַרד הערשט אויף אַ הויכן שטייגער דער גייסט פון מסחר. דאָס ווייזט זיך אַרויס פון די סחורות, וואָס געפינען זיך דאָרט, ווי: אַלטע זאַכן, גענוצטע, אָפּגעריבן מעבל, אייזערנע בעטלעך, פאַרזשאַווערטע אויוועלעך, קינדער־וועגעלעך אָן די גומעס אויף די רעד־לעך, זייגערס אָן וויזערס, פידלען אָן סטרונעס, לאָמפּן אָן גלעזלעך און נאָך אַ סך פאַרשידענע אַרטיקלען, מיט וועלכע די טרייערס פירן אָן זייער האַנדל. דעם נאָמען „בערזע״ פאַרדינט דער יאַרד, ווייל אַלע זונטאָג שווימלט און גריבלט דאָרט פון אַלערליי הענדלער, וואָס קומען זיך צו־נויף פון אַלע טיילן שטאָט. איינער ביים אַנדערן קויפט, מ׳באַשטימט פּרייזן, מ׳בייט זיך מיט פאַרשידענע סחורות, מ׳טוט ביזנעס, און ס׳איז אַ לעבעדיקע וועלט.

דורך דער אָפענער טיר פון צימער, ווו די קאָנפערענץ דאַרף פאַר־קומען שפּעטער אין אָוונט, זעט זיך אויף אַ הילצערן קעסטל אַ פאַררוי־כערטע קאַך־מאַשינקע מיט אַ שוואַרצן טאָפּ. ניט ווייט פון דער טיר אויף דרויסן אין יאַרד זיצט אַ ייד פון מיטעלן וווּקס מיט אַ לאַנגער, שפּיציקער באָרד. זיצט ער, דער ייד, אַזוי געלאַסן און רייבט כריין מיט גרויס כוונה. פון זיין היטל מיטן ברילאַק, זיינע שטיוול מיט כאַלעוועס און פון זיינע אַלע באַוועגונגען איז קענטיק, אַז ער איז נאָך גאָר אַ גרינער אין לאַנד. פון צייט צו צייט הויבט ער זיך אויף און גייט אַריין אין צימער, געוואָר ווערן צום טאָפּ, אין וועלכן ס׳קאָכט זיך אַ בשותפותדיקער מיטאָג פאַר דריי יידן. די סיבה פונם שותפות איז אַ ריין עקאָנאָמישע: פליישׁ

פאַר זעקס פּענעס איז פאַר איין מענטשן צו פיל, און פאַר א שילינג — איז געגנוג פאַר דרײַ, און אז מ׳דאַרף, קאָן א פערטער אויך מיטעסן.

דער ייד, דער קוכער, איז מיט א וואָך צוריק געקומען פון שאַדעווע און האַלט זיך אויף ביי א לאַנדסמאַן אין צימער. וואָס צו טאָן ווייס ער נאָך ניט, ער קוקט זיך דערוויל גוט צו צו דעם, וואָס אנדערע יידן טוען, צו כאַפּן דעם שניט פון יאָהאַנעסבורגער ביזנעס. דערוויל זוכט ער צו פאַרדינען זיין שטיקל ברויט דורך קאָכן מיטאָג פאַר זיין לאַנדסמאַן מיט די אנדערע צוויי טרייערס, וואָס זענען דעם גאַנצן טאָג פאַרנומען מיט מסחר.

די דריי שותּפותדיקע עסערס זענען אמתע גוטע פריינד. זייערע ביזנעס רירן ניט אָן איינע די אנדערע. דער לאַנדסמאַן אליין איז א סוחר פון זעק און פלעשער. ער פאָרט ארום אין א צעבראָכענעם, סקריפּעדיקן וואָגן מיט א הינקענדיקער, אלטער קלאַטשע. זיין בייטש איז שטענדיק צעריסן, דאָס בייטש-שטעקל צעבראָכן, ווייל כל חמתו, וואָס קלייבט זיך אים אָן אויפן הארצן, לאָזט ער אויס צו דער אָרעמער פאַדלע, וואָס ער האָט איינגעהאנדלט אויפן פערד־מארק פאַר א „פייוועך".

דער צווייטער האָט נאָך ניט לאנג אָנגעהויבן טרייען. ער גייט דער־וויל ארום צופוס מיט א קליין פּעקל, וואָס באשטייט פון זאָקן, שלייקעס, טאַשנטיכלעך און קנעפּלעך. לויט ווי ס׳ווייזט אויס און לויט ווי אנדערע טרייערס זאָגן, וועט ער זיך מיט דער צייט ארויפארבעטן.

דער דריטער פאַרנעמט זיך מיטן טאַבאַק-האנדל. נאָר אָנשטאָט צו האָבן א קראָם מיט שויפענסטער, האָט ער זיך זיין קרעמעלע אויף א ברעטל, וואָס ער טראָגט שטענדיק אויף זיין האַרצן, מיט א ברייטן לעדערנעם פּאַס אויף זיין לינקן אקסל. אין קרעמל געפינען זיך, אויסער זעקעלעך טיטון, פארשידענע מינים פּאַפּיראָסן און פּעקלעך שוועבעלעך, אויך גאַ־לאַנטעריי־סחורה, ווי: קעמלעך, שפּאַנקעס און שיכבענדלעך. שוין א פּאָר יאָר ווי ער טרייעט מיטן ברעטל. מ׳זאָגט, אז ער איז א שטילער נגיד, האָט א שטיק געלט אין פּאָסט־אָפיס...

ווען די טרייערס זענען געקומען אהיים פאַרנאַכט, נאָך א לאַנגן טאָג ארבעט, האָבן זיי שוין געפונען געגרייט דעם טיש, דאָס הייסט, דעם קאַסטן איבערגעדעקט מיט צייטונגען, און אויף אים אלע כלים צום עסן. דער „גרינער" ייד האָט אין דער קורצער צייט שוין געקריגן דעם ריכטיקן באַגריף פון אפריקע, ווו א מאַנסביל דאַרף קענען קאָכן, וואָשן ס׳געפעס און גרייטן צום טיש. דער עולם האָט גענומען צו קאָפּעלעך משקה פון

א שותפותדיקן פלעשל. מ׳האָט געקוילעט א פּאָר הערינג פאר א פּאָר־שפּיז און מ׳האָט געפּראַוועט א גרויסארטיקע סעודה פון זופּ און פליש מיט כריין. דער שאַדעוועך האָט מיטגעגעסן מיט א גוטן אַפּעטיט. דער אָרט לעבן איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן. אין שאַדעווע עסט מען יום־טוב אזא מיטאָג, און דאָ פארגינט מען זיך דאָס אין א פּראָסטן מאָנטאָג. פּאָרט אפריקע!...

נאָכן עסן און בענטשן אויפן היימישן שטייגער, מיט אלע אומעטיקע יידישע דריידלעך, האָט דער טאַבאַק־הענדלער מכבד געווען די אנדערע מיט די בעסטע פּאַפּיראָסן פון זיין קרעמל. מ׳האָט זיך גאנץ געמיטלעך אויסגעזעצט אויפן בעט, אויף א קעסטל, אויף א שטול אָן אַן אָנלען — און מ׳האָט גענומען שמועסן וועגן דער היים, דער שול, דעם בית־המדרש, דעם רב, דעם חזן, די באַלעבאַטים, ביז מ׳איז ארויפגעקומען אויף אַפריקע, אויף גאָלד־מינעז, דימענטן און נאָך א סך פארשידענע גרויסע „טשאַנסן״, וואָס מ׳האָט אמאָל געהאט, צו מאכן געלט...

דערווייל האָט זיך דער עולם גענומען קלייבן.

מיט א ברייטן „גוטן אָוונט״ האָט זיך אריינגעלאָזן א ייד מיט א שיטער, בלאָנד בערדל. דער ייד איז שוין א שיינע פּאָר יאָר אין לאנד, האָט געמאַכט אַן אוצר מיט געלט פון פארקויפן אמעריקאנער יידישע צייטונגען אין שטאָט און אין די ארומיקע שטעטלעך. א חוץ דעם קנעלט ער נאָך צו א ביסל; דערצו איז ער א גוטער בעל-שחרית און בעל-תוקע און טראָגט ארום סוכות אן אתרוג. מ׳זאָגט, אז ער האָט שוין אין דער היים עטלעכע אייגענע הייזער. ער וואָלט שוין אוודאי געקענט פאָרן אהיים, נאָר ס׳איז פּשוט א שאָד איבערצולאָזן אזעלכע גאָלדענע פרנסות, איז ער געבליבן אויף נאָך א פּאָר יאָר...

נאָך אים איז אריינגעקומען א שיינער ייד, מיט א ברייטער, שווארצער באָרד, גאָרנישט לאַנג אין אַפריקע — און האָט שוין „איינגעטרייעט״ א ביזנעס און מאַכט געלט... ער איז א סוחר פון בייגל מיט פּוטער־קיכלעך. זיין געשעפט־אדרעס און טעלעפאָן־נומער זענען צוויי קאַשיקעס אויף ביידע הענט, זיין „אָפיס״ און וווינונג — אין „שמש׳ס יאַרד״.

נאָך אים איז אריינגעקומען א ייד א זקן, מיט א פּאַטריאַרכאַלער, ווייסער באָרד און רויט־געלאָמעוועטע אויגן. געטראָגן האָט ער אויף זיך א ליסטרינען רעקל; אויפן קאָפּ — א הארטן, פארשמאָלצענעם הוט. אָט דער זקן — א באַוווּסטער סוחר פון אַלטוואַרג, וועמען מ׳זעט שטענדיק

און אומעטום שטופּן זײן װעגעלע — איז אײנער פון די עלטסטע און חשובסטע אײנװאױנער פון „שמשׂ יאַרד״.

צוזאַמען מיט אים איז אַרײן אַן עלטערער, הױכער ייד מיט א קורץ, גראָלעך בערדל, א פּרעמדער אין „שמשׂ יאַרד״, װעמען אלע האָבן געגעבן „שלום״.

נאָכדעם האָבן אָנגעהױבן אַרײנקומען אנדערע סוחרים. יידן פון א גאַנץ יאָר: אײער־טרעגער, הינער־הענדלער, פּרוכט־פּאַרקױפער. גלײך האָט זיך די קאָנפערענץ אָנגעהױבן.

דער ראש־המדברים איז געװען דער אלטער, גראָער ייד מיט דער װײסער, לאַנגער באָרד. ער אלײן האָט דאָס טאַקע אלעמען געבעטן קומען צום מיטינג און ער האָט איצט פאָרגעלײגט דעם גאנצן ענין.

אָט דער פרעמדער ייד איז זײנער א לאַנדסמאַן. געװען א לאַנגע צײט אין דער „קײפּ־קאָלאָני״, געהאנדלט מיט שטרױס־פעדערן — און געמאכט א לעבן. איצט, װען דער פעדערנהאנדל איז אונטערגעגאנגען, איז ער געקומען קײן יאָהאַנעסבורג טרײען, כדי צו מאכן א לעבן. נאָר אזױ װי ער איז דאָ א פרעמדער און װײס ניט צו װאָס זיך צו נעמען, פאַר־לאָזט ער זיך אױף אים, ער זאָל געבן אַן עצה. און ער װײס ניט, װאָס ער זאָל אים הײסן טאָן. ער קען אזא זאַך אלײן אױף זיך ניט שטעלן. ס׳האָט צו טאָן מיט פּרנסה פון א ייד, װאָס האָט א װײב מיט קינדער אין דער הײם. ער לײגט דאָס דעריבער פאַר פאַרן עולם און בעט, מ׳זאָל זיך צוזאמען מיישב זײן, װאָס דער ייד זאָל טאָן.

די פראגע האָט אַרױסגערופן א גרױסע פאַראינטערעסירונג בײם עולם, און נאָך פיל טראַכטן און אױסרעכענען איז מען געקומען צו אזא באשלוס:

צו טרײען מיט זעק און פלעשער, אָדער מיט ברױט און פלײש, אָדער מיט הינער, מוז מען האָבן א פערד און װאָגן, און אזױ װי דער ייד פון די פעדערן האָט ניט קײן געלט, איז װעגן דעם ניטאָ װאָס צו רעדן. פּרוכט־הענדלער זענען דאָ צופיל, די קאָנקורענץ איז צו גרױס. טרײען מיט סיגאַרעטן איז גוט פאַר א ײנגערן. ס׳פּאַסט ניט פאַר אַן עלטערן ייד מיט א באָרד אַרומצוגײן מיט א ברעטל אױפן האַרצן... בלײבט איבער די אײנציקע און בעסטע זאַך — צו טרײען מיט אלטע קלײדער, װאָס האָט אלע מעלות: קײן פערד און װאָגן איז ניט נױטיק, קײן גרױסן קאַפּיטאַל דאַרף מען ניט און די קאָנקורענץ איז ניט צו גרױס. פאַר א ייד, װאָס האָט א לאַנגע צײט געהאנדלט מיט פעדערן, קען די שפּראַך און װײס װאו צו

קויפן סחורה, זענען די אלטע קליידער ווי אָנגעמאָסטן. אויף אים וועט מען קיין הונט ניט אָנרייצן און ער וועט מאכן א לעבן...

דער ייד פון „קייף־קאָלאָני״ איז געווען צופרידן און געדאַנקט פאר דער פּראַקטישער עצה...

אויף מאָרגן האָט מען שוין געזען דעם יידן, ווי ער גייט ארום מיטן שטעקעלע און קאמיזעלקע. און די גרויסע אינדוסטריע פון אלטע קליידער איז רייכער געוואָרן מיט א נייעם סוחר.

עלנט

ס׳איז געווען א פינצטערע נאַכט. דער הימל איז געווען שוואַרץ. א שטורעם האָט געהאַלטן ביים אויסברעכן. שטילע דונערן פון גאַנץ ווייט האָבן פון צייט צו צייט איבערגעריסן די שטילקייט און שאַרפע בליצן האָבן יעדע רגע דורגעשטאָכן די מוראַדיקע שוואַרצקייט...

אין צימער, ביי דער וואַנט קעגן פענצטער, אויף זיין שמאָלן אייזערנעם בעטל, ליגט הירשל דער „טרייער", א ייד אין די מיטעלע יאָרן, מיט א גע־קנייטשטן שטערן און א קורץ־געשאָרן, גראָלעך בערדל. ער ליגט מיט צוגעמאַכטע אויגן, אָבער דער שלאָף איז ווייט פון אים. זיינע נערוון זענען וואַך און פּלאָגן אים מיט אומהיימלעכע שרעקעדיקע געדאַנקען און פאַנטאַזיעס. געפילן, וועלכע זענען יאָרן לאַנג געווען באַגראָבן אין זיין האַרצן, האָבן איצט אויפגעלעבט. און ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט נוקם זיין אָן אים דערפאַר, וואָס ער האָט זיי אַזוי לאַנג פאַרשטיקט, האָבן זיי זיך פונאַנדערגעשפּילט און פייניקן אים אָן אויפהער.

געקומען איז עס דורך א קליינער, אויסערלעכער סיבה. די פּאָסט האָט געבראַכט הירשלען א בריוו פון עטלעכע טויזנט מייל ווייט, פון זיין אַמאָליקער היים, פון זיין פרוי און קינד, וועלכע ער האָט שוין אַזוי פיל יאָרן ניט געזען. אין דעם בריוול איז געלעגן א שיין געדרוקט בויגעלע פּאַפּיר מיט גאָלדענע אותיות: „ק ו ל ש ש ו ן ו ק ו ל ש מ ח ה, ק ו ל ח ת ן ו ק ו ל כ ל ה": מיט א ברייטן „מ ז ל ־ ט ו ב" פון אויבן. דאָס איז אַן איינלאַדונג צו דער חתונה פון זיין טאָכטער רייזעלע...

רייזעלע! דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע, וואָס ער האָט מיט פערצן יאָר צוריק איבערגעלאָזן אין דער היים; דאָס שיינע קינד מיט די געקרויזטע הערעלעך און שוואַרצע אויגעלעך, וועמען ער האָט דאַן, ביים געזעגענען זיך, געהאַלטן צוגעדריקט צו זיין האַרץ און געקושט דאָס רונדע פּנימל, — די זעלבע רייזעלע איז דאָס איצט די כלה, און די שיינע, יונגע פרוי רבקה, וואָס האָט דאַן מיט אַזוי פיל ליבע און טרויער געקוקט אין זיינע אויגן און גע־בעטן, ער זאָל זיי ניט איבערלאָזן אליין אויף לאַנג, — איז איצט די מחותנתטע, דער כלה׳ס מוטער. און די איינלאַדונג איז געשיקט געוואָרן צום אים, צום מחותן, צום טאַטן, ווי צו א ווייטן קרוב, אָדער צו אַן אַלטן

באקאנטן; מ׳בעט אים, ער זאָל אויך קומען באַטייליקן זיך אין דער שמחה; מ׳בעט אויך אים אויף דער חתונה...

די איינלאַדונג איז געשיקט געוואָרן מיט דער אויסרעכענונג, זי זאָל אָנקומען צום טאָטן פּונקט אין דעם טאָג, ווען דאָרט וועט זיין די חתונה, אין דעם זעלבן טאָג, ווען מען וועט פירן זיין טאָכטער צו דער חופה; ווען דער בדחן מיט זיינע גראַמען וועט צו באַזעצנס נעמען דערציילן א געשיכטע, ווי א טאַטע איז ערגעץ פאַרוואָגלט אין עק וועלט און קען זיין בת־יחידה ניט פירן צו דער חופה... דעם בדחנס שיינער באַריטאָן, באַגלייט פון די וויינענדיקע טענער פון דעם קלעזמערס פידעלע, וועט אריינדרינגען טיף אין די נשמות פון דער כלה מיט איר מאַמען און וועט ארויסרופן טרערן אין זייערע אויגן...

די פּאָסט האָט געטאָן איר שליחות געטריי, האָט געבראַכט הירשלען ס׳בריוול מיט דער איינלאַדונג אין זיין טאָכטערס חופּה־טאָג.

ווען הירשל איז נאָך א לאַנגן טאָג ארומגיין געקומען אין זיין צימער און געפונען ס׳בריוול, וואָס איז געווען געשריבן פון דער כלה אליין, מיט דעם אָנהייב: „צו מיין אומבאקאנטן פאָטער לעבן זאָל! מיר שיקן דיר אַן איינלאַדונג צו מיין חתונה“, און ווען זיינע אויגן זענען געפאַלן אויף דעם בילעט מיט גאָלדענעם „מזל־טוב“, האָט אים זיין האַרץ, וואָס איז די לעצטע צייט שוואַך געוואָרן, גענומען שרעקלעך קלעמען. זיינע הענט האָבן גענומען ציטערן, זיינע אויגן זענען ווי פאַרצויגן געוואָרן — און ס׳איז אים שווער געווען צו לייענען. ער איז א ווײַלע געשטאַנען פאַרטראַכט, אָבער באַלד האָט ער גענומען האַסטיק ארומלויפן איבערן צימער. א שרעקלעכע עלנט איז אים באַפאַלן. די גאַנצע טראַגעדיע פון זיין איינזאַם, טרויעריק לעבן האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט פאַר זיינע אויגן...

פערצן יאָר ווי ער איז אין אפריקע. א קינד זיינס האָט זיך אין דער היים אויסגעהאָדעוועט, — ער קען עס ניט, ער ווייס ניט ווי עס זעט אויס. היינט איז איר חתונה. ווי גליקלעך וואָלט ער געווען צו קענען צוזאַמען מיט זיין פרוי זייער טאָכטער צו דער חופּה פירן, ווי שטאָלץ וואָלט ער זיך געפילט אלס פאָטער פון דער כלה, ווי גערן וואָלט ער געוואָלט קענען דעם מענטשן, וועלכער ווערט דער מאַן און באַשיצער פון זיין קינד, און ווי קליין און נידעריק ער פילט זיך, זייענדיק פרעמד און פאַרלאָזן... ער האָט ניט געטאָן זיין פאָטערלעכע פליכט. די פרוי איז געבליבן א וויסטע עגונה, זיין רייזעלע האָט די אלע יאָרן געאַרבעט, זיך געהאָדעוועט אָן אים.

זי דאַרף אים ניט, זי קען אים ניט, און ער האָט מער קײן האָפענונג ניט זי אמאָל צו זען...

א לאַנגע צײט איז ער ארומגעגאַנגען איבערן צימער מיט זײַנע ביטערע געפילן. דאָס ליכט אויפן טיש האָט אָנגעהויבן צאַנקען. אויף דער וואַנט האָבן גענומען טאַנצן פאַנטאַסטישע שאָטנס... אין דער זעלבער צײַט האָט זיך הירשל א כאַפּ געטאָן פאַר זײַן האַרץ, ער האָט דערשפּירט א פּלוצלינגן ווײטאָג — און א מוראדיקער געדאַנק האָט א בליץ געטאָן אין זײַן מוח: צי האַלט זײַן לעבן ניט בײַם אויסגײן ווי דאָס ליכט ?...

זײַנע פיס ווערן ווי אונטערגעהאַקט, ער פילט א שוואַכקײט אין זײַן גאַנצן קערפּער. אין צימער איז פינצטער. דאָס ליכט איז שוין אויס-געגאַנגען. הירשל גיט זיך א וואָרף אויף זײַן בעטל, מאַכט צו די אויגן. ער וויל האָבן רו, פאַרטרײַבן זײַנע געדאַנקען ; ער קען דאָס אָבער ניט...

ס'זענען געווען צײַטן ווען ער איז געווען געזונט און שטאַרק. ער האָט דאַן געהאַט גענוג מיטלען צו פאָרן אהײם, ער האָט דאָס אָבער ניט געטאָן. ער האָט געוואָלט רײַך ווערן. ער האָט גענומען שפּעקולירן, ביז ער האָט פאַרלוירן אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט. פון פאַרדרוס און אנטויש-שונג האָט ער אָנגעהײבן טרינקען, זיך וועקגעלאָזן מיט א שלעכטער געזעלשאַפט און אָנגעהײבן שפּילן אין קאָרטן און גײן אויף פערד־געיעגן. דורך דעם אומנאָרמאַלן הפקר־לעבן, פון אויפזײַן גאַנצע נעכט, מיט דער כסדרדיקער אויפרעגונג פון דעם „געמבל״־פיבער, איז ער אין עטלעכע יאָר ארום קראַנק געוואָרן און געלעגן א צײַט אין שפּיטאָל. ווען ער איז ארויס פון שפּיטאָל, האָט מען אים געזאָגט, אז זײַן האַרץ איז אָנגעגריפן און ער מוז זײער פאָרזיכטיק זײַן, ניט טאָן קײן שווערע ארבעט און איבערהויפּט זיך ניט אויפרעגן. ערשט איצט האָט ער זיך ארומגעזען ווי ווײַט ער איז פאַרקראָכן און זיך פאָרגענומען ווידער ארויסצוגײן אויפן גלײַכן וועג, צו לעבן אָנשטענדיק. ער האָט צוריק באַנײַט דעם בריוו־טויש מיט דער הײם, וועלכן ער האָט די לעצטע פאָר יאָר געהאַט איבערגעריסן, אָבער ער האָט באַקומען אַן ענטפער פון זײַן פרוי, אז איצט איז איר שוין אַלצאײנס צי ער שרײַבט, צי ניט ; ער האָט סײַ ווי פאַרוויסט און פאַר-פינסטערט אירע בעסטע יונגע יאָרן.

הירשל גיט א ציטער ווי אין קאָנוואולסיע. ער גיט זיך א כאַפּ מיט בײדע הענט פאַר זײַן האַרץ. ער עפנט די אויגן, א בלענדנדיקער בליץ גיט א בלאַסק דורכן פענסטער אויפן טיש, אויפן בילעט מיטן „מזל־טוב״... ס'נעמט אים שווינדלען פאַר די אויגן. ער וויל אויפהויבן דעם קאָפּ —

און קען ניט. דאָס האַרץ ווערט שוואַכער, און דער אָטעם — קירצער...

און די געדאַנקען טרעטן ניט אָפּ...

יאָרן זענען אוועק. ער האָט קוים פאַרדינט אויף זיין אייגענער חיונה. ער האָט ניט געקענט שווער ארבעטן, געהאַנדלט א ביסל מיט אלטע קליי־דער און געלעבט אין אָרעמקייט און דחקות. ווען־ניט־ווען פלעגט ער שרייבן א פּאָר ווערטער אהיים און קריגן א קאַלטן, קורצן ענטפער... די לעצטע זעקס חדשים האָט ער גאָרנישט געשריבן, ער קען ניט שרייבן, ער ווייסט ניט וואָס צו שרייבן. דאָס קראַנקע, עלנטע לעבן האָט אים אָנגעהייבן שטאַרק דערעסן... און איצט, פּלוצלינג — דאָס בריוול מיטן בילעט! זיין טאָכטער בעט אים אויף איר חתונה...

זיינע געדאַנקען רייסן זיך איבער, ער פילט ווי זיין האַרץ נעמט זינקען. ס׳ווערט אים שלעכט...

דער וויטער דונער האָט זיך דערנענטערט, ווי ער וואָלט צו אים גערופן: „שטאַרב עלנט! דו האָסט עס פאַרדינט, דו האָסט עס אליין געוואָלט״...

ער פילט ווי זיין קראַנק האַרץ ווערט צעריסן. ער ווייסט, אז זיינע מינוטן זענען געציילטע... זיין פאַנטאַזיע טרייבט אים צו משוגעת... ס׳נעמט עפּעס ווי קלינגען אין זיינע אויערן, ער הערט שפּילן חתונה־מוזיק... ער זעט פונוויטן מענטשן מיט קאָלירטע ליכטלעך אין די הענט... נענטער, נענטער קומען זיי... אָט איז די כלה אין איר ווייסן חופּה־קלייד... אָט איז די מאַמע ביי איר זייט... אָט איז דער שול־הויף מיט דער חופּה... אלע גייען פאַרביי אים און ווילן אויף אים ניט קוקן...

א בליץ אין פענסטער פאַרטרייבט זיינע ווילדע פאַנטאַזיעס. זיין פאַרשטאַנד ווערט צוריק קלאָר. זיין האַרץ גייט אויס. דאָס ליכט פון זיין לעבן לעשט זיך... ער מאַכט אַן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונג. ער גיט א שפּרונג פון בעט, גיט א כאַפּ דעם בילעט מיטן „מזל־טוב״, דריקט אים צו צו זיין ברוסט...

אין דעם זעלבן מאָמענט גיט ער א פאַל הינטערווייליקעס אויף דער ערד, ער באַוועגט זיך שוין ניט מער און בלייבט אזוי ליגן רואיק, שטיל...

שותפים

יאנקל איז אַן אַלטער אפריקאַנער, און ווי אַלע אַלטע אפריקאַנער, איז ער א שטאַרקער מאמין אין „טשאַנסעס". ער ווייסט אויך, אז אמאָל פון א גוטן „טשאַנס" לאָזט זיך אויס, אז מ'ווערט אינגאַנצן רואינירט, אָבער מ'טאָר קיינמאָל דעם בטחון ניט פאַרלירן: אפריקע איז אפריקע. מ'דאַרף נאָר האַלטן די אויגן אָפן און וואַרטן אויף אַן אַנדער „טשאַנס".

ווי אַלע אַלטע אַפריקאַנער, האָט אויך יאַנקל געהאַט פאַרשידענע צייטן. געווען, ווי מ'זאָגט, אויפן פערד און אונטערן פערד, ביז ס'איז געקומען דער ריכטיקער אפריקאַנער „טשאַנס". דורך א צופאַל האָט ער זיך באַקענט מיט א פאַרוואַלטער פון א גאָלד־מינע און געקריגן א דער־לויבעניש צו עפענען א שאַפּ ניט ווייט פון גאָלד־גרוב. ער האָט זיך דאָרט גוט איינגעאָרדנט, געמאַכט א פיין לעבן און אריבערגעבראַכט די פאַמיליע פון דער ליטע. מיטאַמאָל האָט זיך די גאָלד־גרוב אָפּגעשטעלט און ס'איז געוואָרן אויס „טשאַנס", אויס גליק, אויס שאַפּ. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און ער האָט פאַרלאָרן אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט. די לאַגע איז געוואָרן קריטיש.

איז אָבער יאַנקל אַן אַלטער אַפריקאַנער און פאַרלירט זיך ניט, ער האַלט די אויגן אָפן. דרייט זיך ארום אויפן מאַרק, אויף „סיילס"; ער זוכט, ער טאַפּט, רעדט מיט מענטשן, פרעגט זיך נאָך, אפשר קען מען זיך צו עפּעס צוטשעפּען, אפשר א שותף מיט געלט. עפּעס א „טשאַנס" וועט דאָך מוזן קומען...

און עס איז געקומען.

ווען יאַנקל איז געשטאַנען איין פרימאָרגן אויפן מאַרק ביי די פרוכטן, קומט אים אנטקעגן א גוטער באַקאַנטער, אַן אַלטער אַפריקאַנער, פּונקט ווי ער. מיט יאָרן צוריק האָבן זיי צוזאַמען „געטאַכט" אין דער קאַונטרי, זיך אויסגעריכט א שוואַרץ־יאָר צוזאַמען און געמאַכט געלט צוזאַמען.

— העלאָ, חיים!

— העלאָ, יאַנקל!

אזוי כאַפּן זיי זיך וואַרעם ארום מיט זייערע יידישע נעמען.

— א צייט מיט יאָרן זיך ניט געזען! ווי גייט עס עפּעס, ברודער? — פרעגט יאַנקל און אין קאָפּ גיט אים א בליץ א געדאַנק: דער פריינד זיינער איז אין א גוטן מעמד, ער האָט פּראָפּערטי, אפשר וועט זיין א שטיקל „טשאַנס"...

— אָט, ווי אין אפריקע — ענטפערט חיים — מ'וויל מאַכן געלט און ס'לאָזט זיך אויס פאַרקערט. איך קום היינט פון בלומהאָף...

— אָפּגעברענט?... — פרעגט יאַנקל אומעטיקלעך, זעענדיק, אז דער „טשאַנס" איז שוואַך.

— אָפּגעברענט, נו, איז וואָס? — זאָגט חיים אין א גלייכגילטיקן טאָן — אפריקע גייט ניט אונטער, ס'וועט רעכט ווערן, מ'וועט ווייטער טאָן ביזנעס און מ'וועט ווייטער מאַכן געלט. און וואָס איז מיט דיר, יאַנקל?

יאַנקלען איז ווידער ליכטיק געוואָרן אין קאָפּ. אז יענער זאָגט, ס'וועט רעכט ווערן און מ'וועט טאָן ביזנעס, איז דאָך א סימן, אז ס'איז גוט. געוויס, ער האָט דאָך פּראָפּערטי...

— איך — ענטפערט ער לאַנגזאַם — בין אויך דערווייל אָן ביזנעס, נאָר ס'וועט אוודאי רעכט ווערן.

יאַנקל ווייסט ביי זיך, אז ער איז אויף גרויסע צרות. ביי אים קאָן גאָרנישט רעכט ווערן... נאָר שטיצנדיק זיך אויף זיין פריינדס רייד, האָט ער גערעכנט, אז ס'וועט עפּעס רעכט ווערן דורך יענעם...

— אָל־רייט! — ענטפערט חיים — מ'וועט זען, וואָס מ'קאָן טאָן. איך האָב אָבער היינט קיין צייט ניט. וואו קענען מיר זיך טרעפן מאָרגן?

— טאַקע דאָ אויפן מאַרק — ענטפערט יאַנקל, שעמענדיק זיך צו פאַרבעטן זיין פריינד צו זיך אהיים, ער זאָל ניט זען ווי דער דלות פּייפּט דאָרט...

חיימען איז די לעצטע צייט ביטער אויפן הארצן. ניט אזוי וועגן זיך, ווי וועגן זיין פרוי. ער ווייסט וואָס זי האָט דורכגעליטן און ווי זי ליידט איצט. געוווינט אין א שיין הויז אין שטאָט, פאַרמאָגט אליין א ביסל געלט און געקענט קריגן נאָך; געקענט מאַכן ביזנעס, אָנגיין ווי מ'דאַרף און לעבן מיט לייטן גלייך. איז אָבער געקומען דער טייוול פון די אַפריקאַנער גליקן מיט די „טשאַנסעס" און האָט אים אוועקגעשלעפּט קיין בלומהאָף, וווּ ס'איז געוואָרן דער טומל מיט די דימענטן... ער האָט פאַרקויפט די היים מיטן מעבל, געמאַכט פון אלץ א תל און אריבערגע־צויגן זיך מיט דער גאַנצער פאַמיליע דאָרט נעבן בלומהאָף, ווו מ'גראָבט און מ'זוכט דימענטן, זיך וואַלגערן און אָפּקומען אין א בלעכענעם צימער,

כּדי די הוצאה זאָל זײַן קלײן און מ׳זאָל קענען אױסהאַלטן ביז ס׳װעט קומען דער גליקלעכער טאָג און מ׳װעט קענען געפינען דימענטן. ס׳האָט אָבער ניט לאַנג געדױערט — און ער, װי הונדערט אַנדערע, האָבן דערזען דעם ביטערן טעות. פון אַלע שפּעקולאַציעס מיט דער שװערער אַרבעט און אָפּקומעניש האָט זיך גאָרנישט אױסגעלאָזן און ער איז געבליבן פאַר־אָרעמט; ניט געװען פּשוט פונװאַנען צו לעבן. ער האָט קוים צוזאַמענ־געמאַכט אױף הוצאות און געקומען צוריק אין שטאָט אַרײַן מיט דער פרױ און קינדער, מיט די פּעקלעך און זעקלעך — און מ׳ליגט ערגעץ אין אײן צימער. און ערגער װי אַלץ איז, װאָס ער װײסט ניט, װאָס צו טאָן.

די פרױ זעט אױס פאַרפינסטערט. זי רעדט ניט קײן סך, אָבער איר יעדע באַװעגונג און איר יעדער קוק זאָגט אים, װאָס זי פילט און טראַכט... ער דרײט זיך אַרום דעם גאַנצן טאָג אין גאַס, װײַל ער קען אין שטוב ניט אײַנזיצן. ער פילט, אַז זײַן מוט װערט אָפּגעשװאַכט װאָס א טאָג אַלץ מער און ער איז שױן גאָרנישט װײַט פון פאַרצװײפלונג... אָבער ער קעמפט מיט זײַנע אײגענע געפילן. — נײן, אַן אַלטער אַפריקאַנער טאָר ניט זײַן פאַרצװײפלט — באַשליסט ער — ס׳גיט זיך א דרײ און ס׳װערט מיטאַמאָל צוריק גוט. מ׳דאַרף נאָר קריגן דעם „טשאַנס״.

איצט זעט ער באַשײנפּערלעך, אַז ס׳האָט זיך שױן א דרײ געטאָן. ס׳איז שױן דאָ אַן אױסזיכט װי זיך אַרױפצוכאַפּן צוריק. דאַרף זיך גראָד מאַכן, אַז זײַן אַמאָליקער שותּף יאַנקל זאָל איצט אױך זײַן אָן ביזנעס. און יאַנקל קען אין קײן שלעכטער לאַגע קײנמאָל ניט זײַן, ער האָט רײַכע פרײַנד און לאַנדסלײַט, װאָס א פּאָר הונדערט פונט האָט בײ זײ קײן װערדע ניט און זײ װעלן אים קײנמאָל ניט לאָזן פאַלן. ער האָט פאַרשטאַנען אין יאַנקלס בליק, אַז ער װאָלט חשק געהאַט מיט אים צו מאַכן שותּפות. קײן װוּנדער איז דאָס ניט; יאַנקל אַלײן טױג זיך טאַקע ניט אױס צו אַ שאָפּ.

װען ער איז געקומען אַהײם און דערצײלט זײַן פרױ פון זײַן באַגע־געניש, האָט זי זיך דערפרײט װי מיט דעם גרעסטן גליק. זי האָט שױן גענומען רעדן װעגן נעמען װידער א הױז און מאַכן א נײע הײם. זי האָט גערעכט געגעבן איר קלוגן, פּראַקטישן מאַן, װאָס זאָגט שטענדיק, אַז אין אַפריקע דרײט עס זיך גיך איבער...

און בײ יאַנקלען אין שטוב איז אױך געװען טרױעריק: ניטאָ קײן ביזנעס, ניטאָ קײן געלט. פאַרשולדיקט איז מען איבערן קאָפּ, דער שפּײַז־קרעמער גיט אָן חשק; א סבֿרא, ער זאָל אינגאַנצן אױפהערן געבן. אױך

מיט דירה־געלט איז גרויסע צרות... ער גייט כסדר ארום און זוכט עפּעס צו טאָן. ער האָט נאָך גענוג מוט און ענערגיע, אָבער קיין חוב דערמיט באַצאָלן קען מען ניט. יאַנקל ווייסט, אז זיינע רייכע פריינד און לאנדסלייט קענען אים העלפן, ס'איז אָבער ביטער ווי דער טויט פון זיי צו נעמען נדבות... ער איז אין אפריקע מיט פיל יאָרן לענגער ווי זיי, און אין דער היים איז ער געווען מער מענטש ווי זיי... אחוץ דעם האָט ער פון זיי שוין געקריגן א גרויסע שטיצע, ווען ער האָט געעפנט די שאָפּ ביים גאָלד־גרוב. ניין, ער וועט טאָן, וואָס ס'איז, אבי צו זיי ניט אָנקומען. ער האָט געגומען גיין אויפן מארק זען, ווי יידן מאכן א לעבן, אפשר וועט ער דאָס אויך קענען טאָן, קענען צוריק ווערן א גרינער... אָבער וואָס א טאָג מער איז די האָפענונג קלענער געווארן. ערשטנס, ווי נעמט מען זיך צו דעם? צווייטנס, דארף מען דאָך האָבן קאפּיטאַל — און נאָך אלעמען מאַכט מען קיין לעבן ניט. איז וואָס טוט מען פאַרט?

און גראָד איז אים אויפן מאַרק אנטקעגנגעקומען חיים, זיין אמאָליקער שותף, און האָט אים אזוי גוט ווי אָנגעבאָטן אריינצוגיין מיט אים אין שותפות. ער זוכט ביזנעס. אמת, בלומהאָף האָט אים געגעבן א שווערן קלאַפּ, אָבער ער קען זיך נאָך אלץ אַן עצה געבן. ער האָט פּראָפּערטי און קען נאָך צו יעדער צייט שאַפן עטלעכע הונדערט פונט.

מיט גרויס שמחה איז ער אוועקגעלאָפן אהיים און דערציילט זיין ווייב, אז ער האָט א שותף מיט געלט.

דעם זעלבן טאָג האָט יאַנקל געטראָפן איינעם פון זיינע רייכע פריינד. יענער האָט אים געזאָגט, אז ווי ער האָט געהערט, נייטיקט ער זיך אין הילף; וועט ער אלזאָ איבעררעדן מיט אנדערע לאנדסלייט און מ'וועט זען, וואָס מ'קען עפּעס טאָן פאַר אים.

— מ'דארף ניט — האָט יאַנקל שטאָלץ געענטפערט — אן אלטער אפריקאַנער קען זיך אליין אַן עצה געבן.

— נו, איז געוויס גוט — האָט דער רייכער פריינד צופרידן געזאָגט.

אויף מאָרגן האָבן זיך ביידע אלטע אפריקאַנער ווידער געטראָפן. חיים האָט דערציילט, אז ער ווייסט פון גוטע ביזנעס ניט ווייט פון שטאָט און מ'קען אריין מיט דריי הונדערט פונט.

— אויב ס'איז א גוטע זאך, טאָר מען עס ניט אוועקלאָזן — ענטפערט יאַנקל צופרידן.

חיימען איז דער ענטפער געפעלן געוואָרן. דאָס ווייזט דאָך, אז ביי יאַנקלען איז וועגן געלט קיין מניעה ניט. און ס'איז גאָר קיין וווּנדער

ניט. די רייכע פריינד וועלן געוויס געבן, אָדער אפשר האָבן זיי שוין געגעבן.

ווען ביידע האָבן געזען דעם פּלאַץ, און אלע באַדינגונגען זענען געווען צופרידנשטעלנדיק, האָט מען אָפּגערעדט מיטן פּאַרקויפער צו קומען מאָרגן פאַרענדיקן. ביידע שותפים צווישן זיך האָבן אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מאָרגן פרי און עפענען א באַנק־קאָנטאָ. חיים מיט דער פּולער זיכער־קייט, אז יאנקל וועט קריגן געלט פון זיינע רייכע פריינד, און יאנקל מיטן פולן צוטרוי, אז חיים וועט שאַפן געלט פון זיינע „פּראָפּערטיס". דעם גאנצן טאָג איז מען ארומגעגאנגען און געמאַכט פּלענער, ווו מ׳זאָל קויפן סחורה און ווי מ׳זאָל זיך איינאָרדענען מיט די וווינונגען. א ביסל שפּע־טער וועט מען צובויען צוויי צימערן; פּלאַץ איז דאָ גענוג.

די פרויען האָבן פאַרזיכערט, אז זיי אַרט ניט, ווי אומבאקוועם ס׳זאָל ניט זיין די ערשטע צייט, אבי וואָס גיכער צו אנטלויפן פון שטאָט, פון די גרויסע אויסגאַבן מיטן טייערן דירה־געלט.

און אלע זענען געווען צופרידן מיט דעם גוטן „טשאַנס".

— — — — — — — — — — —

צומאָרגנס פּונקט עלף אזייגער אינדערפרי האָבן זיך ביידע שותפים צוזאמענגעטראָפן ביי דער סטענדערד־באַנק, זענען גלייך אריין אינעווייניק און געבליבן שטיין. יאנקל וואַרט אויף חיימען, און חיים וואַרט אויף יאַנקלען. ביידע ווילן עפּעס זאָגן און ביידע שטייען און וואַרטן...

דער באַנק־פאַרוואלטער האָט גאנץ איידל א פרעג געטאָן: „יעס, דזשענטעלמען"... דאָס הייסט, א שטייגער, ווי מ׳זאָל א פרעג טאָן: „וואָס ווילן עפּעס זאָגן יידן?" גיבן די שותפים א קוק איינער אויפן אנדערן. חיים ווערט א ביסל צעמישט און זאָגט שטיל צו יאנקלען:

— נו!

ווערט יאנקל נאָך מער צעמישט און ענטפערט:

— נו, נו...

— וואָס שווייגט איר? — קומט ארויס חיים מיט לשון.

— וואָס הייסט, איך שווייג? וואָס, א שטייגער, זאָל איך רעדן?

— פאַרוואָס מאַכט איר ניט דעם דעפּאָזיט? — פרעגט חיים אין א פאַרדראָסיקן טאָן.

— ווער, איך ?... — גיט יאנקל א געשריי ווי אַן אָפּגעבריטער — איר ווייסט דאָך, אז איך האָב קיין געלט ניט !

— ס׳טייטש ! — שרייט חיים נאָך מער מיט כעס — איר האָט דאָך געזאָגט, מ׳זאָל נעמען א ביזנעס, ס׳וועט רעכט ווערן !

— איך גאָר ? — ענטפערט יאַנקל רויט ווערנדיק — איך האָב זיך דאָך פארלאָזן אויף אייך ; א י ר האָט דאָך געזאָגט, אז ס׳וועט רעכט ווערן.

— הייסט עס, אז איר האָט ניט — זאָגט חיים.

— און איר האָט אויך ניט — זאָגט יאנקל.

— טאָ וואָס איז איצט ? — פרעגט חיים.

— וואָס זאָל זיין איצט — ענטפערט יאנקל — איצט איז גאָרניט...

— גאָרניט, אוודאי גאָרניט — גיט צו חיים.

ביידע אַלטע אפריקאנער גייען ארויס פון באַנק, קוקן זיך אָן ווי צוויי הענער און גייען זיך פונאנדער אין פארשידענע ריכטונגען...

צו שפעט

הער ליבערמאַן איז היינט אין א שלעכטער שטימונג. ער איז בייז און אויפגערעגט. אויף די פיר מענטשן, וואָס ארבעטן אין זיין „קאָנצעשן־סטאָר“ איז ער שרעקלעך אויפגעבראַכט. ער זוכט ווי פון אונטער דער ערד צו עפּעס זיך צו טשעפּען, און ווען ער געפינט גאָרנישט, זיצט ער אָנגע־בלאָזן אין זיין אָפיס און קוקט אין פענסטער.

ליבערמאַן איז א ליבעראַלער מענטש. זיינע באַציונגען צו זיינע אָנגע־שטעלטע זענען שטענדיק געווען די בעסטע. זיי קענען דעריבער ניט פאַר־שטיין, וואָס מיט אים איז איצט געוואָרן. זיי רעכענען, אז געוויס איז אויף אים עפּעס א פלוצלינג אומגליק געקומען.

ס׳איז אָבער ניט אזוי.

קיין פלוצלינג אומגליק איז אויף ליבערמאַנען ניט געקומען. זיין לאַגע איז ניט ערגער געוואָרן, די געשעפטן גייען אין דער בעסטער אָרדענונג. נאָר וואָס דען? עפּעס א זייטיקע, אומבאַדייטנדיקע זאַך האָט פּאַסירט, וואָס האָט ארויסגערופן אין אים אומצופרידנקייט און אים אריינגעבראַכט אין דער שלעכטער שטימונג, פון וועלכער ער קען זיך ניט באַפרייען.

ראַזירנדיק זיך אין שלאָפצימער ביים שפיגל, האָט ער דערזען גראָע האָר אויף זיין קאָפּ און אין זיינע וואָנסן. ער פארשטייט, אז ווען ער וואָלט זיך ניט ראַזירט, וואָלט אים אָנגעוואַקסן א גראָע באָרד!...

מערקווירדיק, ער קוקט אלע טאָג אין דעם זעלבן שפיגל, דאָך האָט ער עס ביז איצט ניט באַמערקט, אָדער ניט געשענקט קיין אויפמערקזאַמ־קייט דערויף; איצט אָבער זעט ער עס מיט גאַנץ אנדערע אויגן. ס׳דאַכט זיך אים, אז מיט יעדער סעקונדע וואָס ער קוקט לענגער אין שפיגל, זעט ער מער גראָע האָר אויף זיין קאָפּ, מער פאַלדן אויף זיין שטערן, מער קנייטשן אונטער זיינע אויגן, און אין זיינע אויערן שרייט א קול: „גראָע האָר!... אלטער מאַן!... אויף דער עלטער!...“

ס׳גייט אים אדורך א קעלט דורך זיינע ביינער. ער בלייבט א ווײַלע שטיין מיטן ראַזירמעסער אין דער האַנט. אָבער ער באַהערשט זיך, ער נעמט זיך ראַזירן האַסטיק, מיט כעס, ווי ער וואָלט וועלן זיך נוקם זיין אָן די שעדלעכע, באַזילבערטע קורצע הערעלעך...

— ניין — טראַכט ער — איך בין ניט קיין אלטער מאַן, איך בין נאָך גענוג יונג! — אָבער גאַנץ זיכער איז ער ניט מיט זיין באַהויפּטונג, און שמירנדיק ס'פּנים נאָך אַמאָל מיט זייף, נעמט ער רעכענען: דאָ אין אפריקע איז ער שוין באַלד צוואַנציק יאָר, ווען ער איז אוועק פון דער היים איז ער אַלט געווען אכט און צוואַנציק יאָר; דאַס ווייס ער, ווייל זיין גוטע מאַמע ע״ה, געזעגענענדיק זיך מיט אים, האָט מיט טרערן געזאָגט, אַז ביי לייטן האָט מען שוין נחת פון א זון, וואָס איז אלט אכט און צוואַנציק יאָר... דאָס הייסט אַלזאָ — פאַר זיינע אויגן גיט ווי א שווינדל און עס ווייזט זיך א גרויסער ציפער 48!... און אין זיין מוח ווערט ווי מיט בליי איינגע־קריצט „48"...

— איז דאָס מעגלעך — טראַכט ער — אין א קורצער צייט וועל איך ווערן אינגאַנצן גראָ, א זקן!...

זיין טאַטע אין די יאָרן, ווייסט ער, האָט שוין געהאַט אייניקלעך, קינדער פון זיין עלטערער שוועסטער, און ער אין אפריקע איז נאָך א „באָי", א „באָי" מיט גראָע האָר, מיט א געבויגענעם רוקן...

דער לעצטער בליק אין שפּיגל, נאָכן ראַזירן, האָט אין אים דערוועקט אַן אָפּשטויסנדיק געפיל צו זיך אליין; ער האָט דאָרט געזען א מיאוסן מענטש, אַן אלטן, אַן אָפּגעלעבטן... ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ — און זיין בליק איז געפאַלן אויפן בעטל, אויפן טישל, אויף דער וואַש-שיסל. ער האָט זיך אין דער דאָזיקער רגע דערפילט אַזוי אומעטיק, אַזוי שרעקלעך עלנט... ער האָט געגומען פאַנטאַזירן פון א שיינער היים, פון א ליבער פרוי, פון זיסע קינדערלעך מיט קלינגענדיקע שטימעלעך. ווי גליקלעך וואָלט ער געווען אין דעם הייליקן פאַמיליע־לעבן און ווי פּוסט און וויסט איז זיין לעבן איצט... וואָס פאַר א מרה־שחורה און אומהיימלעכקייט איז אויסגעגאָסן אויפן צימער מיטן שווארצן קאָפער, וועלכער באַדינט אים און קאָכט זיין עסן...

ליבערמאַן האָט געערעכנט אריינצוגיין אין זיין גרויסער שאָפּ, זיך אריינ־טאָן אין די ביזנעס, ווי שטענדיק, מיט לייב און לעבן און פאַריאָגן די טרויע־ריקע רעיונות, אָבער דאָס איז אים ניט געלונגען; פאַרקערט, זיין שלעכטע שטימונג האָט זיך נאָך פאַרערגערט; ער וויל אויסלאָזן דעם כעס און האָט ניט צו וועמען, ער האָט ניט צו וואָס זיך צו טשעפּען — אַלץ איז אין א גוטער אָרדענונג. זיצט ער פאַרכמורעט אין זיין אָפיס, קוקט אין פענס־טער און טראַכט:

אכט און פערציק יאָר! די בעסטע יאָרן פון זײן לעבן אין אפריקע זענען אװעק אין לויפעניש, יאָגעניש, אין זוכן גליק, אין שטרעבן צו מאכן װאָס מער געלט, צו װערן רײך. ער האָט זיך קײנמאָל ניט פאַרטראַכט װעגן דער װיכטיקער פראַגע פון חתונה האָבן. די בעסטע שידוכים האָט מען אים פאָרגעשלאָגן — און ער האָט זיך שטענדיק אויסגעלאַכט דערפון. ער האָט ניט געװאָלט אויפגעבן זײן פרײ לעבן. חתונה האָבן פאַרזאַמט מען ניט — איז געװען זײן מאָטיװ, און ער איז װײטער געפלויגן, זיך גע־יאָגט נאָך געלט, — ביז ער האָט זיך ארױפגעארבעט אויף א גרויסן שטײ־גער. האָט ער א „קאָנצעשן סטאָר", װאָס ברענגט ארײן גרויסע ריװחים; ער האָט אויך זײן אײגנס א סך הײזער, װאָס ברענגען אים גרויסע סומעס געלט. ער איז רײך! אָבער צוזאַמען מיט דער רײכקײט רוקט זיך אָן פלוצלונג דאָס עלטער... זײנע יוגנטקרעפטן זענען פאַרלאָרן געגאַנגען. זײן אומנאָרמאַל לעבן הויבט זיך אָן נוקם צו זײן אָן אים... ער װעט װערן אלט און שװאַך, ער װעט בלײבן אלײן אויף דער װעלט... פאַר װעמען האָט ער געאַרבעט? פאַר װעמען האָט ער אװעקגעגעבן דאָס בעסטע פון זײן לעבן?

אָט די געדאַנקען האָבן ליבערמאַנען מער ניט אָפּגעלאָזן. מיט יעדן טאָג האָט ער גענומען פילן מער און מער, אז דאָס עלטער רוקט זיך אָן אויף אים. ער האָט גענומען טראַכטן, װי אזוי צו פאַרריכטן דעם פעלער כל־זמן ס'איז נאָך צײט. א גליקלעכע אידעע איז אים געקומען אויפן געדאַנק: ס'איז נאָך גאָרנישט אזוי שלעכט. אמת, זײנע יאָרן זענען אװעק, דערפאַר אָבער איז ער רײך און זײן געלט װעט אים נאָך איצט אויך העלפן חתונה האָבן און אָנהײבן א נײ לעבן. ער װעט „אימפּאָרטירן" א כלה, פּונקט װי ער אימפּאָרטירט אלע סחורות פון זײן שאָפּ, פון יענער זײט ים. ער װעט שרײבן צו זײן שװעסטער אין דער ליטע, ער װעט איר שיקן גענוג געלט, זי זאָל אים ארויסשיקן פון דאָרט אָן אָרנטלעך מײדל, אָן אָרעמע, װאָס װעט זיך שעצן גליקלעך מיט א רײך, גוט לעבן אין אפריקע. זײנע אכט און פערציק יאָר, מיטן צעקנײטשטן פּנים, מיטן אײנגעבויגענעם רוקן, מיט די גאָלדענע צײן — דאָס װעט פאַר איר קײן חסרון ניט זײן...

— — — — — — — — — — —

װײט אין דער ליטע, אין א קלײן שטעטל אין קאָװנער געגנט, האָט געטראָפן אָן אויסערגעװײנטלעכער נס בײ א ייד א קרעמער. װי אלע

יידן אין דער ליטע, איז אויך דער דאָזיקער קרעמער געווען א גרויסער „בעל־מטופל" און ווי געוויינטלעך — א גרויסער אָרעמאַן דערצו. ער איז אָבער געווען איינער פון יענע צופרידענע, וואָס באַגנוגענען זיך דערמיט, וואָס זיי האָבן, און ווילן ניט מער. ער האָט פאַרמאָגט ניט מער ווי זעקס טעכטער און האָט זיכער ניט געוואָלט מער...

דריי טעכטער האָט ער שוין מיט מזל צו דער חופּה געפירט. אָפּגע־נאַרט דריי בחורים, וועקסלען אויף נדן געגעבן, א האַלבע שטוב צוגעזאָגט און נאָך אַזעלכע גליקן, פון וועלכע ס'האָט זיך, ווי געוויינטלעך, אויסגעלאָזן א בוידעם. זענען אָבער פאַרבליבן אין שטוב נאָך דריי מיידלעך, וועלכע זענען, קיין עין־הרע, גאַנץ שיין אויסגעוואַקסן. די יאָרן גייען כסדר, די פּרנסה ווערט שוואַכער, די מיידלעך ווערן עלטער, קיין אויסזיכט אויף שידוכים איז ניטאָ און ביי טאַטע־מאַמע מערן זיך די גראָע האָר אין קאָפּ; און ס'דאַרט דער מוח: וואָס טוט מען? וואָס וועט זיין? — אָבער דער גוטער גאָט פאַרלאָזט ניט! ס'איז געשען א נס — און די אומגעריכטע ישועה איז געקומען דורך א פרוי, וואָס וווינט די לעצטע עטלעכע יאָר אין דאָזיקן שטעטל.

די פרוי איז געקומען אין איין שיינעם טאָג און האָט דערציילט, אַז זי האָט אין אַפריקע זייער א רייכן ברודער א מיליאָנער, א גרויסער מאַן, האָט א סך מאַגאַזינען, גאַנצע גאַסן אייגענע, און אַזוי ווי ער קען דאָרט ניט קריגן אַן אמתע יידישע טאָכטער פאַר א פרוי, האָט ער געשיקט צוויי הונדערט פונט, מ'זאָל אים שיקן עפּעס רעכטס פון דאַנען. ס'פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיידל, וואָס וועט אַהין פאָרן, וועט דאָרט זיין די גליקלעכסטע פרוי אויף דער וועלט... די שוועסטער פונם אַפריקאַנער מיליאָנער האָט געוויזן א בילד פון איר ברודער, וואָס זי האָט געהאַט פון פאַר פופצן יאָר... אַלע האָבן באַטראַכט דאָס בילד מיט גרויס אינטערעס און מ'האָט גלייך געזען, אַז דאָס איז א רייכער מאַן. דעם פּאָטער איז אפילו ניט געפעלן געוואָרן אויפן בילד יענעמס גלאַטראַזירט פּנים, נאָר ער האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק. די מוטער און די טעכטער זענען אַנטציקט געוואָרן פון דעם גרויסן גליק און האָבן זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט.

און ווען ס'האָט זיך גענומען האַנדלען וועגן דעם, וועלכע פון די דריי מיידלעך מ'זאָל שיקן, איז דער גורל געפאַלן אויף חנהלען, די יינגסטע, די בעסטע, די שענסטע, וועמען אַלע האָבן ליב געהאַט פאַר איר פּשוטקייט און גוטסקייט.

דער פּלאַן צו שיקן חנהלען איז געווען פּראַקטיש און לאָגיש אויסגע־רעכנט: ערשטנס, שטייט זי אין וועג די עלטערע שוועסטערן; יעדער חתן, וואָס קומט זען די עלטערע, געפעלט אים בעסער די ייִנגסטע און ס׳לאָזט זיך אויס מיט גאָרנישט. איצט וועט דאָס פעלד בלייבן ליידיק פאַר די על־טערע. צווייטנס, איז א ריזיקע צו שיקן א מיידל ניט קיין שיינע, טאָמער געפעלט זי ניט דעם אפריקאַנער מיליאָנער... אָבער מיט חנהלען איז מען זיכער, אז זי וועט געפעלן, און פון דעם געלט, וואָס דער חתן האָט געשיקט, וועט בלייבן א שיינע מטבע צושטייער פאַר די אנדערע מיידלעך.

דעם מיליאָנערס שוועסטער איז אויך געווען זייער צופרידן צו שיקן איר ברודער אזא טייער קינד, אזא זעלטן מיידל, מיט וועלכער ער וועט קע־נען שטאָלצירן און זיך באַווייזן ביי אלע גרויסע לייט. געוויינטלעך, וועט ער איר דערפאַר שיקן א רעכטע אפּותיקא שדכנות־געלט.

חנהלע אליין, וועלכע האָט שטאַרק געליטן דערפון, וואָס זי דאַרף זיצן ביי די אָרעמע טאַטע־מאַמע אויפן קאַרק און נאָך צוזען די צרות פון די עלטערע שוועסטערן, איז געווען צופרידן מיט דער געלעגנהייט אוועקצופאָרן פון דער היים. דער פאַקט, אז זי פאָרט קיין אפריקע צו א רייכן חתן, וועלכן זי קען ניט און וויס ניט, האָט איר ווייניק אינטערעסירט, און זי האָט ניט פיל געטראַכט דערפון.

חנהלע האָט אויסגעזען ווי א פּרינצעסין מיט איר שיינער, שלאַנקער פיגור אין די שיינע קליידער, וואָס מ׳האָט איר געמאַכט לויט די אָנווייזונגען פון חתנס שוועסטער. ווען ס׳איז געקומען די צייט פון שיידן זיך, האָבן זי אלע נאָך מער ליב געקריגן. די עלטערע שוועסטערן האָבן ביטער גע־וויינט, די מאַמע האָט א פּאָר מאָל געחלשט. נאָר דער טאַטע איז געווען א קלוגער ייד; ער איז געבליבן רואיק. ער האָט אויסגערעכנט, אז האָבנ־דיק אַן אײדעם א מיליאָנער, וועט ער ממילא אויך ווערן א נגיד, וועט ער מער ניט דאַרפן שוואַרצן יעדעס מאָל ס׳פּנים, כדי צו זוכן א גמילות־חסד פאַרן מאַרק. אדרבא, ער וועט לייען אנדערע קרעמער. זייענדיק רייך, וועט ער מיט דער צייט איבערבויען די תלמוד־תורה און מאַכן א נייעם פּאַרקאַן ארום בית־עולם... און מיט א לייכט הארץ האָט ער זיך געזעגנט מיט זיין שיינער טאָכטער, וואָס גייט אוועק פון אים...

— — — — — — — — — — —

ווען ליבערמאַן, דער אלטער „באָי" אין אפריקע, האָט דערהאַלטן א קייבל, אז זיין כלה איז ארויסגעפאָרן, איז ער געוואָרן אויסער זיך פון

אויפרעגונג. ער איז גלייך געפאָרן אין שטאָט אריין צו א קוזינע זיינער, מיסעס לואיס, וועלכע וווינט אין א פיין הויז. ער האָט זי געבעטן, זי זאָל פאָרן קיין קייפּטאון אראָפּנעמען זיין כלה פון דעם שיף און ברענגען זי צו זיך אין יאָהאנעסבורג. אלץ האָט געמוזט געטאָן ווערן אויפן רייכסטן און שענסטן אופן, אזוי, אז זיין רייכטום זאָל איבערראשן דאָס „גרינע" מיידל. אים ווערט דאָס מיידל געפעלן, ווי עס זאָל ניט זיין. ס'האַנדלט זיך דאָך שוין איצט ניט ביי אים וועגן שיינקייט און בילדונג. ער דארף האָבן א פרוי, וואָס זאָל אים באדינען, וואָס זאָל אים אויפפּאסן, וואָס זאָל אים ניט לאָזן בלייבן עלנט אויף זיינע עלטערע יאָרן...

מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער האָט ליבערמאן דערהאַלטן א ידיעה דורכן טעלעפאָן פון זיין קוזינע אין יאָהאנעסבורג: זי איז נאָר־וואָס געקומען פון קייפּטאון מיט זיין כלה; אן אוצר, א ברילִיאנט. יונג, שיין און קלוג. ס'איז געוויס כדאי געווען צו ווארטן אזוי פיל יאָרן...

אונדזער „באָי" האָט עפּעס גענומען טיאַכקען אין הארצן. די אלע מעלות, וואָס ער הערט, האָט ער זיך געקענט פארגינען צו פארלאנגען אמאָל, ווען ער איז אליין אויך געווען יונג און שיין. אָבער איצט — קען דאָס גאָר זיך ארויסווייזן ווי א חסרון פאר אים...

ער האָט געטאָן אלץ, וואָס ס'איז מעגלעך געווען, כדי צו מאכן א גוטן איינדרוק. ער האָט זיך אויסגעפּוצט אין די בעסטע קליידער, דימענטענע רינגען, אַ ברילִיאנטענע שפּילקע אין קראַוואַט. אלץ האָט געשיינט און געפינקלט. אָבער צוריק אויסגלייכן דעם איינגעבויגענעם רוקן, צוריק אריינגעבן א פייער פון יוגנט אין זיינע אויגן — דאָס האָט ער אויף קיין פאל ניט געקענט.

מיט א קלאַפּנדיק הארץ איז ער געקומען אין שטאָט אריין צו זיין קוזינע. ווען ער האָט דערזען חנהלען — איז ער געוואָרן אויסערגעוויינטלעך איבערראַשט. ער האָט זיך געפונען אינגאנצן פארלאָרן אונטער דעם צויבער פון איר יוגנט, פון אירע פלינקע באַוועגונגען, וואָס זענען געווען פול מיט לעבן און קינדערשער נאַיוויטעט. ער האָט באַלד דערפילט דעם גרויסן אונטערשייד, וואָס איז צווישן אים, דעם אלטן פארטריקנטן בוים, און איר — אַט דער יונגער, בליענדער בלום. איר הארץ איז ריין. זי האָט נאָך ס'גאַנצע לעבן פאר זיך.

ווען ער האָט גענומען איר האַנט ביים געזעגענען זיך, האָט ער דער־פילט ווי אַן עלעקטרישער שטראָם וואָלט אדורכגעלאָפן זיינע גלידער.

ער האָט זיך װי פּאַר עפּעס דערשראָקן... ס'איז אים שװער געװען צו פאַרטראָגן דעם לעבעדיקן בליק פון אירע ליכטיקע אויגן...

— — — — — — — — — — — —

שפּעטער מיט עטלעכע װאָכן האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ דראַמאַטישע סצענע אין פײנעם זאַל פון מיסעס לואיס הויז. חנהלע איז געפאַלן דער פרוי אויפן האלדז און האָט זיך ביטער צעװײנט. איר האַרץ איז איבער־פולט געװאָרן און זי האָט מער ניט געקענט אויסהאַלטן.

— אָ, טײערע פרוי — האָט זי זיך געבעטן — איך בין די אומגליק־לעכסטע אין דער װעלט... איך בין װערט, מ'זאָל מיך שלאָגן, הרגענען, ארויסטרײבן, אָבער איך קען זיך ניט העלפן, איך קען זיך ניט פאַרבינדן מיט מיסטער ליבערמאַן. איך בין זײער דאנקבאַר פאַר אַלעם, װאָס ער האָט געטאָן פאַר מיר און װאָס איר טוט פאַר מיר. אָבער באַצאָלן דערפאַר מיט מײן פרײהײט, מיט מײן לעבן — װי קען איך? װי קען מען עס פון מיר פאַרלאַנגען?... ס'טוט מיר זײער לײד פאַר אים; ער פילט זיך דאָך אזוי עלנט אויף די קומענדיקע עלטערע יאָרן. ער דאַרף געװיס האָבן אַ פרוי, װאָס זאָל אויף אים אכטונג געבן, זען, ס'זאָל אים גאָרנישט פעלן, אָבער װאָס קען איך דערצו העלפן?...

מיסעס לואיס האָט ליב געקריגן חנהלען פון דער ערשטער מינוט אָן און מיט איר פרויען־אינסטינקט האָט זי דערפילט, װאָס בײ דעם מײדל אין הארצן קומט פאָר.

— װײן ניט, מײן טײערע — האָט זי געזאָגט גלעטנדיק חנהלעס סאַ־מעט־װײכע האָר — דו האנדלסט װי אַן ערלעכע יידישע טאָכטער. איך קען מײדלעך, װאָס דער בלאַסק פון גאָלד האָט פאַרדאָרבן זײער כאַראַקטער. זײ האָבן חתונה געהאַט מיט אַלטע „באָיס", װעמען זײ קענען ניט ליבן. דער סוף איז, אַז זײ זײנען פאַלש זײערע מענער און שפּילן לינקע ליבעס מיט אנדערע... אָבער דו ביסט ניט פון דעם מין. גאָט װעט דיר געװיס געבן אַ גוטן מזל מיט דײנס גלײכן.

חנהלע איז גערירט געװאָרן, הערנדיק די װערטער פון דער גוטער פרוי, און האָט אויף איר געקוקט מיט דאנקבאַרע בליקן.

— װאָס שײך ליבערמאַנען — האָט יענע װײטער געזאָגט — זאָל ער בלײבן אַן אַלטער בחור. ער האָט עס כשר פאַרדינט. ס'איז געװען אַ צײט, װען ער איז אויך געװען יונג, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ חכם,

קיין מיידל איז אים ניט געפעלן געוואָרן. „חתונה האָבן פאַרזאַמט מען ניט״ — פלעגט ער זאָגן. — זאָל ער איצט וויסן. און זאָל דאָס זיין א לערע פאַר אלע אפריקאַנער אלטע „באָיס״...

די קוזינע האָט געפילט עפּעס א פאַרגעניגן איבערצוגעבן ליבערמאַנען חנהלעס באשלוס. זי האָט געהאַט אן אלטן חשבון מיט אים. ווען זי איז מיט צען יאָר צוריק געקומען קיין אפריקע, איז עס געווען צוליב אים, נאָר ער האָט זי פאַרבראַקירט, מיטן תירוץ, אז ער וויל ניט חתונה האָבן... זי האָט דאַן חתונה געהאַט מיט אַן אנדערן, איז א מוטער פון קינדער און לעבט גליקלעך און צופרידן, — אָבער זי פילט נאָך אלץ א כעס צו איר קוזין פאַר יענער באלײדיקונג. איצט האָט זי געפונען די געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין. מדה כנגד מדה...

ווען ליבערמאַן האָט דערהערט זיין פסק־דין, איז ער ניט געוואָרן צו שטאַרק אנטוישט, פונקט ווי ער וואָלט דאָס דערוואַרט... דאָך האָבן זיך די פאַרבן געביטן אין זיין פּנים און אין זיין הארץ האָט א ציטער געטאָן, אזוי ווי עפּעס וואָלט זיך דאָרט אָפּגעריסן. זיין לעצטער שטראַל פון האָפענונג איז געוואָרן אויסגעלאָשן... ס׳האָט אים גענומען פּלאָגן א געדאַנק פון חרטה, פאַרוואָס ער האָט אזוי פאַרשפּילט זיין לעבן. ער זעט פאַר זיך דעם גן־עדן, אָבער ער קען אהין ניט אריינקומען, ער איז ניט ווערט...

— איך האָב צו איר גאָרנישט — האָט ער געטראַכט — זי וויל זיך ניט פאַרקויפן פאַר געלט, זי וויל ניט זיין פאַלש. איך וועל זי שיקן צוריק אהיים, אויב זי וויל.

ליבערמאַן האָט געפילט, אז ס׳וועט אים שווער זיין דאָס איבערצוטראָגן, חנהלע זאָל ווערן א כלה דאָ אין אפריקע מיט אַן אנדערן „באָי״, — דאָס וואָלט שוין געווען צופיל... ער האָט פאָרגעשלאָגן, זי זאָל פאָרן צוריק אהיים.

חנהלען זענען אין דער קורצער צייט געוואָרן מיאוס די אפריקאַנער גליקן און זי האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג אוועקצופאָרן, אָבער ניט צוריק אהיים, אין דעם ליטווישן שטעטל, צום אָרעמען טאַטן מיט די עלטערע שוועסטערן, נאָר קיין ענגלאַנד, ווו פיל מיידלעך פאַרדינען אויף זייער לעבן דורך אָנשטענדיקער ארבעט. זי וועט זיין איינע פון זיי. ס׳איז איר געווען זייער אומאָנגענעם, וואָס א ווילד פרעמדער מענטש גיט אויס אזוי פיל געלט צוליב איר, אָבער זי האָט באטראַכט, אז פיל ערגער וואָלט געווען, ווען זי זאָל איינשטימען חתונה צו האָבן מיט אים...

װען חנהלע איז אװעקגעפאָרן צוריק קײן קײפּטאון, און ליבערמאַן איז געבליבן שטײן אויף דער פּלאַטפאָרם אין װאָקזאַל, מיטן הוט אין דער האנט, װינטשנדיק איר א גליקלעכע רײזע, האָבן זיך אים אין די אויגן געשטעלט טרערן.

— מײן לעבן איז פארלאָרן — האָט ער געטראכט — איך האָב זיך ארומגעזען צו שפּעט...

— — — — — — — — — — —

ליבערמאַן איז געבליבן אן אלטער בחור. ער האָט אויפגעגעבן אלע קינדערשע רעיונות װעגן חתונה האָבן. ער האָט א ביסל בעסער אויסמעבלירט זײן צימער און גענומען אן אנדערן קאַפּער, א בעסערן קוכער... זײנע ביזנעס גײען אין אָרדענונג, ער האָט זיך ניט אויף װאָס צו באקלאָגן. אָבער זײער אָפט טרעפט, אז ער װערט שלעכט און בײז, זידלט אלעמען און האָט צו קײן זאך ניט קײן געדולד. ס׳טרעפט אויך, אז זיצנדיק אין אָפּיס איבער זײנע ביכער, װערט ער פּלוצלינג פארטראַכט און א פינצטערער װאָלקן פארציט זיך אויף זײן פּנים...

— — — — — — — — — — —

תנאים

אין דער היים האָט מען אים גערופן בערטשע; דאָ איז זיין נאָמען מר. באַרנעט. אין דער היים איז ער געווען א פשוטער פורמאַן; דאָ איז ער א „ספּעקולייטאָר", האַנדלט מיט פערד און מיט אָקסן.

מר. באַרנעט איז א שיינער יונגערמאַן פון א יאָר דרייסיק. ער איז איינער פון די גליקלעכע, וואָס האָבן זיך אין א קורצער צייט ארויפגעארבעט אויף א פיינעם פּארמעגן. זיין גליק וואָלט געווען פולקאָם, ווען אין דער ליטע וואָלט זיך ניט געפונען א פרוי, וואָס האָט צווי קינדערלעך און פאַר־אומערט אים שטענדיק דאָס לעבן מיט אירע בריוולעך. א פרוי, מיט וועל־כער ער האָט אמאָל חתונה געהאַט, ווען ער האָט נאָך קיין שכל ניט געהאַט; א פרוי, וואָס אויסער דעם וואָס זי איז עלטער פון אים און ניט קיין פאַר־שוין, האָט זי נאָך דערצו א פעלער: דער קאָפּ אירער איז א ביסל אָנגע־בויגן אָן א זייט און דערפאַר רופט מען זי „די קרומע וויכנע".

אין דער ליטע, אין זיין שטעטל, איז בערטשע עטלעכע יאָר געווען אַן אָנטרייבער ביי כאַצקל דעם בעל־עגלה. זיין העכסטע אמביציע אין לעבן איז געווען, צו ווערן א בעל־עגלה פאַר זיך מיט אַן אייגענעם שפּאַן. אָט די אמביציע האָט אים פאַרבלענדט די אויגן און אים געטריבן חתונה צו האָבן מיט וויכנען, וועלכע איז געווען א יתומה, און א ברודער פון אמעריקע האָט איר געשיקט נדן. זיין העכסטער ווונטש איז דערפילט געוואָרן. מיט דעם נדן האָט ער איינגעהאַנדלט א שיינע פּאָר פערד מיט א ביידל און איז גע־וואָרן דער בעסטער פורמאַן אין שטעטל. ווען ער האָט אָנגעהויבן קלייבן געלט און זיך גענומען רעכענען פאַר א באַלעבאָס, האָט ער זיך דערפילט עפּעס ווי אַן אנדערער מענטש און געוואָרפן אַן אומחן אויף זיין ווייב. וויכנע, וואָס האָט געוווסט איר פעלער, האָט בערטשען באַהאַנדלט מיט דער גרעסטער ליבע און צערטלעכקייט. אַלץ אין דער וועלט וואָלט זי געטאָן, אבי אים צופרידן צו שטעלן; ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן. זי איז אים מיאוס געוואָרן, און ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ס'זענען שוין געווען צוויי קינדערלעך, האָט ער באַשלאָסן אוועקצופאָרן ערגעץ ווייט אויף אַן אומ־באַשטימטער צייט...

די אָרעמע װיכנע האָט געפּילט, אַז זי בלײַבט אַ פאַרלאָרענע; זי האָט אים אָבער ניט געקענט צוריקהאַלטן. זי האָט אים נאָר געבעטן מיט טרערן, אַז אויב ניט פון אירטװעגן, זאָל ער פון די קינדערס װעגן זי ניט פאַרלאָזן. ער האָט איר צוגעזאָגט צו שיקן אָפּט געלט, און שפּעטער װעט מען זען: ענטװעדער ער װעט קומען צוריק צו איר, אָדער ער װעט זי מיט די קינ־דער אַריבערנעמען אַהין.

און ער איז אװעק אין דער װײַטער אַפריקע.

בערטשע האָט אין אַפריקע געפונען זײַן גליק. אַ „טאָכער" אין דער קאָונטרי האָט אים מיטגענומען מיט זיך. זײַענדיק אַ בעל־עגלה, האָט ער גוט געטויגט צו די פערד און האָט מיט דעם שטאַרק נושא־חן געװען בײַ די בורן. אין אַ יאָר צײַט האָט ער זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַזוי פיל, אַז ער איז געװאָרן אַ „טאָכער" פאַר זיך און אָנגעהויבן מאַכן גוטע געשעפטן. פון צײַט צו צײַט פלעגט ער שרײַבן בריװ אַהײם און שיקן עטלעכע פונט. אָבער װאָס לענגער ער איז געװען אין אַפריקע, אַלץ מער איז אים די קרומע װיכנע אין דער הײם איבערדריסיק געװאָרן און ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן זעלטענער און זעלטענער.

אין עטלעכע יאָר צײַט איז בערטשע געװאָרן אַ לײַט. ער האָט גע־נומען האַנדלען מיט פערד און אָקסן און ס'האָט אים אָפּגעגליקט. ער האָט געמאַכט געלט. מ'שאַצט אים אין די שװערע טויזנטער פונטן. בער־טשע האָט זיך אין משך פון דער צײַט אויסגעלערנט אַ ביסל לײענען און שרײַבן. ער האַלט פון זיך זײער פיל. װען ער קומט אין שטאָט, גײט ער עלעגאַנט געקלײדט און שטײט ניט אײַן ערגעץ אַנדערש, נאָר אין קאַרלטאָן־האָטעל.

מיט זײַן װײַב אין דערהײם איז בײַ אים געװען באַשלאָסן איבערצו־רײַסן — און אַ סוף. ער האָט זיך געשעמט פאַר זיך אַלײן, דערמאָנענדיק זיך, אַז די „קרומע װיכנע" איז זײַן װײַב... סוף־כּל־סוף װעט ער איר שיקן אַ גט — האָט ער געטראַכט — אָבער עס איז זיך ניטאָ װאָס צו אײַלן. ער פילט זיך נאָך נישט אויפגעלײגט דערצו. און שרײַבן בריװ איז אויך ניט נײטיק. אַדרבא, זאָל זי פאַרשטײן, אַז זי האָט ניט אויף װאָס צו האָפן און דער גט װעט פאַר איר ניט זײַן קײן איבעראַשונג. פונדעסטװעגן האָבן אים אירע שטענדיקע בריװלעך שטאַרק דערעסן און אים פאַרשאַפט פאַר־דרוס. אָבער מיטאַמאָל האָט זיך די לאַגע אינגאַנצן געענדערט און מר. באַרנעט איז געװאָרן אַ געהאָלפענער.

א געשיקטער, קלוגער שדכן האָט אים דערטאַפּט און גענומען אים אין דער ארבעט. גענומען איינטענהן מיט אים און דערקלערן, אז עס איז ניט קיין תכלית פאר א מענטשן צו זיין אליין; א „באַי" אין זיין שטאַנד דאַרף זיך „סעטלען". ער קען זיך האָבן א פיינע היים אין שטאָט און טאָן ביזנעס אין דער קאָונטרי. ער האָט פאר אים א מיידל — איז דאָס איינס אין דער וועלט. שיין, קלוג, געבילדעט און פון א פיינער פאמיליע. ער וויל אים ניט איינריידן, ער וויל נאָר, מ'זאָל זיך זען. ער ווייסט, אז דאָס איז א גליק פאר ביידן...

בערטשע איז א ביסל צעטומלט געוואָרן, אָבער ער האָט זיך ניט פארלאָרן. אין דער מינוט איז אים וויכנע נאָך מער מיאוס געוואָרן. לעבן מיט איר ווייטער איז אוממעגלעך. יעדנפאַלס זיך זען מיט א שיין מיידל קען ניט שאַטן. דער שדכן האָט אים צוזאַמענגעבראַכט מיט דער כלהס פאָטער, מ'האָט זיך באַקענט און יענער האָט אים איינגעלאַדן אויף א באזוך.

דער שדכן האָט גאַרנישט מגזם געווען. דער מחותן איז געווען א יאַ־האַנעסבורגער באַלעבאָס און געוווינט אין א פיין הויז. סערעלע, די כלה, איז א בת־יחידה, שיין און גראָטן, מיט העכערער בילדונג און בכלל איז זי א פיין קינד. מר. בארנעט איז אַנטציקט געוואָרן. ער האָט זיך אין איר פארליבט מיטן ערשטן קוק. אויך ער האָט שטאַרק אויסגענומען ביים מחותן, און די כלה איז ניט געווען קעגן. א שיינער יונג, א טיכטיקער געשעפטסמאַן, א רייכער „באַי" און ניט קיין אלטער — וואָס נאָך זאָל זיין?

מר. בארנעט האָט געמאַכט עטלעכע באזוכן, גענומען ס'מיידל אין בייעסקאָפּ — ווי ס'פירט זיך, ביז מ'האָט גערעדט קלאָרע דיבורים און ס'איז געקומען צו דעם, אז דער חתן האָט געקויפט פאר עטלעכע צענדליק פונט צירונג און געגעבן דער כלה א מתנה. דאָס איז נאָר דערווייל, די ריכטיקע מתנות וועלן ערשט קומען צו די תנאים, וועלכע זענען אָפּגעלייגט געוואָרן אויף א געוויסער צייט, ווייל די כלה האָט געוואָלט, מ'זאָל פייערן דעם דאָזיקן יום־טוב אין איר צוויי־און־צוואַנציקסטן געבורטסטאָג. מר. בארנעט, א שיינענדיקער און אין א געהויבענער שטימונג, האָט זיך האַרציק געזעגנט מיט דער כלה און מיט איר פאָטער, אָפּריידנדיק צו שרייבן אָפט בריוו. און ער איז אוועקגעפאָרן צוריק אין דער קאָונטרי צו זיינע ביזנעס.

מר. בארנעטן איז אינגאַנצן ארויס פון זינען זיין פריערדיק לעבן. ער האָט זיך געפילט ווי א פארליבט יונג בחורל און האָט צוויי מאָל א וואָך געשריבן הייסע ליבע־בריוו צו זיין כלה, אויף וועלכע ער האָט דערהאַלטן ווארעמע ענטפערס.

אײן פרימאָרגן האָט אונדזער חתן געבעך געהאַט א שטאַרקן פאַרדרוס. ער איז געזעסן אין זײן שײנעם צימער אין דער קאָונטרי און געשריבן א בריװ צו זײן כלה. װען ער האָט געענדיקט שרײבן, האָט ער דעם בריװ איבערגע־לײענט און עס איז אים גוט געפעלן. ס׳פּנים זײנס האָט געלױכטן פון שמחה. ער האָט צוזאמענגעלײגט דעם בריװ און, פײפנדיק און זינגענדיק, איז ער צוגעגאַנגען צו דעם שראַנק נעמען א קאָנװערט. אָבער אין דער זעלבער מינוט האָט דער קאַפּער־באַי אים דערלאנגט א בריװ, װאָס ער האָט אָפּגע־נומען פון פּאָסט־אָפּיס פאר דעם „באָס״.

מר. באַרנעט האָט אױפגעריסן דעם קאָנװערט, ארױסגענומען דעם בריװ און גענומען לײענען. נאָר פלוצלינג האָט זײן פּנים זיך גענומען שטאַרק ענדערן און באקומען פארשײדענע פארבן. דאָס איז געװען א בריװ פון װיכנען מיט געבעטן און געװײנען, ער זאָל אױף איר רחמנות האָבן.

ער האָט צוזאמענגעלײגט דעם בריװ, אים געטאָן א װאָרף אױפן טיש און גענומען ארומלױפן װי משוגע איבערן צימער.

— װאָס װיל זי פון מיר, די מיאוסקײט ? איך קען זי ניט לײדן און איך װיל פון איר ניט װיסן. באלד נאָך די תנאים װעל איך זען שיקן איר א גט. ס׳זענען דאָ גענוג שײנע יידן אין יאָהאַנעסבורג, װאָס װעלן פאר עטלעכע פונט מאכן אזא גט, אז קײן ילוד־אשה זאָל ניט װיסן. איך װעל איר שיקן דעם גט מיט א פאָר הונדערט פונט דערצו, זאָל זי דאָרט געפינען אַן אַנדער משוגענעם... דערװײל אָבער דאַרף מען אװעקשיקן מײן בריװ צו דער טײערער סערעלען.

ער איז צוגעלאָפן צו דעם שראַנק אין װינקל, ארױסגענומען פון דאָרט א קאָנװערט, אָנגעשריבן דעם אדרעס, אײנגעפּאַקט דעם בריװ און אװעק־געשיקט מיטן „באַי״ צום פּאָסט־אָפּיס. דעם אנדערן בריװ האָט ער צעריסן אױף פּיץ־פּיצלעך און ארױסגעװאָרפן דורכן פענסטער. דער װינט האָט די פּיצלעך פּאַפּיר צעבלאָזן אױף אלע זײטן...

— — — — — — — — — — —

סערעלע איז אין א שײנעם פרימאָרגן געשטאַנען בײם פענסטער פון איר שלאָפצימער, ארױסגעקוקט אין גאָרטן און באטראַכט די שײנע, פאַר־ביקע בלומען. אין איר פאַנטאַזיע האָט זיך גענומען מאָלן איר צוקונפטיק רײך לעבן. זי האָט גענומען קלערן אין װעלכן „האָל״ די חתונה זאָל גע־פײערט װערן און װאָס פאר א מעבל זי זאָל האָבן אין איר נײער הײם.

אירע געדאַנקען האָבן זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, ווען זי האָט דערזען דעם פּאָסטמאַן ביים טויערל פון דער ווערענדע. זי איז ארויסגעלאָפן אנטקעגן, ארויסגעכאַפּט דעם בריוו פון זיין האנט און האסטיק אויפגעריסן דעם קאָנ־ווערט. זי האָט גענומען אייליק לייענען דעם בריוו... נאָר פּלוצלינג האָט איר אָנגעהייבן ווי שווינדלען פאַר די אויגן. אין דער זעלבער צייט איז איר טאַטע ארויסגעקומען און האָט גלייך באמערקט איר צעטראָגנקייט.

— איך האָב דערהאַלטן א בריוו פון באַרנעטן און איך פאַרשטיי ניט...

— האָט זי געשטאַמלט.

— קום אריין אין שטוב, וועלן מיר זען.

דער טאַטע האָט זיך געזעצט ביים טיש, אָנגעטאָן די ברילן און גאַנץ געלאַסן גענומען לייענען:

„צו מיין ליבן מאַן בערטשע זאָל לעבן..."

— ע, ע, ע, אזוי גאָר!... — האָט ער א מורמל געטאָן צו זיך אליין און האָט ווייטער געלייענט:

„איך שרייב דיר דעם בריוו ניט מיט טינט, נאָר מיט בלוט און טרערן... האָב רחמנות אויף מיר מיט די קינדער, לאָז מיך ניט בלייבן קיין וויסטע עגונה... פאַרגעס ניט, אז דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט מיט דיין גוטן ווילן... איך ווייס, אז גאָט האָט מיך געשטראָפט מיט א פעלער. אָבער קיינער האָט דיך דאָך ניט גענויט... און וואָס זענען שולדיק די קינדער־לעך... מיר האָבן געלעבט א פּאָר יאָר, און דו ביסט געווען צופרידן... זע, בערטשע קרוין, האָב רחמנות, העלף אונדז! זאָג זיך ניט אָפּ פון דיין ווייב און קינדער, וועלכע דערווארטן צו הערן פון דיר אין גיכן..."

אונטן אויפן בריוו זענען געווען צוגעשריבן עטלעכע שורות פון רב מיט זיין שטעמפּל: בכן, טאָמער קומט דער בריוו אָן צו אן אנדערן, זאָל מען וויסן, אז בערטשע האָט חתונה געהאַט מיט וויכנען כדת משה וישראל, און ס׳איז דער חוב פון יעדן ייד צו העלפן א יידישע טאָכטער, זי זאָל קיין עגונה ניט בלייבן.

סערעלע איז געשטאַנען די גאַנצע צייט ווי אין א חלום.

— וואָס מיינט עס, טאַטע? — האָט זי שטיל געפרעגט.

— דאָס מיינט — האָט דער טאַטע געזאָגט, אראָפּנעמענדיק די ברילן פון דער נאָז — אז מיר האָבן א גוטן גאָט אין הימל, וואָס גיט אכטונג אויף אונדז. דורך א נס זענען מיר געראַטעוועט געוואָרן פון א גרויס אומגליק... דיין שיינער חתן, דער דזשענטעלמען, איז א געמיינער לומפּ, א שאַרלאַטאַן. ער האָט אוועקגעוואָרפן אין דער היים א ווייב מיט קינדער

און וויל מיט דיר חתונה האָבן... דער בריוו איז פון דער אומגליקלעכער פרוי צו אים...

— ווער זאָל האָבן דעם בריוו געשיקט אהער? — האָט ס'מיידל מיט שרעק געפרעגט — דער אַדרעס איז דאָך זיין האַנטשריפט.

— דאָס פארשטיי איך אויך ניט. אפשר האָט ער אים דורך א טעות אליין איינגעפּאַקט. יעדנפאַלס דאנק גאָט, סערעלע, וואָס מיר האָבן זיך דערוווּסט אין דער צייט.

סערעלע, וועלכע האָט געקענט א ביסל יידיש, האָט אליין גענומען לייענען דעם בריוו און טרערן האָבן זיך געשטעלט אין אירע אויגן.

דער פאָטער האָט זיך געאיילט אוועקצוגיין. ער האָט געבעטן זיין טאָכטער, זי זאָל זיך בארואיקן. ער וועט קומען אין אָוונט, וועט מען זען, וואָס צו טאָן.

סערעלע, א יתומה אָן א מוטער, ניט האָבנדיק פאַר וועמען דאָס הארץ אויסצורעדן, איז דעם גאנצן טאָג ארומגעגאנגען אומעטיק און דערשלאָגן צוליב איר גרויסער אנטוישונג, איר פאלשער פאַנטאַזיע און דער חרפּה פאַר מענטשן...

אין אָוונט, ווען דער פאָטער איז געקומען אהיים, האָט ער דערציילט דער טאָכטער זיין פּלאַן.

— באַרנעט איז אַן אויסוואורף, א באַנדיט, א לומפּ. ער האָט דאָרט אומגליקלעך געמאכט א יידישע טאָכטער און ער וויל דאָס דאָ אויך טאָן. צום גליק האָבן מיר זיך דערוווּסט אין דער צייט. איצט וועלן מיר אים אָפּשפּילן א חתונה, אז ער וועט האָבן צו געדענקען... מיר וועלן פארקויפן די צירונג, וואָס ער האָט דיר געגעבן, און מיר וועלן שיקן נאָך יענער פרוי מיט די קינדער. ערשטנס, וועלן מיר טאָן א גוטע זאך, ווי דער רב שרייבט, מירן ראטעווען אן אומגליקלעכע עגונה. צווייטנס, וועט מען נעמען אָן אים נקמה.

סערעלען איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן. זי האָט רחמנות געהאַט אויף יענער פרוי און זי האָט אויך געוואָלט זיך נוקם זיין אָן אים פאַר די קושן מיט די אלע ליבע־אויסדרוקן, וואָס זי האָט אים ארויסגעוויזן...

מיט א פּאָר טעג שפּעטער איז אָנגעקומען נאָך א בריוו פון מר. באַר־נעט, מיט א פראגע, פארוואָס ער האָט ניט קיין ענטפער. ער איז שרעקלעך אומרואיק.

— איצט — האָט דער פאָטער געזאָגט — זעט מען, אז עס ווייסט פון גאָרנישט, אים פאַלט גאָרנישט איין, אז ער האָט געמאַכט אזא שרעקלעכן

טעות. שרייב אים צוריק א פריינדלעכן בריוו און שרייב זיך דורך מיט אים ווי געוויינטלעך. איך ווייס, אז ס׳איז ניט אָנגענעם צו שפּילן א פאַלשע ראָל, אָבער מיט אזא חברה־מאַן מוז מען אזוי האַנדלען. די צירונג גיב מיר, איך וועל שוין אלץ באזאָרגן.

נאָך אין זעלבן טאָג האָט דער פאָטער פארקויפט די צירונג און אוועק־געשיקט דאָס געלט צו יענעם רב פאר וויכנען, זי זאָל גלייך מיט די קינדער ארויספאָרן און קומען קיין יאָהאַנעסבורג אויף זיין אדרעס. פון קייפּטאון זאָל זי טעלעגראַפירן.

מר. באַרנעט האָט אין יעדן בריוו צו זיין כלה — יעדער פול מיט הייסע ליבע־דערקלערונגען — אויסגעדריקט, ווי אומגעדולדיק ער דערווארט דעם טאָג פון זייערע תנאים, וואָס וועט ביי אים זיין דער גליקלעכסטער טאָג פון זיין לעבן.

— עס וועט אים ווערן פינסטער פאר די אויגן — האָט דער פאָטער געזאָגט — ער וועט טאַקע די תנאים האָבן צו געדענקען אויפן גאַנצן לעבן.

דער פּלאַן איז פּינקטלעך אויסגעפירט געוואָרן. מיט א פאָר מאָנאטן שפּעטער איז אָנגעקומען א טעלעגראַמע פון וויכנען, אז זי איז אָנגעקומען מיט די קינדער קיין קייפּטאָון און זיי פאָרן גלייך ארויס קיין יאָהאַנעסבורג. סערעלע האָט גלייך געשריבן צו איר חתן, אז די תנאים זענען באַשטימט געוואָרן אויף דעם קומענדיקן זונטאָג אָוונט.

שבת פרי איז סערעלע געגאַנגען צום פּאַרק־סטיישן, באַגעגנט וויכנען מיט די קינדער און זיי געבראַכט צו זיך אהיים.

די „גרינע" פרוי איז געוואָרן אויסער זיך, אויסהערנדיק די גאַנצע מעשה, ווי איר מאַן, בערטשע דער פורמאַן, איז דאָ געוואָרן א גאַנצער אריסטאָקראַט, זיך אָנגעגעבן פאר א בחור און געוואָלט חתונה האָבן מיט אזא פיין מיידל. זי האָט זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. זי האָט געמיינט, אז דער מאַן האָט געשיקט נאָך איר, און איצט הערט זי גאָר, אז דאָ שפּילט זיך אָפּ א קאָמעדיע. דאָס געלט, וואָס מ׳האָט איר געשיקט, איז פון די מתנות, וואָס ער האָט געגעבן זיין כלה, און פון איר קומען ווייס ער גאָר־נישט. ווי טרויעריק און לעכערלעך דאָס איז!

דער פאָטער און די טאָכטער האָבן זיך גענומען אדורכצופירן די זאַך מיט דערפאָלג. זיי האָבן איינגעלאַדן צו דעם אָוונט אינטימע פריינד, פאר וועלכע זיי האָבן פארטרויט, וואָס דאָ קומט פאָר — און דער איינפאַל איז אלעמען געפעלן געוואָרן.

ענדלעך איז דער דערוואַרטעטער זונטאָג געקומען.

מר. באַרנעט איז געקומען אין שטאָט אַריין. ער האָט גלייך אינדער־פרי באזוכט זיין כלה און האָט איר פארזיכערט, אז ער איז היינט דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. אויך זי האָט אים געזאָגט, אז דעם היינטיקן אָוונט וועט זי קיינמאָל ניט פארגעסן. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל מיטברענגען אלע זיינע פריינד, און ער האָט מיט פארגעניגן איר צוגעזאָגט.

מר. באַרנעט האָט געוואָלט איבערראַשן זיין כלה דעם אָוונט מיט א טייערער מתנה. ער האָט געקויפט א קאָסטבאַרן רינג און א בראָש מיט בריליאנטן פאר א זייער גרויסער סומע געלט. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, ווי סערעלע וועט צופרידן זיין מיט אזא מתנה, און ער איז שטאָלץ געווען מיט זיך אליין.

אין אָוונט איז אלץ געווען צוגעגרייט אויפן שענסטן אופן. דער לאנגער טיש אין עסצימער איז געווען געגרייט מיט אלעם גוטן. די געסט זענען זיך צוזאמענגעקומען און זיך געפּילט אין א יום־טובדיקער שטימונג. מר. בארנעט, דער חתן, איז געזעסן אויבנאָן אָנגעטאָן אין א שפּאָגל נייעם אָנצוג, מיט א בריליאנטענער שפּילקע אין קראַוואַט און א רינג מיט א גרויסן דימענט אויפן פינגער. ער האָט פשוט געלויכטן ווי דער מאָרגנ־שטערן. די כלה איז געווען אָנגעטאָן אין אירע שענסטע אָוונטקליידער און די אויפרעגונג צוליב דער ראָל, וואָס זי דאַרף שפּילן אין דער דאָזיקער קאָמעדיע, האָט איר צוגעגעבן א זעלטענעם חן. דער גליקלעכער חתן האָט זי געשלונגען מיט די אויגן. ניטווילנדיק איז אין זיינע געדאַנקען אדורכ־געלאָפן די קרומע וויכנע... ער האָט א רייב געטאָן דעם שטערן און גע־נומען טראַכטן פון זיין צוקונפט. ער האָט געשמועסט מיט די געסט, וועל־כע האָבן שטאַרק געלויבט די כלה, און דאָס האָט אים אויפגעהויבן צו די העכסטע שטאַפּלען פון גליק.

אין א זייטיקן צימער האָט זיך געפונען וויכנע. סערעלע האָט זי פריער אין אָוונט א ביסל צוגעפוצט, האָט זי באזאָרגט מיט א מאָדערן קלייד, פיין איר פארקעמט די האָר; האָט איר אָנגעזאָגט, זי זאָל זיך ניט שרעקן. די קינדערלעך זענען אויך געווען זויבער און אָנשטענדיק אָנגעטאָן און ס׳האָט אויסגעזען גאָר נישקשהדיק.

ענדלעך, ווען די גאנצע געזעלשאַפט איז געזעסן ביים טיש, און מ׳האָט ווי געוויינטלעך גענומען טרינקען און ווינטשן גליק, האָט זיך דער חתן אויפגעשטעלט, ארויסגענומען פון דער קעשענע א שיין קעסטעלע מיט די

טייערע מתנות און האָט עס דערלאנגט דער כלה מיט דער באמערקונג: „טראָג עס געזונטערהייט".

— זייער שיין — האָט סערעלע געזאָגט, אנידערלייגנדיק דאָס קעסטעלע אויפן טיש — אָבער ניט איך דאַרף עס טראָגן...

מיט א שנעלער באוועגונג איז זי ארייַנגעלאָפן אינם זייטיקן צימער... א רגע שפּעטער איז זי צוריק אַריינגעקומען, פירנדיק פאר דער האַנט וויכנען קרומער־קאָפּ, וועלכע האָט געציטערט ווי א בלאַט, מיט די קינדערלעך ביי דער זייט...

— אָט די, מר. בארנעט, — האָט סערעלע אויסגערופן — די און ניט קיין אנדערע דאַרף טראָגן אייערע מתנות, ווייל זי איז אייער ווייב!...

מר. בארנעט איז געבליבן זיצן ווי פּאַראַליזירט. זיין פּנים איז געוואָרן בלאַס ווי דער טויט, זיינע אויגן זענען פאַרגלעזערט געוואָרן און אין זיין קאָפּ האָט זיך עפּעס געגומען מישן... איז דאָס ניט א שרעקלעכער חלום?... אָבער אין דעם זעלבן אויגנבליק איז די ציטערנדע וויכנע צוגעלאָפן צו אים, אָנגעכאַפּט זיין האַנט און זיך פונאנדערגעוויינט ווי א קינד:

— בערטשע! בערטשע! האָב רחמנות... פארשטויס מיך ניט פון זיך...

מר. באַרנעט האָט פאַרלאָרן זיינע חושים און זיך געגומען אראָפּלאָזן, פאַלן, ווי אין א תהום אראָפּ... אָבער דער טומל, וואָס איז אַנטשטאַנען אין שטוב, האָט אים צוריק צו זיך געבראַכט. ער האָט געעפנט די אויגן און א קוק געטאָן אויף זיין ווייב מיט א צעשראָקענעם בליק.

— וואָס טוט זיך מיט אייך? — האָט סערעלעס טאַטע איראָניש א זאָג געטאָן — אזעלכע קונצן מאַכט א מאַן, ווען ער טרעפט זיך מיט זיין ווייב?

מר. באַרנעט האָט מער ניט געחלשט. ער האָט נאָר פאַרדעקט ס׳פּנים מיט ביידע הענט און געשוויגן...

— בערטשע — האָט וויכנע ווידער אָנגעהויבן מיט איר באַריטאָן־שטימע — אויב דו ווילסט אויף מיר ניט קוקן, קוק כאָטש אויף די קינדערלעך, ווי זיי זענען, אָן עין־הרע, אויסגעוואַקסן. האָב כאָטש אויף זיי רחמנות...

און דער חתן האָט געשוויגן.

— אלזאָ, מר. באַרנעט, — האָט סערעלעס טאַטע זיך אָנגערופן — די קאָמעדיע איז געענדיקט. איך וויל אייך ניט זאָגן, וואָס איר זענט, פאַר וועלן אומגליקלעך מאַכן מיין קינד, אָדער אן אנדער אומשולדיק מיידל; דאָס קענען אַלע פאַרשטיין. נאָר מיר זענען צופרידן, וואָס דורך אונדזער

הילף זענען אײער פרוי און קינדער איצט נעבן אײך. פאַר זײער רײזע האָט איר באַצאָלט. דאָס געלט איז פון די מתנות, װאָס איר האָט געגעבן מײן טאָכטער. דערװוסט האָבן מיר זיך פונם בריװ פון אײער פרוי מיטן צושריפט פון רב, װאָס איר אַלײן האָט אונדז צוגעשיקט... געװיס איז דאָס געװען א טעות פון אײך... נאָר געגוג צו רעדן פון דעם. מיר װעלן פאַרגעסן אַלץ, װאָס ס׳איז געװען. קומט, חתן, צעקושט זיך מיט אײער װײב און קינדער. לאָמיר נעמען צו קאַפּעלעך און װינטשן מזל־טוב...

— שלעכט !... ביטער !... דער טעם פון טויט... — טראַכט דער חתן און רירט זיך ניט פון אָרט.

— נו, א סוף — האָט אײנער פון די געסט געזאָגט — א װײב איז א װײב. איר האָט געהאַט א „סורפּרײז״, אָבער איצט איז אַלץ גוט. אין אפריקע קען אַלץ טרעפן...

— לײזערקע! צירעלע! — האָט װיכנע גענומען שרײען צו די קינ־דער — אָט איז אײער טאַטע, צעקושט זיך מיט אים...

מר. באַרנעט האָט געזען, אז די קלאָג איז פּאַרטיק, ניטאָ קײן װעג זיך צו ראַטעװען... װען די ערד עפנט זיך אונטער אים, װאָלט ער געװיס אַרײן... ס׳עפנט זיך אָבער ניט גראָד, װען מען װיל... דערפאַר האָט זיך אָבער געעפנט װיכנעס מענה־לשון מיט איר אַלטער טענה:

— װאָס האָסטו צו מיר? װאָס בין איך שולדיק, אז גאָט האָט מיך געשטראָפט? פאַרװאָס האָסטו מיט מיר חתונה געהאַט?...

און צו סערעלען איז זי צוגעלאָפן און האָט איר גענומען קושן די הענט:

— א מלאך! א שליח פון גאָט זײט איר! פאַר דעם חסד, װאָס איר האָט געטאָן מיט מיר און מיט די קינדער, װעט אײך דער אױבערשטער געװיס באַצאָלן, װעט אײך צושיקן א חתן װי איר זײט װערט און איר װעט האָבן א גוטן מזל...

אײנער פון די פאַרזאַמלטע, אַן אַלטער בחור, א דאַרער, מיט א גראָען, פּליכעװואַטן קאָפּ, איז אַרױס פון געדולד:

— יאָלד אײנער! — האָט ער געשריען צום חתן — װאָס מאַכסטו דאָ אַזא אָנשטעל? ס׳איז גאָרנישט אַזױ שלעכט... די מיסעס איז ניט אַזױ אײ־אײ, טאָ װאָס איז דער אומגליק? אַנדערע „באָיס״ װאָלטן זיך װינטשן צו פאַרמאָגן א װײב מיט צװײ קינדער... דיר האָט זיך געװאָלט זײן א װױלער יונג — איז ניט געגאַנגען! טאָ זײ א „ספּאָרט״ און האַלט זיך מיט װאָס דו האָסט...

— טאַטע! פאַרוואָס ווילסטו ניט רעדן צו דער מאַמען? וואָס האָט זי דיר געטאָן? — האָט לייזערקע מיט אן אומשולדיק קינדערש שטימעלע געפרעגט.

— פאַרוואָס מאכסטו דער מאמען וויינען? — האָט צירעלע געפרעגט.

די קינדער האָבן אויסגעזען שיין, קלוג, אָבער מאָגער און אָפּגעצערט.

מר. באַרנעטס שטיינערן האַרץ איז ווייכער געוואָרן. זיינע אויערן האָבן צום ערשטן מאָל דערהערט די שטימען פון זיינע קינדער, פון זיין פלייש און בלוט... ער האָט אין דער מינוט ווי אין אלעם פאַרגעסן. זיינע אויגן האָבן זיך צוזאמענגעטראָפן מיט זיין קינדס שווארצע אויגעלעך, עפּעס ווי א מאגנעט איז אין זיי געלעגן, וואָס האָט אים צוגעצויגן... ער האָט גענומען דאָס קינד צו זיך, באדעקט מיט הייסע קושן, נאָכדעם דאָס צווייטע קינד, און אין זיינע אויגן האָבן זיך באוויזן טרערן...

— יידן, לאָמיר מאכן לחיים! לאָמיר זאָגן מזל־טוב — האָט סערעלעס טאַטע אויסגערופן.

עס זענען אָנגעפילט געוואָרן די גלעזלעך. מר. באַרנעט האָט געמוזט מיטטרינקען. אויך וויכנע און סערעלע האָבן מיטגעהאלטן. מען האָט פאַרלאנגט פון מר. באַרנעטן, ער זאָל צוזאָגן צו פירן אן אָנשטענדיק פאַמיליע־לעבן מיט זיין פרוי און קינדער — און אלץ, וואָס איז פאַרגעקומען, וועט פאַרגעסן ווערן.

און מר. באַרנעט האָט צוגעזאָגט.

— — — — — — — — — — —

אַ מאָדנער טעות

צוויי ווייבער פון דער ליטע זענען געפאָרן קיין אפריקע צו זייערע מענער, איינע פון פאָקראָי, די אנדערע פון שאַדעווע. איינע האָט געהייסן — גרונע-דבורה, די אנדערע — דבורה-גרונע.

גרונע־דבורהס מאַן איז אוועק פון דער היים מיט צוואנציק יאָר צוריק, איבערלאָזנדיק זי מיט צוויי קינדער, א ייִנגעלע און א מיידעלע. מיט דריי יאָר שפּעטער איז דאָס מיידעלע געשטאָרבן. פון אפריקע פלעגט דאַן גרונע־דבורה דערהאַלטן זייער זעלטן בריוו מיט זייער ווייניק געלט. זי איז געצוואונגען געווען שווער צו אַרבעטן, כדי מפרנס צו זיין זיך מיטן קינד. די לאנגע, שווערע יאָרן מיטן עלנטן לעבן האָבן זי אלט געמאַכט פאַר דער צייט. אכצן יאָר זענען אזוי אוועק און זי האָט שוין פארלאָרן יעדע האָפענונג זיך צו זען מיט איר מאַן. מיטאַמאָל איז אָנגעקומען א בריוו מיט געלט פון אַפריקע. דער מאַן שרייבט, אז ער ווייסט, אז ס׳איז שוין צייט זיי אריבערצונעמען, אָבער ער קען דאָס מיט איינמאָל ניט באַווייזן. דערווייל שיקט ער רייזע־געלט, דער זון זאָל קומען, און אין צוויי יאָר ארום וועט ער אויך אריבערנעמען זיין „ליבע" פרוי. דער זון איז דאַן אוועק־געפאָרן. די צוויי יאָר זענען פאַרלאָפן; דער מאַן האָט געהאַלטן וואָרט, געשיקט נאָך איר, און איצט פאָרט גרונע־דבורה צו איר מאַן קיין אפריקע.

די אַנדערע, דבורה-גרונע, האָט שוין געהאַט א בעסערן מזל. איר מאַן האָט זי אויך איבערגעלאָזן מיט ניינצן יאָר צוריק, אָבער זי האָט ניט אזוי פיל געליטן. קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט צו דערציען, און קיין דאגת־פרנסה — אויך ניט. זי האָט געהאַט א קרעמל, פון וועלכן זי האָט געצויגן איר חיונה. איז אָנגעקומען געלט פון אפריקע, איז געווים געווען גוט, אז ניט — איז אויך ניט געווען קיין גרויס אומגליק. פון דער נאַטור איז דבורה־גרונע געווען א שיינע פרוי, און ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין אנדערע צרות, אויסער דער עלנטקייט, האָט זי די נאַטור געשאָנעוועט און זי האָט ניט אויסגעזען עלטער ווי אירע דריי און פערציק יאָר.

ביידע ווייבער האָבן זיך געטראָפן ביי דער גרענעץ, אדורכגעמאַכט אלע פאָרמאַליטעטן, ביז זיי זענען ארויף אויף דעם שיף. זיי האָבן זיך באַפריינדעט און געוואָרן ווי צוויי שוועסטערן. ביידע האָבן דעם זעלבן

גורל,ביידע האָבן אָפּגעפּינסטערט א לעבן און ביידע פאָרן צו זייערע אמאָליקע מענער. ווען גרונע־דבורה פלעגט קוקן אויף דבורה־גרונען, פלעגט זי פילן א מין קנאה.

— אַט פאַרט א ווייב צו א מאן — פלעגט זי טראַכטן — שיין, יונג, געזונט; און איך, מישטיינס געזאָגט, בין א צעבראָכענער, אלטער שארבן...

דעם גאַנצן וועג האָבן די ווייבער גערעדט פון די מענער: ווער ווייסט ווי זיי זעען אויס, צי מ׳וועט זיי גאַר דערקענען. אין אפריקע וועלן זיי זיך שיידן. די מענער ווינען אין פארשידענע שטעט. גרונה־דבורהס מאַן — אין יאָהאַנעסבורג, און דבורה־גרונעס מאַן — אין פּרעטאָריע.

אָנקומענדיק קיין קייפּטאון, זענען די ווייבער געווען שטאַרק צופרידן צו טרעפן אַ מאַן, וואָס האָט זיי אָפּגעוואַרט ביי דעם שיף. דאָס איז געווען א גוטער פריינד פון דעם פּרעטאָריער, וועלכער האָט אים געבעטן דורך א בריוו, ער זאָל אָפּנעמען זיין פרוי פון דעם שיף און אריבערשיקן זי צו אים קיין פּרעטאָריע. געוואַרט האָט דער מענטש אייגנטלעך אויף דבורה־גרונען, נאָר אין איר זכות האָט שוין גרונע־דבורה אויך געגאָסן. זי האָט אים געבעטן, ער זאָל איר אויך ארויסהעלפן.

— געוויס, געוויס, פאַרוואָס ניט? — האָט יענער איינגעשטימט.

דער מאַן האָט זיי אוועקגעפירט צום וואָקזאַל, באקוקט זייערע אדרעסן, געקויפט צוויי בילעטן: איינעם קיין יאָהאַנעסבורג, און איינעם קיין פּרעטאָריע. ער האָט געגעבן יעדער פרוי איר בילעט און ביידע אָנגעזאָגט, זיי זאָלן ניט אויסשטייגן, ביז דער קאָנדוקטאָר וועט הייסן. דער פרעמדער מאַן איז נאָך געווען אזוי פריינדלעך, אז ער האָט אוועקגעשיקט טעלעגראַמעס אויף ביידע אדרעסן, אָנזאָגנדיק די מענער די גוטע בשורה, אז זייערע ווייבער זענען אָנגעקומען בשלום און זיי פארלאָזן קייפּטאון דעם זעלבן טאָג.

— — — — — — — — — — —

ווען סעמיול אין יאָהאַנעסבורג האָט, באַדינענדיק א קונה אין זיין שפּייז־קראָם, דערהאַלטן א טעלעגראַמע פון קייפּטאון, אז זיין ווייב איז ארויסגעפאָרן, האָבן אים אָנגעהויבן די הענט צו ציטערן. ער איז דעם גאַנצן טאָג ארומגעגאַנגען ווי אין א חלום און האָט ביינאַכט ניט געקענט שלאָפן. ווען ער האָט געדאַרפט גיין צום וואָקזאַל, האָט ער זיך שרעקלעך געאיילט — און האָט פון גרויס איילעניש פארשפּעטיקט. ער איז געקומען אויפן וואָקזאַל, ווען די פרוי איז געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרם צעשראָקן

און אומבאַהאָלפן. ער האָט גלייך באמערקט די „גרינגע" פרוי און איז אנט־ציקט געוואָרן:

— איך האָב גאָר אליין ניט געוווּסט, אז איך האָב אזא שיין ווייב — האָט ער געטראַכט.

— דבורה! — האָט ער, צוגייענדיק צו איר, געזאָגט האלב־פארשעמט.

— יע, ווער זייט איר?

— וואָס? דערקענסט ניט דיין מאַן? — האָט סעמיול געזאָגט, ארומ־נעמענדיק די שיינע פרוי און קושנדיק אירע ליפּן — אויף אזוי פיל האָב איך זיך געענדערט?...

— אינגאַנצן אנדערש — האָט די פרוי געשטאַמלט, קוקנדיק אויף אים.

דו ביסט אויך געוואָרן אַנדערש — האָט ער צופרידן געזאָגט — צוואַנציק יאָר איז ניט קיין קלייניקייט...

— קום, דבורהלע, אהיים. נאָך די זאכן וועל איך קומען שפּעטער.

א ביסל שפּעטער זענען זיי שוין געווען אין סעמיולס הויז, ביים שאָפּ, וווּ עטלעכע פרויען, קליענטינס, וואָס ווינען ניט ווייט, זענען געקומען מקבל־פּנים זיין די נייע באלעבאָסטע.

— איצט וועט די שאָפּ אָפּלעבן — האָבן די פרויען געזאָגט — אז אזא פרוי וועט שטיין אין שאָפּ, וועט זיין גאָר עפּעס אנדערש.

סעמיול קלייבט נחת, קוקנדיק אויף איר. ס'וווּנדערט אים גאָרנישט, וואָס ער קען זי ניט. ס'איז דאָך צוואַנציק יאָר! א מענטש ווערט אנדערש... ס'דאכט זיך אים, אז זי איז עפּעס ווי אונטערגעוואַקסן דורך דער צייט, האָט גאָר אַן אנדער פיגור. נאָר ער וויל קיין קשיות ניט פרעגן; אדרבא, ער איז צופרידן. זי אָבער איז ניט שטאַרק צופרידן. געוואַלד, ווי קען דאָס פון א מענטש אזוי ווערן? מילא, ער איז גראָ — נו, דאָס איז א נאטור אזא. אָבער ער איז אויסגעדארט, איינגעהויקערט און אינגאנצן אַן אנדע־רער טיפּ... נאָר וואָס קען מען טאָן? צוואַנציק יאָר מאכן פון א מענטש א תל...

סעמיול האָט איצט ניט געהאַט קיין סך צייט צו פארברענגען. ס'זענען אָנגעקומען קונים אין שאָפּ. דערווייל האָט דער קאָפער געמאַכט טיי, און די נייע באלעבאָסטע האָט באקוקט די צימערן מיט אלע זאכן.

פארנאַכט, ווען סעמיול האָט צום ערשטן מאָל נאָך צוואַנציק יאָר זיך געזעצט עסן צוזאַמען מיט זיין ווייב, וועלכע איז דורך דער צייט געוואָרן א פארשוין, האָט ער זיך אויך דערמאָנט אַן זיין זון, וועלכער ארבעט אין

דער קאָונטרי. ער האָט היינט אינדערפרי באקומען א בריוו פון אים, אז ער וועט מאָרגן קומען זען די מאַמע.

— דבורהלע, מיין לעבן — זאָגט ער צו איר ווי א יונגערמאן צו א יונג ווייבעלע — איך האָב דיר פארגעסן צו זאָגן: יאָסל קומט מאָרגן.

— ווער איז דער יאָסל? — האָט דבורה־גרונע נייגעריק געפרעגט.

— וואָס הייסט, ווער? — האָט סעמיול פארוווּנדערט געזאָגט — אונדזער זון יאָסל.

— וועלכער זון?... — האָט די פרוי א געשריי געטאָן, זיך אויפהויבנדיק פון אָרט — ווע־ווער זייט איר?!...

סעמיול איז געבליבן זיצן מיטן גאָפּל־מעסער אין די הענט, מיט אן אָפן מויל און גלעזערנע אויגן.... ער האָט זיך דערשראָקן, מיינענדיק, אז פון אויפרעגונג איז זיין פרוי געוואָרן גערירט פון זינען.

— בארויִק זיך, דבורהלע! — האָט ער געזאָגט, צולויפנדיק צו איר און גלעטנדיק אירע פולע באָקן — ס'איז טאַקע צופיל פאר איין טאָג... דו ביסט נאָך צערודערט פון וועג...

— וווּ בין איך? — האָט די פרוי גענומען שרייען, רויט ווערנדיק — זאָגט מיר, ווער זייט איר?...

— איך האָב דאָך געשיקט נאָך דיר! קענסט ניט דיין מאַן, שמואלן?

— ניין — האָט די פרוי גענומען וויינען, פאַרדעקנדיק איר פּנים מיט די הענט — איר זייט ניט מיין מאַן, איר זייט א פרעמדער... מיין מאַנס נאָמען איז שלמה...

— וואָ־אָס? — האָט דער אָרעמער שמואל גענומען שטאַמלען — איך האָב דאָך געשיקט נאָך מיין ווייב...

— ווי רופט מען זי?

— גרונע־דבורה, ווי דען?!

— טאָ זאָלט איר וויסן, ר' שמואל, אז מיר זיינען פרעמדע מענטשן... מיין נאָמען איז דבורה־גרונע, נאָר איך בין געפאָרן מיט אייער ווייב דעם גאַנצן וועג.

— טאָ וווּ איז גרונע־דבורה? — האָט שמואל געפרעגט, ווערנדיק בלייך ווי די וואַנט...

— דאָרט וווּ איך האָב געדאַרפט זיין... אָט איז דער אדרעס, אויב ער איז אויך ניט פארביטן — האָט די פרוי געזאָגט, ארויסנעמענדיק פון טייסטערל א צוזאַמענגעלייגט שטיקל פּאַפּיר.

שמואל האָט געשווינד איבערגעלייענט: „מיסטער סאַלאָמאָן, ברום סטריט, פּרעטאָריע״.

— יע, יע, פּאַטאָרי. אהין האָב איך טאַקע געדאַרפט פאָרן. דאָרט איז אייער גרונע־דבורה. דער מאַן, וואָס האָט אונדז אָפּגעוואַרט ביי דעם שיף און געקויפט פאַר אונדז בילעטן, האָט פאַרביטן — און מיר זיינען געפאָרן פאַרקערט...

— זייט איר זיכער, אז ס׳איז אזוי? — האָט דער אומעטיקער שמואל ווי זיך בעטנדיק געזאָגט — קען דאָס טאַקע אנדערש ניט זיין?...

— גאָט איז מיט אייך! איר קענט דאָך ניט האָבן אַן אַנדערנס ווייב...

— נו, נו, — האָט שמואל האלב־פאַרדריסלעך געזאָגט — אויב אזוי, טאָ קומט צום וואָקזאַל. אויב ס׳גייט באַלד א צוג קיין פּרעטאָריע, וועלן מיר גלייך פאָרן.

— ווי זעט אויס מיין פרוי? — האָט שמואל געפרעגט, גייענדיק צום וואָקזאַל.

— גלויבט מיר, ווי זי זעט אויס — איז נאָך צו גוט. א קליינקייט, וואָס זי האָט זיך אָנגעליטן אין די צוואַנציק יאָר!

שמואלן איז זויער געוואָרן אין מויל. ער שווייגט און קוקט מיט זשעדנע בליקן אויף דער שיינער פרוי, וואָס איז א קורצע צייט געווען זיין ווייב...

— — — — — — — — — — —

ווען סאַלאָמאָן אין פּרעטאָריע האָט אָפּגענומען פון וואָקזאַל גרונע־דבורהן, האָט ער איינגאַנצן פאַרלאָרן דעם מוט. ווער זאָל זיך דאָס פאָרשטעלן, זי זאָל ווערן אזוי אַלט און צעבראָכן? ווען ער וואָלט עס געוווסט פריער, וואָלט ער גאָרנישט געשיקט נאָך איר. ס׳איז פּשוט א חרפּה פאַר מענטשן... נאָר פאַרפאַלן! וואָס קען מען טאָן? מ׳מוז זיך האלטן מיט דער סחורה.

גרונע־דבורה איז געווען מער ווי צופרידן. איר מאַן איז עפּעס געוואָרן אַ גאַנצער פריץ. זי קען אים בשום אופן ניט דערקענען. נאָר ס׳איז גאָרנישט. מ׳ווערט אנדערש. א מאַנסביל עלטערט זיך ניט אזוי גיך. וואָס פאַר א זאָרג האָט ער געהאַט? געדאַרפט קינדער דערציען, וואָס?

— אַי, ווען איך בין דאָס ווי יענע יידענע, וואָס איז מיט מיר געפאָרן — האָט זי געטראַכט מיט קנאה — ווי גליקלעך איך וואָלט איצט געווען! נאָר מ׳טאָר ניט זינדיקן. דאַנקען גאָט, אז ס׳איז אזוי.

זי איז געווען אזוי איבעררעשט און אויפגערעגט אין אָנהייב, אז זי האָט גאָר פארגעסן צו פרעגן זיך אויפן זון, נאָר מיט א פאָר שעה שפעטער, ווען מ׳האָט זיך געזעצט עסן, האָט זי גלייך א פרעג געטאָן:

— ווו איז ערגעץ יאָסל?

— וועלכער יאָסל?...

די פרוי איז בלאס געוואָרן.

— וואָס הייסט? אונדזער זון יאָסל...

— וואָס פאר א זון? ווען א זון? עפעס איז דאָ ניט ריכטיק...

— שמואל! — האָט די פרוי אויסגעשריען.

— וואָס פאר א שמואל! מיין נאָמען איז גאָר שלמה.

— אָ, רבונו־של־עולם! — האָט די אלטע ציטערנדיק געשטאַמלט — איר זייט ניט מיין מאַן!... יענע איז אייער ווייב...

שלמה, וועלכער האָט פרייער אָפגעאָטעמט און געווען צופרידן, וואָס זי איז א פרעמדע, האָט זי באַרואיקט.

— וואָס טויג זיך צו ערגערן. דערציילט בעסער וואָס דאָ איז.

— דער מאַן, וואָס האָט אונדז געגעבן די בילעטן, האָט געמוזט מאכן א טעות — האָט זי פארשעמט געזאָגט — אייער ווייב איז געפאָרן צו מיין מאַן...

— א שיינע חתונה האָט דער פריינד מיינער אין קייפטאַון אויפגעשפילט — האָט שלמה מיט א שמייכל געזאָגט.

— אָט איז דער אַדרעס — האָט די פרוי דערלאַנגט אים א שטיקל פאַפיר.

שלמה איז אדורכגעלאָפן מיט די אויגן: „מיסטער סעמיול, גראַוו סטריט, יאָהאַנעסבורג".

— קענט איר מיר דאָך אָפגעבן א גרוס פון מיין אמתער פרוי!

— יע, מיר זיינען געפאָרן דעם גאַנצן וועג צוזאמען. זי איז, אָן עין־הרע, יונג און שיין.

— אזוי? טאָ לאָמיר טאַקע שוין גיין צום וואָקזאל. מיר וועלן פאָרן קיין יאָהאַנעסבורג זיך אָפבייטן...

גרונע־דבורה איז געזעסן אין וואַגאָן די גאַנצע צייט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן. זי האָט זיך געשעמט, ווי א גנבטע, צו קוקן סאָלאָמאָנען גלייך אין

די אויגן. ס׳איז איר אויסגעקומען ווי זי וואָלט באַגאַנגען אַ פאַרברעך, צו זײַן עטלעכע שעה זײַן ווײַב.

ווען זײ זענען אָנגעקומען קײן יאָהאַנעסבורג, האָבן זײ, אויסשטײַגנדיק פון צוג, אָנגעטראָפן אויף דער פּלאַטפאָרם שמואלן מיט דבורה־גרונען.

— אָט איז זי! — האָט גרונע־דבורה אַ געשרײ געטאָן.

— דבורה־גרונע!

— שלמה!

און בײדע האָבן זיך געכאַפּט קושן.

— שמואל! — האָט די אַלטע מיט טרערן געזאָגט.

דער אָרעמער שמואל, ווי אַ פאַרמשפּטער, האָט געצוואונגענערהײט זיך צעקושט מיט זײַן פלוניתטע, קלערנדיק דערבײ: כּדאי געווען זיך בדלות צו שטעלן און אַראָפּצוברענגען אַזאַ חפץ...

— האָט איר שוין אַמאָל געהערט, ס׳זאָל טרעפן אַזאַ מאָדנער טעות? — האָט דער פרײלעכער שלמה געפרעגט.

— אין אַפריקע — האָט דער אומעטיקער שמואל געענטפערט — קען אַלץ טרעפן...

— — — — — — — — — — —

פאַרבאָרגענע ליידן

אין א גרויס, רייך־מעבלירט הויז, מיט א פראַכטפולן גאָרטן פול בוימער און בלומען, אין א פיינער געגנט אין יאָהאַנעסבורג, וווינט ר׳ שלום פעשעס מיט זיין ווייב פעשע, ווי אויך זייער טאָכטער אלטעטשקע מיט איר מאַן האַרי.

ר׳ שלום און זיין פרוי זענען אינגאַנצן צופרידן. זיי האָבן דערגרייכט די גרויסע שטרעבונג פון זייער לעבן: זייער איינציקע טאָכטער, אלטעטש־קע, איז רייך און גליקלעך. מער דארפן זיי ניט, מער ווילן זיי ניט.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, ווען ר׳ שלום האָט זיך פאַרגענומען צו פאַרלאָזן זיין שטעטל אין דער ליטע און פאָרן קיין אפריקע, האָבן זיך אלע געוווּנדערט: א מענטש, ווייט אין די מיטעלע יאָרן, זאָל פלוצלינג אוועק־וואַרפן זיין היים און זיך אוועקלאָזן פאר טויזנטער מיילן זוכן גליקן! אמת, די פרנסה איז שווער און דאָס לעבן איז געמאַטערט, אָבער פונדעסטוועגן לעבט מען דאָך דורך. פאָרן אין דער וועלט אריין זוכן גליקן, פאַסט פאר א געזונטן, יונגן מענטשן, אָבער ניט פאר א ייד, וואָס שטייט שוין נאָענט צו דער עלטער...

די, וואָס האָבן זיך געוווּנדערט, האָבן אָבער ניט געוווּסט, אז ר׳ שלמה פאָרט ניט זוכן קיין גליקן פאר זיך. ער פאָרט קיין אפריקע מיט דער אויס־רעכענונג צו מאַכן דאָרט געלט אויף א שיינעם נדן פאר זיין בת־יחידה אלטעטשקע, וועלכע איז אים טייער ווי אַן אויג אין קאָפּ. דאָס איז אייגנט־לעך א נאַטירלעך געפיל פון יעדן פאָטער צו זיין קינד. אָבער ביי ר׳ שלמהן איז די ליבשאַפט צו זיין טאָכטער געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע. פאר אָט דער ליבשאַפט איז ער גרייט געווען צו ליידן און צו ברענגען קרבנות: צו פאַרלאָזן זיין היים, זיין סביבה, זיין בית־המדרש — און זיך אוועקלאָזן אין דער פרעמד, האַרעווען שווער און אָפּקומען, — און אלץ פאָרן גליק פון זיין קינד.

פעשע האָט זיך אויך פאַרוווּנדערט, הערנדיק איר מאַנס באַשלוס. אָבער ווען ער האָט איר דערקלערט דעם צוועק פון זיין פאָרן, אז דאָס איז צוליב זייער איינציק קינד, האָט זי גלייך איינגעשטימט און איר גוטער מאַן איז ביי איר געוואָרן נאָך טייערער ווי פריער.

אלטעטשקע, וועלכע איז געווען איבערגעגעבן אירע עלטערן מיט לייב און לעבן, האָט געבעטן דעם טאַטן, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פונעם געדאַנק צו פאָרן. ס׳איז איר געווען שטאַרק פיינלעך, אז צוליב איר זאָל דער טאַטע אויף די עלטערע יאָרן פארלאָזן די ליבע היים, ברענגען פאר א קרבן זיין באקוועמלעכקייט און זיך וואלגערן פאר טויזנטער מיילן אין דער פרעמד. זי איז יונג און שטאַרק, זי וועט אוועקפאָרן אין א גרויסער שטאָט אריין, זי וועט דאָרט ארבעטן און פארדינען. איר פאָטער האָט אָבער ניט געוואָלט הערן דערפון. ער האָט זיין באשלוס ניט געענדערט. ער איז אוועק קיין אפריקע.

פינף יאָר האָט ר׳ שלום זיך געפּלאָגט אין אפריקע. ער האָט געהאנדלט מיט אלטע קליידער און געהאָט א געמאַטערט לעבן. דורך דער צייט איז זיין געזונט שוואַכער געוואָרן און דאָס לעבן איז געוואָרן שווערער און שווערער. ווי לאַנג נאָך קען ער זיך אזוי פּלאָגן? און וואָס וועט ווערן פון אלטעטשקען?

איז אָבער שלום א ייד מיט אמונה און בטחון. ער האָט זיין האָפענונג ניט פארלאָרן. ער האָט כסדר געאַרבעט שווער און ביטער, ביז גאָט האָט זיך דערבאַרעמט און די ישועה איז געקומען גאָר אומגעריכט...

האַנדלענדיק מיט אַלטע קליידער, האָט ר׳ שלום צופעליק זיך באקענט מיט אַ רייכן מאַן, וועלכער פלעגט מיט אים רעדן יידיש און אים געבן שטענדיק גוט צו פארדינען. פאר דעם דאָזיקן מאַן האָט ר׳ שלום זיך אמאָל ארויסגערעדט וועגן זיין לאַגע. יענער האָט אים מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט אויסגעהערט. ער האָט ר׳ שלומען געזאָגט, אז ער איז נאָך א בחור, ער איז רייך, ער וויל חתונה האָבן מיט א שיין, יונג מיידל פון אָרנטלעכע עלטערן, ס׳מאַכט ניט אויס, זי זאָל זיין א „גרינע״. ער וועט איינאָרדענען א גרויסאַרטיקע היים און וועט האַלטן אירע עלטערן מיטן גרעסטן כבוד. ער פארמאָגט גענוג. די הכנסה פון זיינע הייזער אליין באַטרעפט איבער צוויי הונדערט פונט א חודש, א חוץ אנדערע געשעפטן.

ר׳ שלמה האָט אין דעם געזען א צייכן פון דער השגחה פרטית. דאָס איז דאָך פונקט די זאַך, וועגן וועלכער ער האָט אזוי לאַנג פאַנטאַזירט און געהאָפט. ער האָט פארזיכערט יענעם גביר, אז אלטעטשקע איז דאָס שענסטע און בעסטע מיידל אין דער וועלט, און דער מענטש, וואָס וועט זי קריגן, וועט זיין דער גליקלעכסטער.

די זאַך איז גלייך געוואָרן באשלאָסן. דער אלטער, רייכער אפריקאנער, וואָס איז געווינט שטענדיק צו שפעקולירן, האָט גענעבן ר׳ שלומען געלט אויף אראָפּצובריינגען זיין שיינע טאָכטער מיט זיין פרוי.

ר׳ שלום האָט געשריבן אהיים פון דעם אומגעריכטן גליק. אלטעטשקע וועט זיין א גבירטע. דער איידעם וועט זיי אויך ניט אוועקלאָזן און זיי וועלן זיין צוזאמען. ער האָט אויך געשריבן, אז די פינף יאָר האָבן אים געמאַכט אזוי אַלט און שוואַך, אז ווען גאָט וואָלט ניט צוגעשיקט אָט דאָס גליק, ווייסט ער ניט, וואָס ס׳וואָלט געווען...

מיט א פּאָר חדשים שפּעטער זענען זיי געקומען.

ר׳ שלומס האָפענונג איז דערפילט געוואָרן פיל בעסער, ווי ער האָט זיך געקענט פארשטעלן. אלטעטשקע איז באהאָנגען געוואָרן מיט דימענטן און בריליאנטן. זי לעבט ווי א גרעפין אין אן אמתן פּאַלאַץ — און זיי זענען צוזאמען...

— — — — — — — — — — —

זעקס חדשים שפּעטער.

אין איינעם פון די גרויסע זאַלן פון דעם רייכן הויז, ביי א טייערער פּיאַנאָ, זיצט אלטעטשקע, די באַלעבאָסטע פון הויז, פארטראַכט. אירע פינגער מיט די פינקלדיקע בריליאנטן רוען אויף די קלאַווישן און אירע אויגן קוקן שטאַר אין דעם בוך נאָטן, וואָס ליגט פאר איר. אלטעטשקע האָט אויף איר לעבן קיין פּיאַנאָ ניט געשפּילט, נאָר איר רייכער מאַן, האַרי, פארלאנגט דורכאויס, זי זאָל זיך לערנען שפּילן — און זי פּאָלגט אים...

ס׳איז פארנאכט. דורך די געדיכטע צווייגן פון די הויכע בוימער אין גאָרטן רייסן זיך אדורך גאָלדענע שטראַלן, דרינגען אריין דורך די קריש־טאָלענע פענסטער, ציען זיך ביז צו דער פּיאַנאָ און באלייכטן אלטעטשקעס געזיכט, אויף וועלכן ס׳איז אויסגעגאָסן אן אויסדרוק פון פארבאָרגענע ליידן...

א מעלאַדישער קלאַנג פון אַן אַנטיק־זייגער ערגעץ אין א ווינקל פון זאַל האָט זי ווי פון שלאָף אויפגעוועקט. זי שטעלט זיך אויף, פירט מיט דער האנט איבערן שטערן און נעמט האַסטיק ארומגיין איבערן זאַל.

שלאַנק, גראַציעז און פול מיט חן איז אלטעטשקע. זי האַרמאָנירט פולקאָם מיט אלע שיינע אנטיקן און אָרנאַמענטן. ס׳פּאַסט איר צו לעבן

אין דעם גרויסן לוקסוס. אויסערלעך זעט זי אויס צו זײַן גליקלעך, אָבער דער טיפער ערנסט אין אירע בליקן פאַרראַט איר האַרץ...

זי בלײַבט שטיין נעבן א מאַרמאָרנער סטאַטוע און גיט זיך א כאַפּ פאַרן קאָפּ.

— גאָט אין הימל! וואָס זאָל איך טאָן? איך קען אים ניט ליבן... איך קען אים ניט לײַדן... זײַן אָפּשטויסנדיקע פּערזאָן, זײַן עלטער, זײַן באַנעמונג מיט זײַן גאַנצער האַלטונג... אַ, ווי שלעכט, ווי פאַלש איך בין! ער האָט דאָך אונדז גליקלעך געמאַכט... מײַן אַלטער, קראַנקער טאַטע, מײַן ליבע, שוואַכע מאַמע, — וואָס וואָלט פון זײ געוואָרן? ער דערהאַלט זײ דאָך דאָס לעבן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן צוליב מיר... און איך בין פאַלש ווי א שלאַנג, איך האָב אים פײַנט... וואָס טויגן מיר די גרויסע זאַלן מיט די אַלע טײַערע זאַכן? וואָס טויג מיר ס׳גאָלד און די דימענטן, ווען מײַן האַרץ איז געבראָכן, ווען מײַן לעבן איז רואינירט?...

— אָבער — באַשליסט אַלטעטשקע, גייענדיק צוריק צו דער פּיאַנאָ — מײַן גוטער טאַטע זאָל נאָר ניט באַמערקן מײַנע לײַדן; ער וועט עס דאָך ניט אויסהאַלטן. ער מיינט, אַז כ׳בין גליקלעך, זאָל ער ניט זען, אַז ער האָט א טעות. איך מוז באַגראָבן מײַנע געפילן טיף אין מײַן פאַלש האַרץ...

— — — — — — — — — — —

אין דער זעלבער צײַט זיצן ר׳ שלום און פּעשע אויף דער וועראַנדע, אויף דער אַנדערער זײַט הויז, בײַ א טישל, אויף וועלכן ס׳איז געוואָרן דערלאַנגט טיי מיט צובײַס. דער אַלטער האָט פאַר זיך ליגן אַן „עין־יעקב“, אין וועלכן ער האָט די גאַנצע צײַט געלערנט. זײַן באָרד איז אינגאַנצן ווײַס, און די האַלב־בלאָע שפּאַקולן אויף דער שפּיץ נאָז מאַכן די ווײַסקייט נאָך מער בולט... ער לײַדט די לעצטע צײַט אויף רעוומאַטיזם און מחמת דעם קומט אים אָן זייער שווער דאָס גיין. ער פילט ווי די זויבערקייט, באַקוועמ־לעכקייט און די גוטע לופט דערהאַלטן אים ממש ס׳לעבן.

אין דער לעצטער צײַט האָט ער מער גענומען קלערן וועגן זײַן אַלטעטשקען. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז זי איז שטענדיק אומעטיק, זי זעט ניט אויס, ווי זי וואָלט געלעבט אין רחבות... א שרעקלעכער געדאַנק נעמט אים פּלאָגן: אפשר איז זי ניט צופרידן? אפשר האָט זי ניט ליב דעם מאַן?... אפשר האָט ער אַליין זי פאַרקויפט פאַר געלט?... אַלס גוט און אײדל קינד איז זי ניט געווען דאַקעגן... אויב אַזוי, איז ער אַליין דאָך דער, וואָס האָט זי אומגליקלעך געמאַכט...

א ציטער לויפט אדורך זיינע גלידער. א וואָרעם נעמט טאַטשען זיין האַרץ...

— און אפשר דאכט זיך מיר נאָר? — פרווט ער זיך אליין טרייסטן.

ער האָט א סך מאָל געוואָלט רעדן מיט פעשען וועגן דעם, נאָר ער האָט איר ניט געוואָלט מצער זיין מיט זיינע איבערקלערענישן. און ס׳קאָן דאָך זיין, אז ס׳איז גאָרנישט. איצט אָבער האָט זיך דער חשד ביי אים אויף אזוי פיל פארשטאַרקט, אז ער האָט באשלאָסן זי צו פרעגן. ער האָט אָבער ניט געוווסט, אז פעשע געפינט זיך פונקט אין דער זעלבער לאגע. זי האָט אויך באמערקט דער טאָכטערס מרה־שחורה, נאָר זי האָט עס אים ניט געוואָלט אויסזאָגן.

— וואָס קען דאָס זיין, פעשע — זאָגט ער — וואָס אלטעטשקע ווייזט אויס אזוי אומעטיק?

— איך האָב דאָס שוין לאַנג באמערקט — ענטפערט פעשע — נאָר איך האָב געגרעכנט: אפשר דאַכט זיך מיר דאָס נאָר.

— אָבער דו ביסט דאָך אַ מאַמע — האָט שלום דערשראָקן געזאָגט — דו דאַרפסט דאָך וויסן...

— זי זאָגט אלץ כסדר: „ס׳איז גאָרנישט".

— הערסט, פעשע — האָט דער אלטער ווי מיט א וויינענדיק קול געזאָגט — איך מוז דאָס וויסן. ס׳גייט מיר אין לעבן... אויב זי איז ניט צופרידן מיט איר מאַן, בין איך ווערט, מ׳זאָל מיך שיסן... האָב איך פאַר־קויפט אונדזער איינציק קינד פאַר געלט, פאַר אונדזער אייגענעם ווילטאָג... פאַר...

דער אלטער איז שטיל געבליבן. אין גאָרטן, פון וויטן, האָט זיך באַוויזן אלטעטשקעס פיגור אין איר ווייס זומער־קלייד. זי איז אהערגע־גאַנגען אויף טיי צו טאַטע־מאַמע. דער מאַן איז אוועקגעפאָרן אויף א פּאָר טעג, און זי איז איצט אין א גוטער שטימונג.

— אלטעטשקע, מיין טאָכטער, קום אהער! זעץ זיך אָט דאָ, צווישן אונדז ביידע — האָט ר׳ שלום געזאָגט, אָננעמענדיק איר האַנט — זעסטו, אָט אזוי זענען מיר דאָ אלע דריי: די מאַמע, דו און איך. אזוי ווי אַמאָל אין אונדזער קליין שטיבעלע...

אַלטעטשקען האָט געגומען קלעמען ס׳האַרץ. די געדאַנקען האָבן זי אויף א ווילע אוועקגענומען פון דעם גרויסן, רייכן הויז און האָבן זי איבער־געטראָגן אין ענגען שטיבעלע מיטן קאַמער, וואָס איז אויסגעשאָטן מיט געלן זאמד... ווי גליקלעך איז זי דאָרט געווען! איר האַרץ איז געווען

פּול מיט האָפענונג. זי האָט געהאָט ס׳גאַנצע לעבן פאַר זיך. און איצט...

— אלטעטשקע, מיין קינד — האָט ר׳ שלום אָנגעהייבן, קוקנדיק אין אירע אויגן — זאָג מיר דעם אמת, לייקן גאָרנישט. דער מאַמען זאָגסטו ניט, זאָג מיר: וואָס איז דיר? וואָס פעלט דיר? ביסטו ניט צופרידן? ביסטו ניט גליקלעך? זאָג מיר, אלטעטשקע, איך מוז דאָס וויסן...

אלטעטשקע האָט א לייכטן ציטער געטאָן. זי האָט באַנומען דעם טאַטנס געפילן, זי האָט פאַרשטאַנען זיין האַרץ...

— ניין — האָט זי באַשלאָסן ביי זיך — דאָס אלטע, גאָלדענע האַרץ טאָר ניט פאַרוואונדעט ווערן...

מיט א געצוואונגענעם שמייכל פון כלומרשטער צופרידנקייט האָט זי מיט איין האַנט ארומגענומען דעם טאַטן, מיט דער אנדערער — די מאַמע, האָט צוגעבויגן זייערע קעפּ צו איר קאָפּ און געזאָגט:

— איך בין ניט אומעטיק, פאַרקערט... איך בין גליקלעך און צופרידן מיט דעם, וואָס איר זייט גליקלעך...

— איז דאָס ריכטיק? — פרעגט דער טאַטע.

— געוויס איז דאָס ריכטיק — פאַרזיכערט אלטעטשקע — קען דען זיין אין דער וועלט א גרעסער גליק ווי אונדזערס?!

— — — — — — — — — — —

דער אַלטער ר׳ אהרן

אין גרויסן בית־המדרש זעט מען אים יעדן טאָג. ער קומט אהער דאוונען יעדן פרימאָרגן, טראָגנדיק אונטערן ארעם זיין גרויסן, שווערן טלית־זאַק. א הויכער ייד, אַן אַלטער, מיט א לאַנגער, ווייסער באָרד, האלב־איינגעפאלענע באַקן, א הויכן שטערן און גראָע אויגן.

ר׳ אהרן האָט זיך אין בית־המדרש זיין באשטימט ווינקל, ווו ער דאוונט, און לערנט נאָכן דאוונען זיין פרק משניות אין טלית און תפילין. ווען ער לערנט, ווערט ער, דאַכט זיך, צוריק יונג. ער פילט דאַן ניט די משא פון די אכט און זעכציק יאָר אויף זיינע פלייצעס. ס׳דאַכט זיך אים דאַן, אז ער איז ביי זיך אין דער היים, אין זיין שטעטל, אין זיין בית־המדרש. ער וועט קומען פון דאוונען אהיים, אין זיינע אייגענע פיר ווינקעלעך, ווו זיין טויבע וואַרט אויף אים, ווו ס׳הערשט אחדות און שלום, ווו זיין הארץ בלייבט גאַנץ און זיינע געפילן ווערן ניט פאַרוואונדעט. אָבער ווי נאָר ער ענדיקט זיין לערנען און נעמט פאַמעלעך צוזאמענלייגן דעם טלית־און־תפילין, דער־מאָנט ער זיך ווו ער געפינט זיך דאָ אין דער וועלט — און א מרה־שחורה פאַרציט זיך אויף זיין פאַטריאַרכאַליש פנים און זיינע בליקן דריקן־אויס צער און אומעט...

ר׳ אהרן איז א פרומער ייד. ער ווייס, אז א ייד דארף אלץ מקבל זיין באהבה, יעדע פאסירונג איז מן השמים און אויף יעדער זאך דארף מען זאָגן „גם זו לטובה". געוויס איז אויף אים נגזר געוואָרן פון אויבן, ער זאָל אויף די אלטע יאָרן מגולגל ווערן אין א ווייטער מדינה מעבר־לים און דארפן אָנקומען צו קינדער. ער איז געבליבן עלנט אויף דער וועלט, און ער האָט זיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער וועט פאַרברענגען זיינע לעצטע יאָרן מיטן זון און די אייניקלעך, און ווען זיין צייט וועט קומען, וועט ער רואיק קענען צומאַכן די אויגן... זיין זון מיט די אייניקלעך וועלן אים באגלייטן צו זיין אייביקער רו...

און מיט אזעלכע האָפענונגען האָט ר׳ אהרן פאַרלאָזן זיין שטעטל און געקומען קיין אפריקע צום זון. אָבער אינגיכן איז געקומען די שרעקלעכע אנטוישונג. ער האָט דערפילט, אז ער געפינט זיך אין א פרעמדער וועלט, צווישן פרעמדע מענטשן מיט פרעמדע כאראקטערן און באגריפן. די לאנגע

יאָרן האָבן פֿון זײַן זונס האַרץ אַרױסגעריסן אַלע רעליגיעזע פּרינציפּן און טראַדיציעס. ער קען ניט זען װי זײַן זון שטײט אױף אינדערפֿרי, עסט אומגעדאַװנט און גײט אַװעק אין זײַן געשעפֿט; װי אין אַ װאָכנטאָג, אַזױ אױך שבת אָדער יום־טוב — תּמיד גלײַך...

װען ער האָט אײנמאָל געפּרוּװט דערקלערן זײַן זון דעם פֿאַרברעך פֿון פֿירן אַזאַ מין לעבן, האָט אים יענער קורץ געענטפֿערט: „טאַטע, דאָ איז אַן אַנדערע װעלט. דו קענסט זיך געזונטערהײט זיצן אַ גאַנצן טאָג און לערנען און דאַװנען, קײנער װעט דיר ניט שטערן. פֿאַר מיר אָבער זאָל דיך ניט אַרן. דײַן מוסר װעט ניט העלפֿן. מײַן קאָפּ איז מיר געגנוג פֿאַר־דרײט װי צו מאַכן אַ לעבן; איך האָב ניט קײן צײַט און ניט קײן געדולד זיך אָפּצוגעבן מיט די אַלטע זאַכן...“

ר׳ אהרן האָט פֿון זײַן זונס ענטפֿער זיך דערפֿילט אַזױ װי מ׳װאָלט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלט װאַסער. זײַן זון איז דאָך ניט קײן קינד, ער איז שױן אױך אַ מענטש אין די יאָרן, ער האָט שױן דערװאַקסענע קינדער און טראָגט אױף זיך דעם שװערן יאָך פֿון פּרנסה, אױפֿצוהאַלטן אַ הױז מיט אַ גרױסער הוצאה. ר׳ אהרן טראָגט ניט קײן כּעס אױף זײַן זון דערפֿאַר װאָס ער גײט ניט בדרך־הישר; ער האָט נאָר אױף אים רחמנות, ער האַלט אים פֿאַר אַ פֿאַרלױרענע נשמה.

ער װײס, אַז זײַן זון איז גוט צו אים, ער איז אים געטרײַ, ער זעט, אַז ס׳זאָל אים זײַן באַקװעם און ס׳זאָל אים גאָרנישט פֿעלן. ער זאָגט שטענדיק אַן דער פֿרױ, זי זאָל גוט באַהאַנדלען דעם אַלטן טאַטן... ר׳ אהרן איז װײַט פֿון צו זײַן אַ פּאַנאַטיקער. ער האָט ליב זײַן זון, און דאָך — װי נאָענט ער איז צו אים און װי װײַט ער איז פֿון אים צו גלײַכער צײַט...

און נאָך זעט ר׳ אהרן אין זײַן זונס הױז עפּעס אַזעלכעס, װאָס פֿאַר־שאַפֿט אים אינערלעכע יסורים. ער קען ניט און האָט ניט פֿאַר װעמען זײ אַרױסצורײדן. ער זעט װי זײַנע אײניקלעך, דערװאַקסענע בחורים און מײדלעך, רעספּעקטירן ניט דעם טאַטן, באַטראַכטן אים פֿיל נידעריקער פֿון זיך, דערפֿאַר װאָס ער קאָן ניט רײדן אַזױ גוט ענגליש װי זײ... די קינ־דער אַרבעטן, פֿאַרדינען, פֿילן זיך פֿולשטענדיק זעלבשטענדיק. זײ זײַנען װײַט פֿון ײדישקײט, גײען אין קורצע װעגן, באַטראַכטן טאַטע־מאַמע פֿאַר נאַרישע, קלײנשטעטלדיקע מענטשן, און אַז טאַטע־מאַמע זאָגן עפּעס, איג־נאָרירט מען זײ, רעכנט מען זיך ניט מיט זײ און אָפּט זידלט מען גאָר זײ אױס...

ווען זיי ברענגען אהיים זייערע חברים אָדער חברטעס, הייסט מען דעם טאַטן אוועקגיין, אָדער לייגן זיך שלאָפן...

ר׳ אהרן וואַרט ניט, מ׳זאָל אים הייסן גיין. ער כאַפּט זיך אליין ארויס פון שטוב און גייט אוועק אין בית־המדרש, פאררוקט זיך אין זיין באשטימט ווינקל, נעמט א ספר און זעצט זיך לערנען. ער קען אָבער ניט. טרויעריקע רעיונות נעמען זיך טומלען אין זיין קאָפּ, זיינע גראָע אויגן ווערן פול מיט טרערן. מיט אן אומעטיקן ניגון הויבט ער אָן לערנען, וועלנדיק פאַריאָגן די געדאנקען, אָבער ס׳העלפט ניט.

„בני־בנים כבנים" — קומט אים אויפן זינען. די אייניקלעך זיינען דאָך זיינע קינדער. גאָט אין הימל! ווי קומט ער צו אזעלכע קינדער?... און ער הויבט אָן פילן זיין זונס הארץ. ער באַרעכנט, אז דעם זונס קינדער זיינען אזוי ווייט פון זיין זון, פּונקט ווי זיין זון איז ווייט פון אים... און ער, דער אלטער, איז אינגאנצן פרעמד צו זיי, ער קאָן זיי גאָרנישט... ער דערמאָנט זיך אָן זיין אמאָליקער פאַנטאַזיע, ווען ער איז אוועק פון דער היים, איינצופלאַנצן גוטע יידישע מידות אין זיינע אייניקלעך. ניין, ער האָט ניט קיין אייניקלעך, זיי זיינען ניט זיינע קינדער, זיי קוקן אויף אים ווי אויף אַן אַלטן נאַר, ווי אויף א ווילדן... ער קען מיט זיי ניט ריידן, ער פאַרשטייט ניט זייער שפּראַך, ער פארשטייט ניט זייער דערציאונג, וואָס פאר א לערע זיי האָבן געקראָגן. ער האָט איינמאָל געטראָפן אויף דער גאַס זיין אייניקל, די אָכצניאָריקע „קייטי" מיט א בחור. ער וואָלט געשוואָרן, אז דער בחור איז ניט קיין יידישער... פאַרביי אים זיינען זיי געגאַנגען. ער האָט גע־רעדט צו זיין אייניקל, און זי האָט אוועקגעדרייט דעם קאָפּ, ניט געוואָלט זען דעם זיידן...

ר׳ אהרן באדויערט זיין זון, אָבער גלייכצייטיק פילט ער ווי א נקמה אָן אים... ס׳איז זיין אייגענע שולד. ער איז ווייט אוועק פון יידישקייט, ער האָט די קינדער ניט געלערנט, ניט געגעבן זיי קיין יידישע דערציונג. דערפאַר איז ער איצט געשטראָפט געוואָרן, דערפאַר איז ער איצט דערני־דעריקט און פאַראַכטעט ביי זיינע קינדער. איצט פארשטייט ער שוין, אז זיי גייען אין זייערע אייגענע קרומע וועגן, ער קען אָבער ניט העלפן; די קינדער רעכענען זיך ניט מיט אים. איצט האָט ער מורא פאר זיי, ער איז אָנגעוויזן אויף זייערע פאָר פונט, אָן וועלכע ער קען דאָס הויז ניט אויס־האַלטן...

און ווען ר׳ אהרן באַטראַכט ריכטיק די טראַגעדיע פון זיין זונס פאַ־מיליע־לעבן, אנטשטייט פאר אים די פראַגע: וואָס האָט ער דאָ צו טאָן?

וואָס האָט אַן אַלטער מאַן זיך ארומצודרייען אין א הויז, וואָס איז אים פרעמד ?...

ער פאַרמאַכט דעם ספר, הויבט אַן ארומגיין איבערן בית־המדרש, בלייבט שטיין קעגן ארון־קודש. זיינע ליפּן באַוועגן זיך און נעמען מור־מלען מיטן ימים־נוראימדיקן ניגון: „אוי, אוי, רבונו־של־עולם, אל תשליכנו לעת־זקנה !...״ און וואַרעמע טרערן פאַלן פון זיינע אויגן און ווערן פאַרלאָרן אין דער זילבערנער באָרד...

— מושב־זקנים ! — גיט פלוצלינג א שיין א געדאַנק אין זיין קאָפּ — ס׳איז דאָ א מושב־זקנים, אַן אָרט פאַר עלנטע, אַלטע לייט, וואָס האָבן ניט קיין קינדער און האָבן ניט ווו צו ענדיקן זייערע לעצטע פאַר יאָר. ער וועט בעטן, מען זאָל אים אויך דאָרט אריינגעמען.

— איך אין מושב־זקנים ?! — שרייט ער אויס צו זיך אַליין און נעמט האַסטיק ארומגיין אין דעם שטילן בית־המדרש — ס׳גאַנצע לעבן געווען א באַלעבאָס, געגעבן צדקה, געהאַלטן אורחים ביים טיש — און איצט, אויף דער עלטער, געקומען קיין אפריקע, כדי צו גיין אין באַגאָדעלנע, אין מושב־זקנים...

— אך, טאַטע זיסער ! ס׳גאַנצע לעבן האָב איך געבעטן : „אל תצריכני לידי מתנת בשר־ודם״ — און איצט שטראָפסטו מיך מיט דעם...

און ווען ר׳ אהרן איז אוועק אהיים און האָט ווידער געזען ווי די קינדער איגנאָרירן זייער טאַטן, ווי זיי קוקן אויף אים מיט ביטול, און דער טאַטע איז שוין אזוי געוווינט דערמיט, אז ער בלייבט גלייכגילטיק, ס׳קימערט אים גאָרנישט, פונקט ווי ס׳וואָלט געווען א נאַטירלעכע זאַך, וואָס אנדערש קען גאָרנישט זיין, — האָט ער פעסט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס הויז.

מיט א רעקאָמענדאַציע פון א פּאָר באַקאַנטע יידן, אָנגעזעענע באַלעבאַ־טים פון בית־המדרש, איז ר׳ אהרן געוואָרן אָנגענומען אין מושב־זקנים.

א רירנדע סצענע איז פאָרגעקומען, ווען ר׳ אהרן האָט גענומען איינ־פּאַקן זיינע זאַכן מיט די עטלעכע ספרים זיינע, כדי אריבערצוקלייבן זיך אין דער נייער היים.

— פאַרוואָס גייסטו אוועק פון מיר, טאַטע ? — האָט דער זון געפרעגט און אין זיין קול האָט אָפּגעקלונגען א צוריקגעהאַלטן געוויין — פעלט דיר עפּעס ביי מיר ? ביסטו ניט צופרידן מיטן עסן, מיטן שלאָפן ? זאָג מיר, טאַטע, פאַרוואָס ?!

— פארוואָס ? — ענטפערט ר׳ אהרן, קוקנדיק געלאסן און מיט רחמנות אויף זיין זון, וועלכער פארשטייט ניט און פילט ניט זיין אייגענע לאגע — ווייל איך קען דאָ ניט זיין... איך מוז אוועק...

— — — — — — — — — — —

און ר׳ אהרן איז אין מושב־זקנים. א פיינער ייד, א למדן, ווערט ער געשעצט און געאַכט פון אלע אַלטע לייט. ער פאַרברענגט אין דער אנשטאַלט א שטיל, רואיק לעבן, אָבער דער איינדרוק פון זיין זונס פאמי־ליעלעבן האָט איבערגעלאָזן אַן אויסדרוק פון טיפן צער אין זיינע אויגן...

— — — — — — — — — — —

דער געפונענער

I

א ווילדע געגנט. הויכע, שטיינערנע בערג. ברייטע, וויסטע פעלדער פון אלע זייטן. א זאַמדיקער וועג דרייט זיך ווי א שלאַנג און ווערט פאַרפאַלן צווישן די מוראדיקע בערג.

די זון ברענט ווי פייער. אלע טייכלעך זיינען אויסגעטריקנט, דאָס גראָז — פארוועלקט. קיין הויז, קיין בוימעלע, קיין סימן פון לעבן. נאָר דאָרט, גאנץ ווייט, זעען זיך רונדע, ליימענע קאַפער־הייזלעך. אויסגעדאַר־טע ציגן פאַשען זיך אויפן פארברענטן גראָז און קליינע, שוואַרצע קינדער לויפן ארום נאַקעט...

אויף יענעם געדרייטן וועג, וואָס ווערט פאַרפאַלן צווישן די בערג, גייט אן איינציקער וואַנדערער מיט א קליין פעקעלע אין איין האַנט און א שטעקן אין דער צווייטער. קליין און נישטיק זעט אויס דער וואַנדערער צווישן די גרויסע נאַטור־ריזן. מיד און צעבראָכן שלעפט ער קוים די פיס אינם ברענענדיקן זאַמד. אָט־אָט — און ער פאַלט, דאַכט זיך, אנידער...

דער וואַנדערער איז א יידישער יונגערמאַן פון א יאָר איין־און־צוואַנ־ציק. מאָטעלע איז זיין נאָמען. ער גייט זוכן ארבעט, געפינען אַן אָרט, ווו ער זאָל האָבן א שטיקל ברויט צו עסן און א געלעגער צו שלאָפן.

מיט א יאָר צוריק איז ער געקומען קיין אפריקע פון דער ליטע, ווו ער האָט איבערגעלאָזן זיין עלנטע מאַמע מיט איר אלטן טאַטן.

ניט די נויט און אויך ניט דער חשק רייך צו ווערן האָט מאָטעלען פאַר־יאָגט פאַר טויזנטער מיילן, אויף אַן אנדערן וועלט־טייל. געטריבן קיין אפריקע האָט אים א הייליקער חוב: אויפצוזוכן אין אפריקע זיין טאַטן, וועלכער האָט מיט א סך יאָרן צוריק פארלאָזן זיין מאַמען און לאָזט ניט הערן פון זיך. ער וויל געפינען אָט דעם פאַרדאַרבענעם מענטשן, ער וויל זיך טרעפן מיט אים אויג אויף אויג,ריידן מיט אים, דערקלערן אים זיין נידער־טרעכטיקע האַנדלונג — און אויב ס׳גליט נאָך א פונק פון מענטשלעכקייט אין זיין האַרצן, צווינגען אים, ער זאָל חרטה האָבן אויף זיין שווערער זינד, ער זאָל ווערן צוריק א מאַן צו זיין פרוי און א פאָטער צו זיין קינד, אָדער ער זאָל אינגאנצן באפרייען זיין מאַמע.

ווען מאַטעלע איז געקומען קיין יאָהאַנעסבורג, האָט ער זיך גלייך גע־גומען נאָכפרעגן אויף זיין טאַטן. ער האָט אָבער ניט געטראָפן קיינעם, וואָס זאָל וויסן פון אים. אינגיכן האָט מאַטעלע כמעט ווי פארגעסן וועגן דעם צוועק פון זיין אהערקומען. ס'איז פאר אים אנטשטאַנען א לעבנס־פראגע, א פראגע פון עקזיסטענץ. א לאנגע צייט האָט ער זיך ארומגע־דרייט אין די גאַסן, ביז ער האָט געפונען אַן אָרט צו ארבעטן. אין א קור־צער צייט ארום האָט ער די שטעל פארלאָרן. אזוי האָט פאסירט א סך מאָל. דער סוף דערפון איז געווען, אז ער האָט איינגעצערט ס'לעצטע ביסל געלט, וואָס ער האָט געהאַט, און האָט פשוט אָנגעהייבן ליידן הונגער...

מאַטעלעס לאַגע איז געוואָרן קריטיש; ער איז אָבער ניט געוואָרן פארצווייפלט. זעענדיק, אז ער קען לענגער אין שטאָט ניט בלייבן, האָט ער באשלאָסן אוועקצוגיין אויפן לאנד, וואַנדערן אין דער „קאָונטרי" פון שאָפ צו שאָפ, פון פאַרם צו פאַרם, פון שטעטל צו שטעטל, ביז ער וועט ערגעץ געפינען א מקום־מנוחה.

שוין עטלעכע וואָכן ווי ער איז נע־ונד. ער שטרעבט כסדר צוצוקומען צו א יידישער שאָפ, ווו א וואנדערער געפינט שטענדיק אַן אָרט זיך אָפ־צורוען עטלעכע טעג. ס'קומט אים אויס אָפט צו נעכטיקן ביי א בור אין הויז, אין שטאַל און אמאָל אויך אין דרויסן...

און אזוי זעען מיר אים איצט ווי ער גייט אויף דעם וויסטן וועג צווישן די הויכע פעלזן. ווהין ער גייט — ווייס ער ניט, ער ווייס אָבער, אז ער דארף גיין און זוכן אזוי לאנג, ביז ער וועט קומען ערגעץ, ווו ס'וועט פאר אים זיין ארבעט. און מיט דער דאָזיקער אויסרעכענונג איז ער אזוי אוועק הונדערטער מיילן ווייט פון יאָהאַנעסבורג.

אויף זיין וואנדערונג האָט זיך מאַטעלע מיט דער צייט איינגעוווינט צו ליידן הונגער, דורשט, היץ און קעלט. קיינמאָל האָט אים אָבער די היץ אזוי ניט געפלאָגט ווי היינט... שוין איבער דריי שעה ווי ער גייט אָן אָפרו און טרעפט ניט קיין הויז, קיין שאָפ, נאָר שטיינערנע בערג, באוואָקסענע מיט ווילדע בוימעלעך... ער האָט קיין מורא ניט. ער ווייס, אז דער וועג פירט ערגעץ צו אַן אָרט, אָבער די שרעקלעך ברענענדיקע היץ איז ניט אריבערצוטראָגן... ער איז מיד, ער קעמפט מיט זיינע לעצטע כוחות און גייט לאנגזאם אָן אויפהער; אָבער זיינע כוחות פארשווינדן, ער ווערט אלץ שוואַכער און שוואַכער. זיינע פיס ווערן ווי אונטערגעהאַקט, ער קען ווייטער ניט גיין... ער גיט זיך א וואָרף אויפן אויסגעטריקנטן גראָז ביים וועג און בלייבט ליגן אונטער די ברענענדיקע שטראַלן...

ער לײדט אױך גײסטיקע יסורים, װעלכע זײנען ניט קלענער װי די פיזישע. שױן א יאָר װי ער איז אַװעק פון דער הײם. ער טראַכט שטענדיק פון זײן מאַמען מיט זײן זײדן. אָבער קײנמאָל האָט אים ניט ארומגענומען אזא בענקשאפט װי הײנט, אַט טאַקע אױף דעם װילדן װעג... ער פילט זיך מער עלנט, מער אײנזאם װי אלעמאָל.

ער איז װײט פארטראָגן אין זײנע געדאַנקען, אזש אינם װײטן ליטװישן שטעטל, אין שטיבעלע פון זײן זײדן שמואל משה. אַט זעט ער, דאַכט זיך, זײן מאַמען װי זי קומט פון מאַרק א פארפראָרענע, מיט אירע שװערע קאָשיקעס אױף די אָרעמס, מיט איר תמיד אומעטיקן אױסדרוק אױף איר פּנים. ער דערמאָנט זיך אױך אירע פאַרצװײפלטע בליקן בשעת זײן אװעקפאָרן, און װי זײן זײדע מיט די רױטע, פארטרערטע אױגן האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל למען־השם דאָרט אױפזוכן דעם טאַטן און זען, אז זײן מאַמע זאָל ניט בלײבן קײן אײביקע עגונה...

זינט ער האָט אָנגעהײבן װאַנדערן האָט ער גאָך קײן אײן בריװ ניט געשריבן אהײם. ער פילט, אז זײ זײנען דאָרט שטאַרק אומרואיק. אין די דאָזיקע מינוטן פארגעסט ער אָן זײן אײגענער טרױעריקער לאגע — און געפילן פון רחמנות און שנאה נעמען קאָכן אין זײן הארצן: רחמנות צו זײן גוטער מאַמען, און א שנאה צו זײן אומבאַקאַנטן, שלעכטן טאַטן...

א לאַנגע צײט מאַטערן אים די געדאנקען, ביז די קערפּערלעכע שװאַכקײט באַזיגט ענדלעך די גײסטיקע יסורים. זײנע אױגן קלעפּן זיך און ער װערט אנטשלאָפן...

— — — — — — — — — — —

אַ דונער, װי א קאַנאָנען־שאָס, האָט מאָטעלען אױפגעװעקט פון שלאָף. מיט א ציטער האָט ער זיך א כאַפּ געטאָן, געעפנט די אױגן. א פײערדיקער בליץ האָט א פינקל געטאָן... ער האָט אױפגעהױבן די אױגן צום הימל — און... אָ, גאָט! װאָס דאָ איז געשען בעת ער איז אזױ געשלאָפן!... די ברענענדיקע זון איז פארשװוּנדן, א בלײענער װאָלקן הענגט אין דער לופטן. דאָרט, אין מערב־זײט, איז א גרױסער טײל הימל שװארץ װי טינט און פון דאָרט רײסן זיך די בלענדנדיקע בליצן און װערן באַגלײט מיט די קנאַלנדיקע דונערן, װאָס הערן זיך װי קײקלענדיק צװישן די בערג...

מאָטעלע װײס ניט װי לאַנג ער איז געשלאָפן, נאָר ער פארשטײט, אז ס'האָט געמוזט דױערן עטלעכע שעה, אויב ס'איז דאָ געװאָרן אזא שינױ...

ס׳איז שוין פאַרנאַכט. קיין הויז, ווו צו נעכטיקן, זעט זיך ניט. א גרוי־סער שטורם האַלט אין אויסברעכן, און ער מאַטעלע, האָט ניט ווו זיך צו באהאַלטן...

ער ציטערט אויף פון שרעק. זיין לעבן איז אין סכנה... אָבער ער פארלירט זיך ניט. ס׳פאלט אים איין א געדאַנק — אוועקצוגיין פון דעם פלאַכן וועג מיט די ברייטע פעלדער און איבערצוגיין אין די בערג. אפשר וועט ער דאָרט טרעפן א הויז, אָדער אן אַנדער אָרט, ווו זיך צו באהאלטן פונם שטורם.

ער קלייבט צוזאמען זיינע כוחות און מיט אימפעט לאָזט ער זיך לויפן בארג־ארויף...

א שרעקלעכער קראַך האָט אים אויפגעטרייסלט. ס׳איז דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אז ער הערט אזא דונער... ער בלייבט שטיין עטלעכע סעקונדעס און הויבט אָן ווייטער גיין...

מיטאַמאָל — א גוואלטיקער רעגן הויבט אָן גיסן, א וואָלקנברוך, א מבול...

אין א מינוט איז מאַטעלע געוואָרן אדורכגעווייקט ביזן ביין... די אויגן זיינען אים ווי פארצויגן געוואָרן, ער האָט ארום זיך גאָרנישט געזען. זיינע פיס האָבן אויפגעהערט אים דינען, אין זיין קאָפּ האָט גענומען דרייען ווי א מיל — און דאָס געוויטער, וואָס איז געקומען אנטקעגן אים, האָט אים א וואָרף געטאָן צו דער ערד...

— — — — — — — — — — —

II

אויף יענער זייט באַרג.

אַ נידעריק, שטיינערן הייזל מיט א פלאכן, בלעכענעם דאַך, אויף וועלכן ס׳ליגן שווערע שטיינער; ניט ווייט — א גרויסע, שטיינערנע צוים און דערביי א שטאַל מיט א וואָגן־הויז, וואָס דינט אויף פאר א שפּייכלער. אויף דער אנדערער זייט — א גרויסע צאָל זעק מיט „מיליס״ איבערגע־דעקטע מיט גרויסע, שטאַרקע לייוונטן. ווייט־ווייט פאשען זיך בהמות, ס׳זעען זיך ברייטע פעלדער. נאָענט ביים גרויסן באַרג האָט זיך פונאנדער־געשפּרייט א סטאַדע שעפסן — דאָס איז א טייל פון „איסאַקס״ פאַרם.

איסאַק האָט א נאָמען ביי אלע בורן ארום פאַר אַן אויסגעצייכנטן פארמער. האָט מען עפּעס צו פרעגן אן עצה וועגן אגריקולטור־ענינים —

גײט מען צו איסאַקן. וואָס איסאַק זאָגט, איז גוט און ריכטיק. די בורן װײסן, אַז איסאַק איז אַ ייִד און דערצו פֿון אַ פֿרעמד לאַנד, אָבער דאָס שטערט אים ניט צו זײַן אַ גוטער פּאַרמער. אַ ראיה האָבן זײ, אַז איסאַקס פֿאַרם האָט פֿריער ניט געטויגט, דער פֿריערדיקער פּאַרמער האָט גאָר װײניק פֿון איר אַרויסבאַקומען — און איצט איז זי די בעסטע און גע־ראָטנסטע פֿאַרם אין דער גאַנצער געגנט. אָנגעהויבן האָט איסאַק מיט צען אָקסן — און לסוף זיך אַרויפֿגעאַרבעט אַזױ װײט, אַז ער פֿאַרמאָגט שוין איצט גאַנצע הונדערט אָקסן.

איסאַק האָט יאָרן־לאַנג געלעבט צװישן בורן, ביז ער איז בײ זײ געװאָרן אַן אײגענער מענטש: געגעסן און געטרונקען מיט זײ, גענומען אָנטײל אין זײערע שמחות און ימים־טובים, געװײכט פֿון שטאָט, װי דער בור, און זיך אײַנגעוווינט צו שפּײַען אין קעסטל און דערצײלן משונה־װילדע מעשׂיות פֿון שדים און רוחות, פּונקט װי דער בור. די פֿאַרם האָט איסאַק געקױפֿט אויף לײַכטע באַדינגונגען און האָט זי באַאַרבעט מיט גרױסן דערפֿאָלג. װאָס גרעסער די גערעטעניש איז געװען אויף די פֿעלדער, אַלץ מער בור איז ער געװאָרן.

ס׳טרעפֿט, אַז איסאַק פֿאַרגעסט אינגאַנצן, אַז ער איז אַ ייִד פֿון אַ ליט־װיש שטעטל. ער פֿאַרגעסט די ייִדישע ימים־טובים. ער האָט איבערגעריסן אַלע פֿאַרבינדונגען מיט דער אױסערלעכער װעלט. אָקס, שעפּס, פֿערד, פֿעלד און „מילים" — אָט דאָס האָט ער אַרום זיך, אין דעם איז זײַן גאַנץ לעבן. דאָס פֿאַרמאָגט ער און מער פֿעלט אים ניט.

— — — — — — — — — — — —

דעם זעלבן פֿאַרנאַכט, אײדער דער שטורעם איז אױסגעבראָכן, איז איסאַק געזעסן אויף אַ נידעריק בענקל אין דרויסן, בײַ דער טיר פֿון זײַן הויז, געררויכערט זײַן פֿײַף און געװען פֿאַרטיפֿט אין געדאַנקען.

איסאַק איז אַ האַרטער, אײַזערנער מענטש. זײַן פּנים מיט זײַנע הענט זײַנען ברױן, שטאַרק פֿאַרברענט פֿון דער זון, זײַן שװאַרצע, האַלב־געשאָ־רענע באָרד פֿאַרדעקט זײַן אָפּן האַרץ. זײַנע געדיכטע, שװאַרצע האָר דעקן צו זײַן נידעריקן שטערן. זײַנע גראָע אויגן קוקן שטענדיק רויִק און צופֿרידן אויף גאָטס װעלט: אויף דער רײַכער נאַטור, אויף די װײַטע פֿעלדער מיט די הויכע בערג, װעלכע זײַנען באַדעקט מיט טױ אינדערפֿרי, און װי מיט גאָלד — פֿאַרנאַכט קעגן דער אונטערגײענדיקער זון...

יאָרן זיינען אוועק ווי איסאַק זיצט יעדן פאַרנאַכט נעבן זיין שטיבעלע מיט דער זעלבער רואיקייט, רויכערט זיין פייפ, שפּיט אַלע ווײלע און קלערט ניט וועגן קיין אַנדערער זאַך, אחוץ וועגן אָקסן און זיין פאַרם. אָבער היינט האָבן לאַנג איינגעשלאָפענע געפילן אין אים זיך אויפגעכאַפּט און ווי מיט געוואַלט אין אים דערוועקט זכרונות און פאַרגעשטעלט בילדער פון יאָרן און יאָרן צוריק... דער פאַרהאַרטעוועטער אויסדרוק אויף זיין פּנים ווערט ווייכער, זיינע בליקן אומרואיקער און אין דעם רויך פון זיין פייפ זעט ער שאָטנס פון געזיכטער: פון א יונגער, שיינער פרוי, פון א תמימותדיק יינגעלע און פון אַן עלטערן ייד.

די דאָזיקע געדאַנקען מיט די לאַנג־פאַרגעסענע בילדער זיינען ניט אומזיסט היינט געקומען צו אים. דאָס איז געשען צוליב א סיבה.

ער האַלט ביי מאַכן א שריט, וואָס וועט גורם זיין א טיפע ענדערונג אין זיין לעבן.

א יונגער, רייכער בור, זיינער א פריינד, ביי וועמען איסאַק איז געווען א שטענדיקער בן־בית און וועמענס פאַרם ס׳גרענעצט זיך מיט זיינער, איז מיט עטלעכע וואָכן צוריק דערהרגעט געוואָרן פון א דונער. איסאַק איז געווען א גאַנצער מחותן ביי דער לוויה און געגאַנגען יעדן טאָג טרייסטן די יונגע אַלמנה. איינמאָל האָט די פרוי אים איבערראַשט מיט א פאַר־שלאַג, ער זאָל מיט איר חתונה האָבן און ווערן דער אייגנטימער פון דער גרויסער, רייכער פאַרם...

צוערשט איז איסאַק אַנטציקט געוואָרן פון דעם פאַרשלאַג. פון זיין זייט איז, דאַכט זיך, ניטאָ קיין איין שטערונג אויפן וועג צו זיין גליק. שפּעטער אָבער איז געוואָרן א גערודער אין זיינע געדאַנקען. זיין שטענ־דיקע פאַראינטערעסירונג מיט די פעלדער און מיט די אָקסן איז אויף א ווײלע פאַרשוווּנדן און א שטאַרקער קאַמף איז אַנטשטאַנען אין זיין האַרצן. פון איין זייט — די יונגע בורישע פרוי מיט דער שיינער, רייכער פאַרם, און פון דער אַנדערער זייט — שרהקע פרומע חנהס מיטן יינגעלע און מיט איר טאַטן, וועמען ער האָט מיט א סך יאָרן צוריק איבערגעלאָזן אויף יענער זייט ים...

ער מאַטערט זיך צו פאַרטרייבן יענע בילדער. וואָס טויג אים איצט צו קלערן, וואָס אַמאָל איז געווען? ער האָט דאָך זיי אַוועקגעוואָרפן אויף אייביק. שוין אַזוי פיל יאָרן אַז זיי האָבן ניט געהערט פון אים. זיי מיינען געוויס, אַז ער איז געשטאָרבן. און ס׳איז דאָך אמת, ער איז דאָך פאַר זיי טויט, ער פירט דאָך אַן אַנדער אַרט לעבן, מיט וועלכן ער איז פולקאָם

צופרידן. פאַרוואָס זאָל ער ניט מאַכן דעם לעצטן שריט און ווערן אַן אמתער אפריקאַנער בור ?...

עטלעכע מאָל איז ער שוין געזעסן אויף זײַן פערד, גרייט צו פאָרן צו דער פרוי און זאָגן איר, אַז ער איז גליקלעך אָנצונעמען איר פאָרשלאַג. ס׳רײַסט אים, ס׳ציט אים צו דער געזונטער פרוי. אָבער יעדעס מאָל שלעפּט אים עפּעס צוריק, ווי עמעצער וואָלט אים אײַנגערעדט : „ניט איצט, איסאַק, זאָל זײַן מאָרגן. זײַ זיך נאָך מיישב...״

פאַר זײַנע אויגן נעמט איצט שוועבן שרקה׳ס פרומע חנהס בילד, ניט ווי ער האָט זי איבערגעלאָזן, נאָר ווי זי איז געשטאַנען אַמאָל מיט אים אונ־טער דער חופּה, אין יענעם ליטווישן שטעטל...

דאָס מעקן פון שעפסן, וואָס קומט פון ווײַטן, רײַסט איבער זײַנע גע־דאַנקען. א גרויסע סטאַדע פון עטלעכע טויזנט שטיק ווערט געטריבן פון קאַפּערס אַהין, צו יענער פאַרם פון דער יונגער בורישער פרוי... און דאָס קען אַלץ זײַן זײַן אײגנס... ווי קען ער זיך פון דעם אָפּזאָגן ? וואָס קען אים דערפון צוריקהאַלטן ? פון יענער שרקהען מיטן ייִנגעלע האָט ער זיך שוין לאַנג אָפּגעריסן. — ס׳איז עפּעס א מין קרענק, א משוגעת — טראַכט ער — וואָס פּלאָנטערט זיך אין קאָפּ די גאַנצע צײַט...

איסאַק ווערט צוריק שטרענג און האַרט. ער שטעלט זיך אויף, גלײַכט זיך אויס אין זײַן גאַנצער הויך און טוט אָן אויפן קאָפּ דעם ברייטן, שטרוי־ענעם בורן־הוט, וואָס ליגט ביי דער זײַט. ער לויפט שנעל אין שטאָל צום פערד, מיטן געדאַנק צו פאָרן אַהין, צו יענער פאַרם, אײדער דער שטורם ברעכט אויס ; דאָרט וועט ער בלײַבן נעכטיקן...

פּלוצלינג האָט א שײַן פון א בליץ געטאָן א בלאַסק, א דונער האָט געקנאַלט און גלײַך דערנאָך איז אויסגעבראָכן א שלאַקס רעגן. איסאַק האָט געזען, אַז ס׳איז איצט אוממעגלעך צו פאָרן. די ענדערונג אין וועטער, מיטן רעגן, וואָס האָט אַדורכגענעצט זײַן העמד, האָט אים אויך א ביסל אָפּגעקילט... טיף אין האַרצן איז ער ווי צופרידן געווען, וואָס די נאַטור לאָזט אים איצט ניט גײן אַהין...

ער איז אַרײַן אין שטוב, פאַררויכערט זײַן פײַפ און זיך געזעצט קוקן אין פענצטער ווי דער רעגן שטראָמט. ער האָט אויף א ווײַלע פאַרגעסן אַלע פריערדיקע געדאַנקען ; דער פאַרמער האָט אין אים דערוואַכט. ער האָט געשעפּט נחת פון דעם ברכה־רעגן, אויף וועלכן ער האָט אַזוי לאַנג געוואַרט. די „מיליס״ וועלן גוט וואַקסן און ס׳וועט אויך זײַן קרעפטיקע פאַשע פאַר די פיִ...

דער רעגן האָט א ביסל נאָכגעלאָזן, די שווערע וואָלקנס האָבן אָנגעהויבן זיך פונאנדערצוגיין. איסאַק איז ארויס אין דרויסן און געגומען קוקן אויפן הימל. פלוצלינג איז געקומען צו לויפן איינער פון זיינע קאַפערס, וועלכער איז געגאַנגען צונויפנעמען די שעפסן, און האָט אויסגעשריען:

— „באָס", א ווייסער מענטש ליגט אויפן באַרג!...

מיט עטלעכע מינוטן שפעטער איז שוין איסאַק געזעסן אין זיין געשפּאַנטן וואָגן און דער קאַפער איז געריטן אויף א פערד פאָרויס, כדי צו ווייזן ווו דער ווייסער ליגט. ווען זיי זיינען צוגעקומען צו יענעם אָרט, איז מאַטעלע געלעגן אינגאַנצן א פארחלשטער. איסאַק האָט גאָרנישט גערעדט. לאַנגזאַם האָט ער צוזאמען מיטן קאַפער אויפגעהויבן דעם פרעמדן און אים ארייגעלייגט אין וואָגן. מאַטעלע, וואָס זיינע אַלע גלידער זיינען געווען שטייף, איז עטוואָס געקומען צו זיך און דערשטוינט באטראַכט זיינע רעטער. ער האָט געפּרוווט א הויב טאָן דעם קאָפּ, כדי א קוק צו טאָן אויפן פאַרמער מיט דער שווארצער באָרד, אָבער זיין קאָפּ איז צוריקגעפאלן. פאר זיינע אויגן האָבן זיך גענומען דרייען פארשיידענע קאָלירן, ביז אַלע קאָלירן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א גראָען נעפּל — און ער האָט ווידער מער ניט געזען און מער ניט געהערט...

איסאַק, ווי אַלע בורן אויפן לאַנד, איז שטענדיק צוגעגרייט אויף אַזעלכע פאַלן. ער ווייס, וואָס צו טאָן. א ביסל שפעטער איז שוין מאַטעלע געלעגן אין איסאַקס בעט, איינגעוויקלט אין וואָלענע קאָלדרעס. האלבשלאָפנדיק האָט ער אויסגעטרונקען א גלאָז הייסן רום, וואָס דער פאַרמער האָט אים דערלאַנגט. ער איז באלד פעסט איינגעשלאָפן. דער פאַרמער איז געווען וואַך די גאַנצע נאַכט. אַלע ווײַלע איז ער מיט א ליכט צוגעגאַנגען זען ווי דער פרעמדער שלאָפט. ס'האָט אים שטאַרק געוווּנדערט, וואָס א יידישער יונגער „באָי" זאָל האָבן פארבלאָנדזשעט אין אזא ווייטער פאַרוואָרפענער געגנט. די גאַנצע צייט וואָס ער לעבט אויף דעם פאַרם האָט ער קיין ייד פאר די אויגן ניט געזען. ערשט מיטאַמאָל — א יידישער יונגערמאַן!

איסאַק איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס ער האָט געקענט העלפן דעם פרעמדן און ראַטעווען אים. צוערשט איז אים אריין א געדאַנק, זיך ניט אָנגעבן פאר קיין ייד. יעדער, וואָס קען אים ניט האלט אים פאר א בור, — זאָל דער פרעמדער אויך אַזוי מיינען. אָבער גיך האָט ער חרטה געהאַט. ס'האָט זיך אין אים דערוועקט א חשק צו הערן ריידן און אויך אַליין צו ריידן יידיש — נאָך די לאַנגע יאָרן לעבן צווישן גויים...

איסאַק איז, װי זײן שטײגער, אַװעק פינף אינדערפרי אױפן פעלד. ער האָט געזען, אַז דער יונגערמאַן שלאָפט געשמאַק, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ער װעט זײן געזונט. ער האָט אָנגעזאָגט דעם קאָפער, ער זאָל אים געבן הײסע קאַװע, װען ער װעט זיך אױפכאַפּן.

— — — — — — — — — — —

די באַלדיקע הילף, װי אױך מאָטעלעס יונגע, שטאַרקע נאַטור, האָבן געהאַט די פעולה, אַז ער איז ניט קראַנק געװאָרן אױף פיבער, רעװמאַטיזם און ענלעכע קראַנקהײטן, װאָס אַזא פאַרקילונג קען מיט זיך ברענגען. צװעלף שעה רואיקער שלאָף האָט אים געבררענגט צו זײן נאָרמאַלן צושטאַנד. װען ער האָט זיך אױפגעכאַפּט, האָט ער זיך געפילט געזונט און מונטער. ער האָט זיך גלײך דערמאָנט, װאָס ס'האָט פּאַסירט מיט אים אױפן באַרג בעתן שטורעם, װי מ'האָט אים אױפגעהױבן און אַרײנגעלײגט אין װאָגן אײדער ער האָט פאַרלאָרן דעם באַװוּסטזײן. ער איז איבערצײגט, אַז דער פאַרמער האָט געראַטעװעט זײן לעבן און ער קען פון דאַנען ניט אַװעק, ביז ער װעט אים זען און באַדאַנקען.

מאָטעלע האָט אין דער צײט פון זײן װאַנדערן אין דער קאָונטרי זיך אױסגעלערנט רײדן א ביסל „אַפריקאַנס" און ער האָט געהאָפט, אַז דער בור װעט פאַרשטײן, װאָס ער מײנט. ער װעט אים אױך פרעגן, װי װײט ער איז פון עפּעס א יידישער שאָפּ.

א שײן, מילד װעטער האָט זיך געשטעלט צומאָרגנס נאָכן שטורעם. די הױכע בערג, די טאָלן, די פעלדער מיט א פליסנדיקן טײך, װאָס האָט זיך געזען פון גאַנץ װײט, האָבן פאַרגעשטעלט א פּרעכטיקע לאַנדשאַפט. מאָטעלע האָט אַרומגעשפּאַצירט נעבן הױז פאַרטראַכט... אַך, װען זײן מאַמע זאָל דאָס װיסן אין װאָס פאַר א סכנה ער איז דאָ געװען... װיפל האָט געפעלט, ער זאָל בלײבן ליגן אױפן באַרג טױט... קײנער װאָלט אפילו ניט געװוּסט װוּ ער איז אַהינגעקומען... און א טרױעריקער געדאַנק איז אים אַרױפגעקומען אױפן רעיון: מ'הערט ניט פון זײן טאַטן; װער װײס, אױב מיט אים האָט ניט פּאַסירט אַן ענלעכע זאַך, געהרגעט געװאָרן, אָדער געשטאָרבן ערגעץ אין א װילדער געגנט...

און אױב אַזױ, װאָס האָט ער דאָ צו טאָן אין אַפריקע? זײן עלנט, לײדן נױט, אין דער צײט װען ער האָט א געטרײע מאַמע, בײ װעלכער ער איז די אײנציקע טרײסט, און דערצו קען ער אין דער הײם גוט פאַרדינען

ביי זיין פאַך, ביי דער לעדער־ארבעט. נײַן, ער האָט דאָ ניט מער וואָס צו טאָן. ער זאָל נאָר קריגן ערגעץ אן אָרט, ווו צו פארדינען עטלעכע פונט א חודש, — וועט ער שפּאָרן א פּעני צו א פּעני, ביז ער וועט האָבן אויף הוצאות צו פאָרן אהיים.

אזוי שטאַרק פארטראַכט איז ער ארומגעגאנגען, אז ער האָט ניט באַמערקט ווי דער פאַרמער קומט אים אנטקעגן.

— נו, וואָס מאַכט איר, יונגערמאַן? — האָט דער פּארמער געזאָגט אויף יידיש, דערלאַנגענדיק אים די האַנט.

— א ייד!... איר זייט א ייד?!... — האָט מאָטעלע פארוואונדערט אויסגערופן — איר האָט געראַטעוועט מיין לעבן! מיט וואָס קען איך אייך אָפּדאַנקען?

— לאָמיר גיין עסן — האָט דער יידישער בור קורץ געזאָגט.

און זיי זיינען אריין אין שטוב.

— איך וואָלט געבליבן ליגן טויט אויפן בארג — האָט מאָטעלע ווייטער גערעדט — איך אליין האָב ניט קיין מורא פארן טויט, אָבער מיין מאַמע אין דער היים וואָלט דאָס ניט איבערגעטראָגן...

— פונוואַנען קומט איר? — האָט דער פּאַרמער געפרעגט, אראָפּנעמענדיק זיין ברייטן הוט און זעצנדיק זיך מיטן גאַסט צום טיש.

מאָטעלע האָט אין קורצן דערציילט פונוואַנען ער איז און צוליב וואָס ער איז אהערגעקומען קיין אפריקע.

דער פאַרמער איז געבליבן זיצן ווי פּאַראַליזירט. ס׳מעסער, מיט וועלכן ער האָט געשניטן ברויט, איז אים פון דער האַנט ארויסגעפאַלן, זיין פּון דער זון אָפּגעברענט פּנים איז בלאַס געוואָרן. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר די ווערטער זיינען אים געבליבן שטעקן אין האלדז...

מאָטעלע איז פארוואונדערט געוואָרן פונם פאַרמערס פּלוצלינגער שרעק... א געדאַנק ווי א בליץ איז אדורכגעלאָפן אין זיין מוח. זיינע שאַרפע בליקן זיינען געפאַלן אויפן פאַרמערס פּנים. פאַר זיינע אויגן האָט זיך פאַרגעשטעלט א פאָטאָגראַפיש בילדל, וואָס געפינט זיך אין דער היים, א בילדל, וואָס זיין טאַטע האָט געשיקט מיט דרייצן יאָר צוריק... די ענלעכקייט פונם בילד האָט אוועקגענומען יעדן ספק...

— טאַטע!... — האָט ער אויסגעשריען, צולויפנדיק און אָנכאַפּנדיק זיינע ביידע הענט...

דער פאַרמער איז געבליבן זיצן ווי פאַרגליווערט און זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף דער ערד...

— טאַטע!... — האָט מאָטעלע װידער געזאָגט — ענטפֿער מיר, זאָג מיר, אַז כ'האָב ניט קײן טעות.

—מאָטעלע!... — האָט איסאַק שטיל געענטפֿערט און אין זײַנע אויגן האָבן זיך געוויזן טרערן...

בײַ מאָטעלען אין האַרצן איז געוואָרן אַ שטורעם. די שנאה, וואָס ער האָט געטראָגן די גאַנצע צײַט צו זײַן אומבאַקאַנטן טאַטן, האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין מיטלײַד און סימפּאַטיע. אָט דאָס איז זײַן טאַטע, וואָס האָט אים געראַטעוועט ס'לעבן! אָט דאָס איז זײַן טאַטע, וואָס האָט זיך פֿאַרקליבן אין אַזאַ ווילדער געגנט, האָט זיך פֿון אַלעמען אָפּגעזאָגט און פֿירט אַזאַ אײנזאַם לעבן... אַך, ווי גליקלעך ער איז, וואָס ער האָט אים אויף אַזאַ מערקווירדיקן אופֿן געפֿונען — און זײַן מאַמע איז אויס עגונה! ער וועט זײַן געפֿונענעם טאַטן ניט זאָגן קײן מוסר; ער וועט אים ניט פֿרעגן, וואָס ס'איז געווען; ער וועט אים נאָר פֿרעגן, וואָס קען איצט זײַן, צי זײַן מאַמע קען דערפֿרײַט ווערן.

— טאַטע! — האָט מאָטעלע געזאָגט און זײַן קול האָט געציטערט — דער מאַמעס האַרץ איז צעבראָכן, איר לעבן איז פֿאַרפֿינצטערט. איך ווײס ניט ווער ס'איז שולדיק, איך פֿאַרלאַנג ניט קײן חשבון. זאָג מיר נאָר אײן וואָרט: איז נאָך ניט צו שפּעט? קענען מיר נאָך האָפֿן? קען איך שרײַבן אַ גוטע בשורה צו מײַן עלנטער מאַמען?...

דאָס קאַלטע, פֿאַרפֿראָרענע האַרץ האָט זיך דערוואַרעמט, יעדעס וואָרט, וואָס מאָטעלע האָט אַרויסגערעדט, האָט ווי פֿײַער געשמאָלצן די פֿאַרגליווערטע קעלט... די בילדער פֿון זײַן פֿאַנטאַזיע זײַנען לעבעדיק געוואָרן... די בורישע פֿרוי פֿון יענער פֿאַרם איז אַדורכגעלאָפֿן זײַן געדאַנק... ער האָט אויפֿגעשוידערט... אָט שטײט פֿאַר אים זײַן קינד, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט ווי אַ לעבעדיקער יתום, און בעט פֿאַר דער מאַמען, וועלכע איז אים, איסאַקן, אַמאָל ליב און געטרײַ געווען... פֿאַרוואָס האָט ער זי פֿאַרלאָזן? פֿאַרוואָס האָט ער אויפֿגעהערט צו שרײַבן און אָנגעהויבן פֿירן אַ ווילד לעבן? וועלכע פֿינצטערע געדאַנקען האָבן אים געטריבן צו דעם? ווי קען ער איצט קוקן זײַן קינד גלײַך אין די אויגן? ווי קען ער פֿאַרלאַנגען, אַז זײַן אַמאָליקע פֿרוי זאָל אים אָנערקענען, נאָכדעם ווי ער האָט צען יאָר געפֿירט אַזאַ פֿרעמד לעבן און איבערגעלאָזן זי אַ וויסטע עגונה? מיט וואָס קען ער פֿאַרריכטן דעם גרויסן פֿעלער? וואָס קען ער איר צוריקגעבן פֿאַר די יאָרן לײַדן און פּײַן?... און ווי קען ער זיך צוריקציִען פֿון פֿאַרמערלעבן, וואָס ער האָט דורך דער צײַט אַזוי ליב געקראָגן?

ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויףביידע הענט און פאַרדעקט די אויגן.

— טאַטע! — האָט מאַטעלע א ביסל שפּעטער געזאָגט, ניט באַקומענדיק קיין ענטפער — אויב דו ווילסט מיר ניט ענטפערן, אויב דו האָסט ניט קיין חרטה און ווילסט בלייבן ווייטער ביי דיין איצטיק לעבן, וועל איך מיט דיר מער ניט ריידן און וועל גלייך אוועק פון דאַנען... אזוי ווי איך האָב ביז איצט ניט געהאַט קיין טאַטן, וועל איך אויך ווייטער ניט האָבן...

— ניין, מאַטעלע! — האָט זיך איסאַק א כאַפּ געטאָן און צוגעצויגן זיין קינד צו זיך — לאָז מיך ניט אליין... איך וועל מער אזוי ניט קענען לעבן. איך דאַנק גאָט, וואָס דו ביסט איצט געקומען! ס'איז נאָך ניט צו שפּעט, איך בין א פרייער מענטש... מיין זינד איז אָבער אזוי גרויס, אז איך קען דיר אין די אויגן ניט קוקן... איך ווייס ניט, צי איר קענט מיר מוחל זיין... און מיט וואָס קען איך פאַרריכטן דעם גרויסן פעלער?!

— נאָר מיט דעם, דו זאָלסט זיך אָפּזאָגן פון דיין איצטיק פרעמד לעבן און ווערן א מענטש מיט מענטשן גלייך. די מאַמע האָט דיך אויף א מינוט ניט פאַרגעסן. דער זיידע האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל דיך געפינען. אויב דו האָסט חרטה און ווילסט זיך צוריק אומקערן צו אונדז, וועלן מיר אלע זיין גליקלעך.

— אָ, מאַטעלע! די חרטה איז צו גרויס אויסצודריקן זי מיט ווערטער... די פאַרשיידענע שלעכטע אומשטענדן פון מיינע ערשטע יאָרן אין אפריקע האָבן מיך געבראַכט צווישן די בורן. איך בין דאַן געווען שרעקלעך אָרעם, ניט געקענט שיקן דער מאַמען אויף צו לעבן און ניט געקענט פאָרן צוריק אהיים. די צייט איז דערווייל געלאָפן, ביז איך בין באַגאַנגען דעם שווערן פאַרברעך און אויפגעהערט צו שרייבן. דער תירוץ פאַר זיך אליין איז געווען, אז איך האָב ניט וואָס צו שרייבן. שפּעטער האָב איך זיך צוגעוווינט צו דער לאַגע. איך האָב גערעכנט, אז אלע האָבן מיך פאַרגעסן און איך בין געבליבן אליין. איך האָב געמאַכט מיין היים צווישן די פאַרמערס און האָב אזוי אדורכגעלעבט די אלע לאַנגע יאָרן. איצט בין איך רייך אין געלט, באָדן, בהמות און פּראָדוקטן. איך באַטראַכט עס ווי א געטלעכע השגחה דיין קומען קיין אפריקע און דיין געפינען מיך איצט... ווען ניט, וואָלט איך געבליבן אויף אייביק פאַרלאָרן פאַר אלעמען...

מאַטעלע האָט די גאַנצע צייט די אויגן ניט אראָפּגענומען פון זיין טאַטן. ער האָט געפילט, אז זיינע רייד זיינען ערנסטע און קומען פון הארצן.

— און װאָס רעכנסטו איצט צו טאָן, טאַטע? — האָט מאַטעלע אויפ־געגט געפרעגט.

איסאַק האָט עטלעכע מאָל אדורכגעשפּאַנט דעם צימער, ביז ער איז געבליבן שטיין נעבן זיין זון און געזאָגט:

— כ׳װעל זיך אָפּזאָגן פון מיין איצטיק לעבן. כ׳װעל פארלאָזן די פאַרם, אָבער כ׳װעל זיך ניט אומקערן צום שטאָטישן לעבן. ניין, דאָס קען איך ניט. די ערד־ארבעט איז געװאָרן א טייל פון מיין לעבן און איך קען זיך פון איר ניט אָפּרייסן. אַ פאַרמער בין איך און א פאַרמער װעל איך פארבלייבן. אָבער כ׳װעל זיך באַזעצן אויף אַן אנדערער פאַרם אין דער געגנט, װו ס׳געפינען זיך יידישע פארמערס. כ׳װעל ניט זיין קיין בור־פאַרמער װי ביז איצט, כ׳װעל זיין א יידישער פאַרמער.

מאַטעלע האָט געקוקט אויף זיין טאַטן מיט ליבע און אכטונג.

— װאָס זאָגסטו, מאַטעלע? געפעלט דיר מיין פּלאַן? װאָלסט דו און די מאַמע מיר געהאָלפן װערן א יידישער פארמער און פירן א יידיש לעבן?

— דאָס װעט זיין מיין העכסטע דערגרייכונג — האָט מאַטעלע פייער־לעך אויסגערופן, אָנכאַפּנדיק דעם טאַטנס האַנט — איך האָב שטענדיק גרויס חשק צו לעבן מיט דער נאַטור און זיך באַשעפטיקן מיט ערד־ארבעט. איך האָב אָבער קיינמאָל ניט געקענט קומען דערצו. איצט, װען כ׳װעל האָבן די געלעגנהייט, װעל איך זיך איבערגעבן צו דעם מיט לייב און לעבן... און די מאַמע — זי װעט זיין די גליקלעכסטע אין דער װעלט.

— און דער זיידע? — האָט איסאַק געפרעגט.

— אויב דער זיידע װעט ניט װעלן קומען אהער, װעט ער זיין צופרידן צו פארברענגען זיינע לעצטע יאָרן אָן זאָרג אין זיין שטעטל, אין זיין אלטן בית־המדרש, אין זיין סביבה. און ער װעט זיין גליקלעך צו װיסן, אז זיין איינציקע טאָכטער איז ניט מער קיין עגונה...

— — — — — — — — — — —

איסאַק האָט א שיין הויז מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען אין זיין נייער פאַרם, אין א נייער געגנט. מאַטעלע איז זיין רעכטע האַנט און טויג זייער גוט צו ערד־ארבעט. ער איז אין א קורצער צייט געװאָרן פיזיש אנטװיקלט און זעט אויס װי א געבאָרענער פאַרמער. זיין מאַמע איז א טיכטיקע באַלעבאָסטע, פירט דאָס הויז אויף א באמת יידישן שטייגער.

זי גיט אויך אכטונג אויף די עופות פון דער פאַרם און פילט זיך ווי אין א גן־עדן. איסאַקס פנים האָט באקומען א פיל איידעלערן אויסדרוק און ער איז דער צערטלעכסטער מאַן און פאָטער.

דער אַלטער שמואל משה האָט ניט געוואָלט פאַרן ענדיקן זיין לעבן אויף א ישוב אין אַפריקע און איז געבליבן אין דער היים. ער איז צופרידן מיט זיין לעבן, מער ווי ער האָט זיך אליין פאַרגעשטעלט, דורכדעם וואָס ער דערהאַלט פון אַפריקע סומעס געלט, וואָס זענען צופיל פאַר אים און ער קען דעריבער געבן צדקה און העלפן מענטשן, וואָס געפינען זיך אין א נויט.

— די מצוה פון צדקה — זאָגט ער — געהערט ניט צו מיר, נאָר צו מיינע קינדער אין אפריקע...

די לעצטע מינוטן

שטיל און האלב־טונקל איז אין גרויסן, לאַנגן זאַל פון שפּיטאָל. די קראנקן־שוועסטערן לויפן פארביי שטיל אין זייערע שטעקשיך, כדי ניט צו מאַכן קיין גערודער און ניט צו שטערן די קראנקע אין זייער רו.

די אראָפּגעצויגענע פאָרהאַנגען איבער די פענצטער לאָזן ניט ארײַנדרינגען די גליענדיקע שטראַלן פון דער טראָפּישער זון. א לייכט ווינטל, וואָס דרינגט ארײַן דורכן אויבערשטן אָפענעם טייל פון פענצטער, וויגט דעם פאָרהאַנג אהין און צוריק. א גאָלדענער שטראַל גנבעט זיך יעדע רגע ארײַן און ווארפט א שײַן אויף א בלייך געזיכט, אויף א בעט, ביי דער קעגנאיבערדיקער וואַנט.

דאָס איז א פּנים פון א ייִד, וועלכער ליגט אין דעם בעט די לעצטע עטלעכע וואָכן; ער פילט, אז ער וועט שוין דאָ לאַנג ניט ליגן. זײַנע חשבונות מיט דער נאַרישער וועלט זײַנען פארענדיקט. ער האָט דאָ ניט מער וואָס צו טאָן...

א שוועסטער גייט אָפּט צו אים צו, בלײַבט שטיין, באטראַכט זײַן בלייך געזיכט — און גייט אַוועק...

נעבן בעט שטייט א טישל מיט פלעשלעך רפואות, א קליין מאָס־געצייכנט גלעזל. א סיפאָן מיט סאָדע־וואַסער ביז אין דער העלפט און א גלאָז. אויף א שטול נעבן בעט ליגט א פארמאכטער חומש, און אָפענער תהלים מיט אַ פּאָר ברילן דערביי...

דער ייִד איז ניט קיין אלטער. צו אכט־און־פופציק יאָר איז צו פרי צו פארלאָזן די וועלט — און דאָך האָט דער מלאך־המות שוין ארויפגעלייגט זײַן שטעמפּל אויף אים... ער האָט אים נאָר דערלויבט נאָך א פּאָר שעה צײַט, ער זאָל זיך אָפּגעבן א דין־וחשבון פון דעם, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין משך פון זײַן גאַנץ לעבן; ווו און מיט וועמען ער געפינט זיך און וועמען ער לאָזט דאָ איבער, ווען ער גייט אוועק...

דער שלעכטער מלאך האָט ניט געקענט אויסקלערן קיין ערגערן פּלאַן צו פּייניקן זײַן קרבן איידער ער נעמט אים ארײַן אין זײַנע נעגל. זייענדיק ביים פולן באוווסטזיין, האָט דער חולה גוט פארשטאַנען און געפילט, וואָס מיט אים קומט פאָר. די צרות און דער פארדרוס, פון

וועלכע ער האָט געליטן זיין גאַנץ לעבן, זיינען גאָרנישט מיט גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט די יסורים און שברת־הלב, וואָס ער ליידט איצט, אין די לעצטע מינוטן...

מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער געשווינדקייט לויפן זיינע געדאַנקען און שפּרינגען איבער די פּעריאָדן פון זיין לעבן, ווען ער איז געווען אַ ייִנגל, אַ בחור, חתונה געהאַט, געווען אַ משפּחה־מענטש, די קינדער אונטערגע־וואַקסן, ווען ער איז מיט זיי געקומען אין אַפריקע, — ביז איצט, ווען די קייט פון זיין לעבן רייסט זיך איבער...

וואָס איז דער סך־הכל, וואָס די אַלע פּעריאָדן שטעלן מיט זיך פאָר? וואָס פאַר אַ בילאַנס באַקומט זיך איצט?

אַ טרויעריקער, אַ שוידערלעכער!

דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן פאַר קינדער, געאַרבעט פאַר זיי, געליטן פון זיי, כסדר געשטרעבט די קינדער צו מאַכן פאַר מענטשן, געהאָפט צו האָבן נחת פון זיי און ניט בלייבן עלנט אויף די עלטערע יאָרן. און וואָס איז דער סוף? ער שטאַרבט עלנט ווי אַ שטיין אין פעלד. ניטאָ ווער ס׳זאָל אים פאַרזיסן די לעצטע מינוטן. ניטאָ ווער ס׳זאָל הערן זיינע לעצטע ווערטער. ניטאָ ווער ס׳זאָל שליסן זיינע אויגן... נאָכמער, טאַקע דורך די קינדער גייט ער פאַר דער צייט פון דער וועלט. דער שטאַרקער פאַרדרוס און די ביטערע אַנטוישונג האָבן רואינירט זיין געזונט און צעבראָכן זיין לעבן...

אויף זיין בלאַס געזיכט מיט די האַלב־צוגעמאַכטע אויגן ווייזן זיך סימנים פון כעס. זיינע ברעמען צוקן, די פינגער קרעמפּן זיך; זיינע ליפּן באַוועגן זיך און מורמלען אַ קללה. ניט אויף די קינדער, וואָס זיינען זיך צעלאָפן און ווילן פון אים ניט וויסן, נאָר אויף דעם שד, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין גן־עדן און געבראַכט אויף אים דאָס גרויסע אומגליק.

ער האָט דאָן געוווינט אין דער קייפּ־קאָלאָניע. אַ רייכער, מעכטיקער מענטש מיט אַ פינצטערן כאַראַקטער, וואָס האָט געוווינט ניט ווייט, איז געוואָרן אַן איינגייער אין זיין הויז. מיט זיינע געשליפענע רייד און מאַ־ניערן האָט דער שאַרלאַטאַן געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף דעם אַלטנס יונגער, שיינער טאָכטער. ער האָט איר איינגעשמועסט, אַז זי דאַרף זיך שעמען מיט אירע נאַרישע, אומוויסנדיקע עלטערן; זי דאַרף לעבן פריי און אומאָפּהענגיק... ער האָט איר געשאַפן אַ שטעלע — און לויט זיין עצה האָט זי פאַרלאָזן די עלטערן, גענומען אַ וווינונג פאַר זיך און געווען איינגאַנצן

אונטער זיין השגחה, ביז ס׳איז געקומען די צייט, ווען זי האָט אָנגעהויבן באַגרייפן איר אמתע לאַגע... דאָס לעבן איז איר געוואָרן ניט אריבער־צוטראָגן, צוריק צו די עלטערן האָט זי ניט געוואָלט קומען און זי איז, אָן אַ „זיי געזונט״, אוועקגעפאָרן ערגעץ קיין אמעריקע. מער האָבן זיי ניט געהערט פון איר.

דאָס איז געווען דער ערשטער קלאַפּ. די ווייטערדיקע קלעפּ זיינען געקומען שפּעטער. טאַטע־מאַמע האָבן אָנגעהויבן זיך ארומקריגן, ארויפ־וואַרפנדיק די שולד איינער אויפן אַנדערן. די ייִנגערע צוויי ייִנגלעך האָבן פיינט געקראָגן די היים. זיי האָבן גענומען דעם ביישפּיל פון דער שוועסטער און זיינען אויך אנטלאָפן. ער האָט דאַן פארלאָזן די קיפּ און זיך אריבער־געצויגן קיין יאָהאַנעסבורג, ווו מ׳קען אים ניט און ס׳וועט אים זיין לייכטער איבערצוטראָגן די צרות.

זיין פרוי, א שוואכע, א קרענקלעכע, האָט לאַנג די ליידן ניט געקענט אריבערטראָגן. אין דעם דאָזיקן שפּיטאָל האָט זי פארענדיקט איר לעבן נאָך מיט עטלעכע יאָר צוריק. פון דאַן אָן איז ער קראַנק געוואָרן. ער האָט געקעמפט מיט דער קראַנקהייט, ביז ער איז געפאַלן אין קאמף — און אָט שטייט ער איצט אויפן ראַנד פון קבר...

ס׳איז מעגלעך, אז אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן איז ער אין כעס אויף זיך אליין, פארוואָס אים האָט זיך פארגלוסט מיט יאָרן צוריק צו פאַרלאָזן זיין היים אין אייראָפּע און זוכן גליק אין אפריקע. דאָרט וואָלט זיין פאמיליעלעבן ניט צעריסן געוואָרן אזוי ווי דאָ.

ס׳איז אויך מעגלעך, אז אין די לעצטע מינוטן האָט זיך אין אים דער־וועקט דאָס ייִדישע געפיל מיט דער שרעק צו שטאַרבן אָן א קדיש... וואָלט ער ניט געהאַט קיין זון, וואָלט אים ניט אזוי פארדראָסן. ער האָט זיי אָבער געהאַט, זיי געלערנט ייִדישקייט, געפּראַוועט בר־מצוהס — און ווו זיינען זיי איצט? ווער ווייס, וואָס פון זיי איז געוואָרן, אין וועלכע וועגן זיי האָבן זיך גענומען. צי קלערן זיי אמאָל וועגן זייער טאַטן? צי וועלן זיי וויסן, אז זייער טאַטע איז געשטאָרבן?...

זיין פּנים ווערט געל. זיינע אויגן ווערן אויסגעלאָשן, ווי א שלייער ווערט איבער זיי פארצויגן. זיין גוף שטאַרבט אָפּ ביסלעכווייז, אָבער זיין פארשטאַנד לעבט נאָך. דורכן שלייער זעט ער ווי די שוועסטער קומט און נאָך איר גייט עמעצער. ס׳איז ניט דער דאָקטאָר, ניין. דאָס איז א ייִד. ער זעצט זיך אויף א שטול, און די שוועסטער גייט אוועק.

דער גוסס ווייס, אז דאָס איז א שומר, וואָס איז געקומען היטן זיין נשמה... א צופרידנקייט וויזט זיך אויף זיין פינצטערן שטערן. ער שטאַרבט ניט עלנט. א ייד זיצט נעבן אים...

אָבער דאָס ביסל צופרידנקייט פאַרשאַפט אים נייע יסורים. פון אלע קינדער איז איינער, דער עלטסטער, געבליבן דאָ אין שטאָט. ער איז ניט אנטלאָפן ווי די אנדערע. ניט ווייל ער האָט ניט געוואָלט פאַרלאָזן די על־טערן, נאָר ווייל ס'איז אים געווען א שאָד זיך אפצוזאָגן פון זיין פריי, ווילד לעבן מיט גוטע חברים. חדשים פלעגן פאַרלויפן — און ער האָט אים ניט אָנגעזען פאַר די אויגן. ער פלעגט בלויז קומען צום טאַטן בעטן א פּאָר שילינג, ווען ער איז געווען פאַרענגט און האָט ניט געהאַט וואָס צו עסן. זינט ער ליגט אין שפּיטאָל איז ער, דער זון זיינער, נעכטן געקומען צום ערשטן מאָל אויף א פּאָר מינוט זען, וואָס ער מאַכט.

ער ווייס, אז דער זון איז אים ניט געטריי. ער ווייס, אז ער וועט נאָך אים קיין קדיש ניט זאָגן, ער איז אינגאַנצן ווייט פון יידישן לעבן און פון די יידישע טראַדיציעס. אָבער ער וואָלט געוואָלט, אז איצט זאָל דער זון שטיין נעבן בעט... ס'וואָלט אים פיל גרינגער געוואָרן, ווען דער זון זאָל האַלטן זיין האַנט און קוקן אויף אים... מיט זיין שווערן, שטיקנדיקן אָטעם וואָלט ער נאָך, דאַכט זיך, אים געקענט זאָגן א פּאָר ווערטער, די לעצטע, גאָר די לעצטע... שטענדיק זיינען זיינע מוסר־רייד געווען אומזיסט, אָבער די לעצטע ווערטער וואָלטן אפשר געהאַט א פּעולה...

ער איז אָבער ניטאָ, דער זון זיינער. ער קלערט ניט וועגן זיין אָפּשטאַרבנדיקן טאַטן.

א שוואַכער „אוי" רייסט זיך ארויס מיט זיין לעצטן אָטעם — און ער בלייבט ליגן שטיל...

דער שומר גיט זיך האַסטיק א הויב און קוקט אויף דעם פאַרקרימטן פּנים. ער האָט דערהיט די נשמה אין ריכטיקן מאָמענט און הויבט אָן זאָגן פּסוקים פון תהילים...

— — — — — — — — — — —

האַרי, דעם נאָר־וואָס פאַרשטאָרבענעמס איינציקער זון אין אפריקע, א שטאַרקער, מגושמדיקער יונג, האָט געהאַט א שלעכטן טאָג. ס'איז געווען א גרויסע „רייס" ניט ווייט פון שטאָט. ס'איז אים געגאַנגען היינט שלימזל־דיק; ער האָט פאַרלאָרן די לעצטע פּעני און א גוטער ברודער האָט אים

געגעבן אויף הוצאות צו פאָרן אהיים. קומענדיק אין שטאָט אריין, האָט ער זיך דערמאָנט, אז מ׳דארף צוגיין אין שפּיטאָל זען, וואָס דער „אלטער" מאַכט.

ווען די שוועסטער האָט אים אריינגעפירט אינם זאַל, איז דער שומר געשטאַנען און געזאָגט די פּסוקים פון תהלים.

— איר זייט געקומען צו שפּעט — האָט די שוועסטער שטיל געזאָגט — אייער פאָטער איז שוין געשטאָרבן...

האַרי איז געבליבן שטיין ווי צעמישט. צוויי פּארלוסטן האָט ער היינט געהאַט: די לעצטע פּעני אויף די „רייסעס" — און דערצו נאָך דעם „אָלד מען", וואָס פלעגט אים שטענדיק העלפן אין א נויט.

דיביידע פּארלוסטן האָבן א ביסל א קוועטש געטאָן זיין האַרט, שטיינערן הארץ: אין זיינע אויגן האָט זיך געוויזן א טרער...

— — — — — — — — — — —

ווער איז בילכער?

זינט מענדל האָט געקויפט א פערד, איז ער געוואָרן א מענטש און אָנגעהויבן מאַכן א לעבן. אַ דאַנק זיין געטריי פערד, האָט מענדל אריבער־גענומען קיין אַפריקע זיין ווייב און קינדער פון שקודוויל, וווּ ער האָט זיי איבערגעלאָזן מיט יאָרן צוריק, און געוואָרן א באלעבאָס אין יאָהאַנעסבורג מיט לייטן גלייך.

איידער ער האָט זיך דערשלאָגן צו א פערד, האָט ער זיך געפּלאָגט און געמאַטערט און קוים מיט צרות געקאָנט שיקן אהיים איינמאָל אין א פּאָר חדשים עטלעכע רובל. מענדל איז פון דער נאַטור ניט קיין גבור. דאָס שלעפּן ס׳וועגעלע מיט פּרוכטן האָט אים שיער אוועקגעהרגעט. צוליבן דאָזיקן טעם איז די פּרנסה אויך געווען שוואַך. ער האָט ניט געקענט באַוויזן צו זיין אויפן אָרט צו דער צייט און דערפאַר זיך ניט געקענט איינשאַפן קיין קונים. צו וועלכער באלעבאָסטע ער פלעגט קומען, איז געווען צו שפּעט. אַן אַנדערער, אַ מער פלינקער, איז שוין דאָרט פריער געווען.

ווער ווייס, וואָס דער סוף וואָלט געוואָרן פון מענדלען אין יאָהאַ־נעסבורג און פון זיין ווייב מיט די קינדער אין שקודוויל, ווען גוטע פריינד וואָלטן אים ניט געקומען צו הילף. די פּראַקטישע לאַנדסלייט האָבן גע־ווּסט, אז העלפן מענדלען מיט זיין פאַמיליע קען נאָר א פערד: מיט א פערד וועט ער זיין פונקט אזא בריה ווי אַן אַנדערער. מ׳האָט געפּועלט ביי דער „גמילות־חסדים״; מענדל האָט באַקומען געלט און געקויפט א פערד. אמת, מיט א בעלמע אויפן לינקן אויג, וואָס טריפט שטענדיק און איז שטענדיק ארומגערינגלט מיט מחנות גרינע פליגן; מיט איינגע־פאַלענע זייטן און מיט ארויסשטאַרטשנדיקע ביינער און שטאַרק אָפּגעריי־בענע קני... ס׳איז אָבער געווען א גוט פערד: שטיל און געלאַסן געטאָן די אַרבעט בשלימות, זייענדיק צופרידן מיטן גורל. עס האָט זיך ניט באַ־קלאָגט, ווען ס׳איז אים אויסגעקומען אמאָל צו שטיין מיט עטלעכע שעה לענגער אין די האָלאַבלעס, אָדער אמאָל צו פאַסטן א ביסל... דאָס קלוגע פערד האָט, ווייזט אויס, געוווּסט, אז זיין באלעבאָס איז אויך ניט שטאַרק איבערגעגעבן צו דער אכילה; אָפּט פאַרפעלט ער אינגאַנצן

א מאָלצײַט און אַרבעט שװער. טאָ װאָס־זשע איז מיט אים, דעם פערד, דער יחוס? און אַזױ האָט עס מיט די אַלטע, דאַרע בײנער, אומעטיק און פאַרטראַכט, מיטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, כסדר געשלעפּט די שװערע משא און געהאָלפן דעם באַלעבאָס מאַכן א ביסל געלט. ענדלעך האָט מענדל מיט מזל אַריבערגעפּעקלט פון שקודװיל חיה־יענטען מיט די קינדער.

חיה־יענטע איז געװען ניט קײן נאַרישע ײדענע. זי האָט באַלד אײַנגעזען, װאָס דאָס פערד טױג פאַר זײ און — מ׳טאָר עס ניט זאָגן — זי האָט ס׳פערד זײער ליב געקריגן... זי האָט געציטערט און געפּלאַטערט איבערן פערד װי איבער א קינד. זי פלעגט שטענדיק זאָגן: „אַז קײן עין־הרע זאָל אים ניט שאַטן, װי שײן עס זעט אױס, װי גוט עס גײט".

װען מענדל פלעגט פאַרנאַכט קומען צו פאָרן און ס׳פערד איז געװען פאַרשװיצט און געשטאַנען װי א באַגראָבענער, האָט חיה־יענטע געהאַט אױף אים געװאַלטיק רחמנות. זי האָט עפּעס געװאָלט טאָן און ניט געװוּסט װאָס. װאָלט נאָר מעגלעך געװען, װאָלט זי, דאַכט זיך, דאָס פערד אין שטוב אַרײַנגענומען און געגעבן אים א גלעזל טײ, פּונקט װי, להבדיל, דעם מאַן. אָבער אַז דאָס ניט, פלעגט זי אַרומטאַנצן אַרום אים, א פּאַטש טאָן, א גלעט טאָן, געקוקט אין די אױגן און גערעדט פרײַנדלעכע װערטער. ס׳פערד, װײַזט אױס, האָט עפּעס יאָ פאַרשטאַנען, װײַל אין אַזאַ צײַט פלעגט עס אױפהױבן דעם קאָפּ און א הירזשע טאָן, װי אײנער זאָגט: „װאָס טױגן די אַלע זאַכן, גיט בעסער עפּעס אין מױל אַרײַן..."

מענדל, װי א גוטער, אָרנטלעכער מאַן, האָט ליב געהאַט זײַן װײַב װי ס׳דאַרף זײַן; ער האָט אָבער צו גלײַכער צײַט האָלט געהאַט אױך זײַן פערד. ס׳איז אײגנטלעך שװער אָפּצװעגן מיט װיפל די ערשטע ליבע איז געװען שטאַרקער פאַר דער צװײטער. נאָר װי ס׳זאָל ניט זײַן — מענדל און חיה־יענטע זײַנען בײדע געװען געטרײַ צו זײער שטומער בהמה, װעלכע האָט זײ געדינט װי אַן אײגענער מענטש...

ס׳האָט אָבער געטראָפן אַזאַ פאַל, װען מענדל איז געקומען אין פאַרלעגנהײט און האָט זיך ניט געקאָנט קײן עצה געבן. בײדע ליבעס, צום װײַב און צום פערד, האָבן זיך װי קאָנקורענטן געשטעלט אײנע קעגן דער אַנדערער — און ער איז געשטאַנען און געקלערט: װער איז מער גערעכט...

חיה־יענטע, ניט פאַר קײן ײדענע געדאַכט, איז ניט געװען בקו־הבריאה, דאָס הײסט, זי איז פּשוט געװען גוט קראַנק, נאָר װי געװײנטלעך, מען מאַכט זיך ניט װיסן... די קראַנקײט האָט זי זיך אײַנגעשאַפּט נאָך אין יענע יאָרן, װען זי איז געװען אין שקודװיל אַלײן מיט די קינדער, געלעבט אין

צרות און איין נויט, געהאַט כסדר עגמת־נפש פון מאַנס שלעכטער לאַגע אין אפריקע. פון די אַלע געשמאַקע זאַכן האָט זיך פּאַוואָלינקע געגומען אנטוויקלען א שטיקל פּעלער ביי איר אין הארצן... דער דאָקטאָר האָט אָנגעהאַקט א קאָפּ — מיט פלעגע, פרישער לופט, ניט זאָרגן — אלץ אזעלכע זאַכן, וואָס זי קען ניט באקומען. ער האָט איר אויך שטרענג אָנגעזאָגט, זי זאָל וויסן, אז איר האַרץ איז אָנגעגריפן און אויב זי וועט אמאָל דערפילן א שטאַרקן ווייטאָג, זאָל זי למען־השם גלייך זיך ווענדן צו א דאָקטאָר.

אַ לאַנגע צייט איז געווען שטיל, ביז גאָט האָט געהאָלפן און ס׳האָט איר מיטאַמאָל אָנגעהייבן ווי טאָן. חיה־יענטע האָט ניט געהאַט קיין שלעכטן זכרון; זי האָט געוווסט, אז זי מוז גיין צו א דאָקטאָר, נאָר ווייל אזא זאַך איז פארבונדן מיט א „סאָוורען", וואָס איז פּשוט ניטאָ, האָט זי געהאַט געדולד, געמאַכט א שווייג, ביז זי האָט זיך דערוואָרט. ס׳איז געווען אן ערב־יום־טוב־וואָך, מענדל האָט געמאַכט גוטע געשעפטן און איין שטוב איז געבליבן אַן אָפּגעשפּאָרטער פונט. גראָד אין יענעם פרימאָרגן האָט זי דערפילט דעם ווייטאָג גאָר שטאַרק. זי האָט לאַנג ניט געקלערט, אָנגעטאָן דאָס שבתדיקע קלייד מיט דעם הוט און זיך געקליבן צו גיין צום דאָקטאָר.

ווען זי איז ארויס פון שטוב, האָט זי ארומגעכאַפּט א פלוצלינגער פחד. איר מאַן איז געקומען צוריק מיטן ביסל סחורה אויפן וואָגן און געזאָגט, אז ער קאָן ניט פאָרן, ס׳פערד איז קראַנק געוואָרן. ער וועט נעמען דעם „סאָוורען", וואָס געפינט זיך אין שטוב, און וועט פירן ס׳פערד צום וועטערינאַר.

חיה־יענטע איז געבליבן שטיין א דערשלאָגענע. זי האָט ארויסגענומען דעם „סאָוורען" פון האַנטבייטל און אים דערלאנגט איר מאַן, זאָגנדיק:

— נאַ, און גיי טאַקע שוין גלייך, איך האָב אליין געוואָלט גיין צום דאָקטאָר מיט מיין האַרץ... גוט וואָס דו ביסט געקומען אין דער רעכטער צייט...

מענדל איז געבליבן שטיין א צעמישטער מיטן „סאָוורען" אין דער האַנט, מיטן קראַנקן פערד און מיטן קראַנקן ווייב ביי דער זייט... ער האָט זיי ביידע ליב, ער דאַרף זיי ביידע ווי ס׳לעבן; ביידע דאַרפן זיי א דאָקטאָר נויטיק — און א „סאָוורען" איז פאַראַן נאָר איינער...

ס׳פערד טאָר ניט קראַנק זײַן; עס איז זײַער ברויטגעבער, זײַער מפרנס. דאָס װײַב זעט אויס שלעכט. א ביטערער רחמנות אויף איר צו קוקן... זי איז אָבער א מענטש מיט שכל — טראַכט ער — און א ײדענע דערצו, א ײדענע קאָן אריבערטראָגן... זײַן פערד אָבער איז דאָך ניט מער װי א בהמה, האָט קײן שכל ניט; קען עס ניט גײן — גײט עס ניט, און אז עס גײט ניט — איז ניטאָ פונװאַנען צו לעבן...

מענדל פאַרשטײט אָבער, אז דאָס איז ניט קײן ריכטיקער חשבון... ער בלײַבט שטײן, קוקנדיק פון אײן חולה אויפן אנדערן ,און קלערט:

— װער איז בילכער?...

— — — — — — — — — — —

וואָס אים האָט געראַטעוועט

ווען רחל האָט חתונה געהאַט מיט מאַקסן, האָט זי זיך געפילט גליקלעך. אַלע באַקאַנטע מיידלעך האָבן זי מקנא געווען. אַ פיינער „באָי״, אַ יונגער, און קען מאַכן אַ לעבן. וואָס נאָך קען מען פאַרלאַנגען?

ס׳האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און ס׳גליק איז פאַרשטערט געוואָרן. זי האָט אָנגעהייבן לײַדן דערפון, וואָס איר מאַן האָט אָנגעהייבן קומען שפּעט בײַנאַכט אַהיים און איז שטענדיק בייז און אויפגערעגט.

ס׳ערשטע מאָל, ווען דאָס האָט געטראָפן — איז זי שיער פון זינען אַראָפּ. דער זייגער איז צען, עלף, צוועלף — און ער איז ניטאָ! וואָס זאָל עס באַדייטן? אַ מוראַדיקער אומעט איז זי באַפאַלן. ס׳איז בײַ איר קיין ספק ניט געווען, אַז ס׳האָט געטראָפן אַן אומגליק. זי האָט געוואָלט גיין, לויפן, אָבער ווו גייט מען אין מיטן דער נאַכט?

פּלוצלינג איז איר אומעט פאַרשוווּנדן. זי האָט דערקענט זײַן גאַנג אויף דער וועראַנדע און האָט דערהערט שליסן די טיר. זי איז אים אַנטקעגן געלאָפן מיט שמחה און זיך געוואָרפן אויף זײַן האַלדז:

— אָ, מאַקסעלע, אַ דאַנק גאָט! וואָס אַ מענטש קאָן אַלץ איבערקלערן... ווו ביסטו געווען אַזוי שפּעט?

אָבער אין דער מינוט איז איר ווידער אַ שרעק באַפאַלן. מאַקסל איז געווען קאַלט ווי אײַז. ער האָט זי אָפּגעשטופּט פון זיך און געזאָגט מיט כעס:

— זע נאָר דעם אָנשטעל, וואָס זי מאַכט. וואָס איז? בין איך אין אַ תפיסה, וואָס איך טאָר ניט גיין ערגעץ אויף אַ פּאָר שעה?...

די עטלעכע ווערטער האָבן זי ווי מיט קאַלט וואַסער אָפּגעגאָסן. זי האָט זיך געפילט עלנט און אַנטוישט. פון אירע אויגן האָבן זיך גענומען גיסן טרערן.

מאַקסל האָט אַ שליידער געטאָן זײַן הוט און גענומען שרייען:

— וואָס האָסטו זיך צעפּיעשטשעט ווי אַ קליין קינד? וואָס האָב איך דיר געטאָן? האָסט עפּעס צו עסן? גיב אַהער!

זי האָט געזען, אַז ער איז בלאַס און אויפגערעגט. עפּעס האָט זי פאַר אים ווי מורא געקראָגן... זי איז אַרײַן אין קיך מאַכן דאָס עסן און

די הענט האָבן איר געציטערט. ס'איז איר פֿינצטער געװאָרן פֿאַר די אויגן. זי האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויף אַ שטול און זיך צעװײנט אויפֿן קול.

— װאָס איז דאָס פֿאַר אַ טיול? — האָט מאַקס אַ געשריי געטאָן און גענומען קלאַפּן אין טיש — װאָס קלאָגסטו דאָרטן? גיב עסן, אַז ניט גיי איך אװעק.

דאָס יונגע װײבל איז נאָך געװען אַ „גרינע". זי האָט קיין אָנונג ניט געהאַט װעגן דרום־אַפֿריקאַנער לעבן, װו קאָרטן און „רייסעס" שפּילן אַזאַ װיכטיקע ראָל. זי האָט ניט געװוּסט, אַז װען חבֿרה זעצט זיך שפּילן אין קאָרטן, איז ניטאָ קיין היים, ניטאָ קיין װײב. דאָס לעבן און די נשמה ליגט אין „דזשעק" מיטן טויז. װאָלט זי דאָס געװוּסט, דאַן װאָלט זי פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז ניט איינע אין שטעטל, ס'זיינען דאָ גענוג װײבער, װאָס ליידן אַזעלכע צרות, און זי איז ניט קיין אויסנאַם. זי האָט עס אָבער ניט געװוּסט.

דעם מאַנס קלאַפּן אין טיש מיט זיין װילדן כּעס האָבן דערװעקט אין איר דעם װײבלעכן שטאָלץ. זי האָט אויפֿגעהערט װיינען, אַרייגעטראָגן דאָס עסן, געשטעלט אויפֿן טיש און אַליין זיך אַװעקגעזעצט איז אַ זייט ברוגז.

װי דער שטייגער ביי יונגע װײבלעך, האָט דער ברוגז אָנגעהאַלטן עטלעכע טעג.

דעם אמת װעגן דעם, װאָס מיט איר מאַן קומט פֿאָר, האָט זי זיך דערװוּסט ערשט נאָכן ערשטן פֿון נייעם חודש. ער האָט איר קיין געלט ניט געגעבן און זי האָט ניט געהאַט מיט װאָס צו באַצאָלן די חובֿות. װען זי האָט זיך באַקלאָגט פֿאַר אים, אַז זי קען די אויגן ניט װײַזן פֿאַרן קרעמער, פֿאַרן בעקער, פֿאַרן מילך־מאַן און קצבֿ, האָט ער געענטפֿערט:

— ס'איז גאָרנישט, זיי קענען װאַרטן. איך בין אַ ביסל ניט־מזלדיק געװען אין קאָרטן און האָב פֿאַרשפּילט דאָס גאַנצע געלט. אָבער דערפֿאַר האָב איך אַ זיכערן גוטן „טיפּ" פֿאַר דער גרויסער „רייס" די קומענדיקע װאָך, און אַז ס'װעט מיר געלינגען, — לאָך איך פֿון אַלעמענס קעפּ.

אונדזער װײבל האָט זיך גאַנץ גיך אויסגעניכטערט. װען דער מאַן איז אין אָװנט ניט געקומען, האָט איר גוט פֿאַרדראָסן, אָבער אַזוי פֿאַרצװייפֿלט, װי ס'ערשטע מאָל, איז זי שוין ניט געװען. זי האָט שוין ניט געװאָלט, װי דעמאָלט, לויפֿן, פֿליען; זי האָט געװוּסט, אַז ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט. ער זיצט ערגעץ מיט זיינע חבֿרים די „געמבלער" און שפּילט אין קאָרטן. און אַזוי גוט האָט זי אים פֿאַרשטאַנען, אַז זי האָט דערקענט אויף זיין פּנים, צי ער האָט געװוּנען, צי ער האָט פֿאַרשפּילט.

זי האָט איינגעזעהן, אז וויינען אָדער ברוגז ווערן קען ווייניק העלפן. זי האָט געהערט אמאָל זאָגן, אז א פרוי קען א מאַן אויסבעסערן — און זי האָט גענומען אָנווענדן איר גאנצע פרויען־קונסט צו ווירקן אויף אים, ער זאָל אויפהערן „געמבלען": צו וואָס זאָל ער פארשטערן זייער רואיק לעבן און זיך אליין מקצר זיין די יאָרן מיט זיין שטענדיקער אויפרעגונג צוליב די קאָרטן?

מאַקסל האָט זיך אָפט געפונען באַהערשט פון זיין ווייבלס שיינע אויגן און איר בעטנדיקער שטים; ער האָט געוווסט, אז זי איז אינגאַנצן גערעכט, און ער פלעגט איר צוזאָגן, אז ער וועט שוין מער ניט נעמען א קאָרט אין דער האַנט אריין. זי איז געווען צופרידן מיט זיין צוזאָג ווי מיטן גרעסטן געווינס.

מאַקסל האָט אָבער זיין וואָרט ניט געקענט האַלטן. אמת, ווען ער פלעגט זיך טרעפן מיט זיינע גוטע ברידער ביים קאָרטנטישל, פלעגט ער זיך דערמאָנען אָן זיין ווייבס טענות. „יאָ, זי איז גערעכט", פלעגט ער קלערן, „איך וועל טאַקע מער ניט שפּילן, נאָר בלויז דאָס איינציקע מאָל; מ'קען דאָך פלוצלינג אינגאַנצן ניט אויפהערן... דאָס איינציקע מאָל — און טאַקע ניט מער".

און מיטן באשלוס, אז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, האָט ער כסדר „געגעמבלט" אָן אויפהער.

דאָס ווייבל האָט געזעהן, אז אירע רייד העלפן ניט, האָט זי געשוויגן. זי האָט אויפגעהערט צו וואַרטן אויף אים ביז שפּעט אין דער נאַכט. זי פלעגט ליגן איינגעגראָבן אין די קישנס, מיטן פארדרוס אין איר הארצן, הערן ווי ער קומט שטילערהייט ווי א גנב, גייט אריין אין קיך, עסט אָפּ און לייגט זיך שלאָפן.

ס'פלעגן איר אריינקומען געדאַנקען, אים אוועקצוואַרפן, אוועקגייען פון אים... זי וועט טאָן יעדע ארבעט, וואָס וועט זיך מאַכן, אבי צו פאר־דינען אויפן לעבן און ניט זיין אָפּהענגיק פון אים. זי ווייס, אז אן אנדערע אויף איר אָרט וואָלט עס געטאָן, איר אָבער איז עס שווער צו באשליסן, זי איז צו שוואַך צו מאַכן אזא שריט...

מאַקסל האָט ניט געהאַט קיין שלעכטן כאַראַקטער. ער האָט ליב גע־האַט זיין שיינע, גוטע פרוי, אָבער דער חשק צו „געמבלען", וואָס איז געווען איינגעוואָרצלט אין אים פון יאָרן לאַנג ווי א כראָנישע קרענק, האָט איבער־געשטיגן זיין ליבע צו דער פרוי; ער האָט זיך ניט געקענט באפרייען דערפון, ביז ס'האָט זיך אריינגעמישט א דריטע פערזאָן.

אין שכנות פון זיי האָט געוווינט א פרוי, וועלכע האָט, ווי א סך אנדערע פרויען, געהאַט א טבע ארײנצוקוקן ביי דער שכנטע אין טעפּל און וויסן וווּ דער שוך קוועטשט, בפרט ווען די שכנטע איז א יונג ווייבל... זי האָט באלד דערשמעקט, אז עפּעס איז ביי יענער ניט ווי עס דאַרף צו זיין. זי איז געוואָרן צודרינגלעך און האָט איר כסדר געהאַלטן אין איין פרעגן, וואָס איר פעלט, פאַרוואָס זי איז אזוי פאַראומערט, ביז דאָס ווייבל האָט דערפילט, אז זי מוז אירע צרות פאר עמעצן אויסריידן, אז ניט קען איר דאָס הארץ פּלאַצן — און זי האָט איר אלץ דערציילט פון אָנהייב ביזן סוף.

— פּטור, נו — האָט די שכנטע געזאָגט — ס'לוינט זיך טאָקע צו נעמען צום הארצן פון אזא זאַך! איך וואָלט אים געגעבן אָפּגעשניטענע יאָרן, אז ס'וואָלט אים געוואָרן פינצטער און ביטער.

רחל האָט געשוויגן און שוין מער מיט דער שכנטע ניט גערעדט וועגן דעם.

ווען די שכנטע איז געקומען אהיים, האָט זי עס דערציילט איר קוואַר־טיראַנט, א פיינער יונגערמאַן, וועלכער האָט שוין לאַנג געהאַט גרויסע אויגן אויף דעם „גרינעם" ווייבל. ער האָט שוין געזען פיל כלות, וואָס מ'האָט אים פאַרגעשלאָגן, אָבער אזא פרוי האָט ער נאָך נישט געטראָפן. ער האָט פּשוט ניט פארגונען מאקסלען אזא גליק און, הערנדיק ווי דאָס ווייבל ליידט פון איר מאַן, האָט ער זיך פאַרגענומען איר העלפן.

באַגעגנט האָט ער זיך מיט איר אויף די וועראַנדעס, וואָס גרענעצן זיך איינע מיט דער אנדערער. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער שטאַמט פון א ליטוויש שטעטל, וואָס ליגט ניט ווייט פון איר שטעטל, און אז ער האָט גוט געקענט איר טאַטן. ער איז געווען א מענטש מיט בילדונג און האָט גלייך באַמערקט, אז זי איז אויך ניט אומוויסנדיק. זיי זיינען געוואָרן נעענ־טער באַפריינדט, ביז ער האָט איר געבראַכט א בוך צום לייענען און זיך דערלויבט ארויפצוגיין אויף איר וועראַנדע. פון דאַן אָן האָט ער תמיד גע־פונען אַן אויסרייד צו זיצן אויף איר וועראַנדע און פאַרברענגען מיט איר אין פאַרשיידענע שמועסן.

רחל האָט דערקענט ווי ווייט דער דאָזיקער יונגערמאַן שטייט העכער פון איר מאַן. זי האָט פאַרשטאַנען, אז מיט אזא מענטש וואָלט זי געקענט גליקלעך לעבן. ער האָט איר אויך געגעבן אָנצוהערן, אז איר מאַן פאַר־שטייט ניט איר ווערט און וויס ניט ווי זי צו שעצן. ווען ער וואָלט געהאַט אזא פרוי, וואָלט זי ביי אים געווען א קעניגין...

די פיינע רייד האָבן אָבער רחלן ניט אראָפּגעפירט פון גלייכן וועג. זי האָט נאָר שטאַרקער דערפילט ווי אומגליקלעך זי איז און ווי איר וויסט לעבן ווערט שווערער און שווערער. זי האָט געפילט א געוויסע פאַרלייכטערנוג אין אירע ליידן, ווען זי פלעגט פאַרברענגען מיט דעם אינטעליגענטן יונגנמאַן.

אין איינעם אַזאַ אָוונט איז אויסגעבראָכן א שטורעם. עס איז אוממעגלעך געווען צו זיצן אויף דער ווערענדע און זיי זיינען אריין אין שטוב. דאָס איז געווען ס'ערשטע מאָל ווי ער האָט זיך מיט איר געפונען צווישן פיר ווענט. זי האָט געמאַכט טיי פאר איר גאַסט — און ער האָט זיך דערפילט מער היימיש און אינטים. ער האָט שוין מער ניט געקענט באַהערשן זיינע געפילן, וועלכע האָבן זיך ביי אים צוזאמענגעקליבן פון א לאַנגער צייט, און ער האָט פאר איר געעפנט זיין האַרץ...

— איר טאָרט ניט ליידן פון דעם גראָבן יונג — האָט ער גענומען ריידן מיט פייער — איר זייט די בעסטע פרוי אין דער וועלט! איר זייט א מלאך... גליקלעך דאַרף זיך שעצן דער מאַן, וואָס האָט אזא פרוי; ווי קומט איר צו אַזאַ שאַרלאַטאַן, אזא אויסוואורף... גייט אוועק פון אים... איך וועל אייך העלפן מיט אלץ, מיט מיין גאַנץ לעבן... אין פייער און אין וואַסער וועל איך פאַר אייך גיין...

ער איז צוגעגאַנגען נעענטער. דאָס ווייבל איז געוואָרן בלאַס און באַלד רויט ווי פייער.

— טרויט מיר אָן אייער צוקונפט! — האָט ער געזאָגט, אָננעמענדיק איר האַנט — איך וועל אייך...

— איר זייט א לומפּ! — האָט רחל אויסגעשריען און א ריס געטאָן איר האַנט פון זיינע — ווי נעמט איר זיך אזא פרייהייט... מיט וועלכע רעכט באַליידיקט איר מיין מאַן? ווען ער טוט אומרעכט קעגן מיר — איז דאָס ניט קיינעמס זאַך. איך האָב געשוואָרן מיין מאַן אייביקע טרייהייט און איך וועל מיין שבועה ניט ברעכן, ווען עס זאָל מיר אפילו מיין לעבן קאָסטן... גייט גלייך ארויס פון שטוב...

— אָבער פאַרוואָס? איך מיין דאָך אייער...

— קיין וואָרט מער! גייט, אָדער איך מאַך א געוואלד...

דער יונגערמאַן האָט לענגער ניט געוואָרט און איז ווי אַן אָפּגעבריטער ארויסגעלאָפן. עפענענדיק די טיר, האָט ער א ציטער געטאָן... ער האָט זיך געטראָפן אויג אויף אויג מיט מאַקסלען, וועלכער איז געשטאַנען אומ־

באוועגלעך ווי א סטאַטוע. יענער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט און איז ארויסגעלאָפן ווי א פייל פון בויגן.

מאַקסל איז געשטאַנען ווי פארגליווערט. ער האָט זיך געפילט ניט־ווירדיק אריינצוגיין אין שטוב. א שטאַרקע ליבע און א טיפער מיטלייד צו זיין געטרייער, גוטער פרוי האָט אין אים אויפגעפלאַקערט, און א שנאה מיט אַ פאַראַכטונג צו זיך אליין. א געפיל פון תשובה און חרטה האָט אים באהערשט... זיין פרויס געוויין פון אינווייניק האָט אים אָפּגעריסן פון אָרט און ער איז האַסטיק אריינגעלאָפן אין שטוב אריין.

— רחלע! — האָט ער געפליסטערט, אָננעמענדיק אירע הענט — איך ווייס אלץ... איך האָב געהערט, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. איך זע איצט ווי שווער איך האָב געזינדיקט קעגן דיר די גאַנצע צייט. איך זע, אז איך בין דיך ניט ווערט... די עטלעכע מינוטן האָבן געראַטעוועט אונדזערביידנס לעבן... איך שוועך דיר איצט ביי אלעמען, וואָס איז הייליק, אז איך וועל מער ניט „געמבלען"... גלויב מיר דאָס איצטיקע מאָל... איך ווייס איצט, וואָס איך פארמאָג, וואָס איך דארף היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ... זיי מיר מוחל, רחלע! איך האָב חרטה, איך וועל דיר מער קיין עגמת־נפש ניט פארשאַפן... האָב רחמנות, זיי מיר מוחל...

אין זיינע לעצטע ווערטער האָט געקלונגען געוויין.

רחל האָט אריינגעקוקט טיף אין זיינע אויגן:

— איך גלויב דיר, מאַקס. איך פיל, אז דו האָסט חרטה און דו וועסט דיין איצטיקע שבועה האַלטן. איך האָף, אז איך האָב ניט קיין טעות און מיר וועלן לעבן גליקלעך.

רחלע האָט קיין טעות ניט געהאַט. מאַקסל איז געראַטעוועט געוואָרן פון זיין געפערלעכער „געמבל"־קרענק. ער קומט אלע פאַרנאַכט אהיים גלייך ווי ער באַפרייט זיך פון זיין באשעפטיקונג. דער יצר־הרע פון קאָרטן־שפיל איז פון אים אוועק. זיין אמתדיק גליק באשטייט איצט אין דעם רואיקן לעבן מיט רחלעס געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט.

— — — — — — — — — — —

דער איידעלער, אינטעליגענטער יונגערמאַן האָט זיך ארויסגעצויגן פון דער שכנטע און ער ווייזט זיך ניט מער אין יענער געגנט.

דזשאָנס ליבע

צען יאָר איז ער אין אפריקע און דורך דער צייט האָט ער שוין דריי מאָל געביטן זיין נאָמען. „יאָשקע" האָט מען אים גערופן אין דער היים, אין זיין שטעטל, און דאָ האָט ער זיך א נאָמען געגעבן „דזשאָזעף". מיטן דאָזיקן נאָמען האָט ער זיך געהאַלטן עטלעכע יאָר, ביז ער האָט זיך מיישב געווען און אים פארקירצט אויף „דזשאָו". מיט יאָרן שפּעטער האָט ער זיך א נאָמען געגעבן „דזשאָן".

מיט יעדן מאָל בייטן דעם נאָמען איז אויך געביטן געוואָרן זיין כאַראַק־טער, זיינע געפילן און זיינע אָנשויאונגען אויפן לעבן.

„יאָשקע" אין דער היים איז געווען א ליטישער יידישער בחור. רעליגיעז, אַ פאַרברענטער נאַציאָנאַליסט, אַן איבערגעגעבענער ציוניסט און שטאָלץ מיט זיין יידישקייט.

„דזשאָזעף" אין אפריקע האָט אויפגעגעבן רעליגיע. דזשאָזעף איז געווען מער אנטוויקלט און מער אויפגעקלערט ווי יאָשקע... ער האָט זיך בארעכנט, אז רעליגיע איז א זאַך, וואָס איז אויסגעקלערט געוואָרן פון פאַרצייטישע מענטשן און מ'איז ניט מחויב צו פאָלגן. מ'קען זיין א גוטער ייד אָן רעליגיע. די הויפּט־יידישקייט באשטייט אין נאַציאָנאַליזם, אינם שטרעבן, אז יידן זאָלן זיין א נאציע אין זייער אייגן לאנד.

„דזשאָו" איז געגאַנגען נאָך ווייטער. דזשאָזעפס נאציאָנאַליזם איז אויך אוועק ווי מיטן רויך און ס'איז בלויז געבליבן דער ראַסן־אונטערשייד. „אַ ייד", האָט דזשאָו געטענהט, „איז פון א באזונדערער ראַסע מיט באזונ־דערע אייגנשאַפטן; ער טאָר זיך ניט אויסמישן מיט אנדערע ראַסן. אין דעם באשטייט דעם יידישער קיום. מ'קען זיין א גוטער ייד אָן רעליגיע און אָן נאציאָנאַליזם".

ענדלעך איז געקומען „דזשאָן" און האָט דעם ראַסן קיום אויך מבטל געמאַכט. — „א ייד בלייבט א ייד", פלעגט דזשאָן טענהן, „אזוי לאַנג ווי ער נעמט ניט אָן קיין אנדערן גלויבן. ער קען אויך חתונה האָבן מיט א קריסטלעכער פרוי, אזוי לאַנג ווי ער שמדט זיך ניט. ווייל זי זיך מגייר זיין, איז געוויס גוט, אלא ניט — מאַכט אויך ניט אויס. אדרבא, זאָל

אריינקומען פרעמד, פריש בלוט אין דער יידישער ראַסע, וועט זי ווערן געזונטער און שטאַרקער״.

געקומען צו דער לעצטער מדרגה איז ער טאַקע דורך א קריסטלעך מיידל, מיט וועלכער ער האָט זיך באקענט. פּלאַסי איז געווען איר נאָמען. א פיין, אינטעליגענט, ענגליש, קריסטלעך מיידל, וועלכע איז אריבערגע־קומען פון ענגלאַנד צו איר פאָטער, א פארוואלטער פון א גרויסער פירמע. באקענט האָט מען זיך, ווי געוויינטלעך, אויף א באַל פאַר א ווילטעטיקן צוועק. דזשאָן — א לוסטיקער יונג, פול מיט לעבן, האָט דעם גאַנצן אָוונט געטאַנצט מיט דער שיינער פלאַסין און שפּעטער האָט ער זי באגלייט אהיים. ווייטער איז שוין אַלץ געגאַנגען גלייך, ווי דער סדר־העולם איז: מ׳טרעפט זיך צופעליק נאָך אמאָל, מ׳מאַכט „אַפּאָינטמענטס״, מ׳פארברענגט אלץ מער אינטים, ביז מ׳זעט זיך פלוצלינג ארום, אז מ׳איז פאַרליבט איבער די אויערן און מ׳קען איינער אָן דער אנדערער ניט לעבן... אָט דאַן איז געווען די צייט, ווען דזשאָ האָט געביטן זיין נאָמען און גלייכ־צייטיק זיינע מיינונגען וועגן דער יידישער ראַסע. ער האָט געוווסט, אז „דזשאָן״ קלינגט ניט אזוי יידישלעך און פלאַסין וועט דער נאָמען בעסער געפעלן.

דער ראָמאַן איז זיך אוועק אויף א גוטן וועג. קיין שום שטערונגען, פאַרדרייעבישן, אינטריגעס פון ביידע צדדים. דזשאָן איז געווען א שיינער יונגערמאַן, אין א גוטער פינאַנציעלער לאַגע, געהאַט א גוט געשעפט אין א קריסטלעכער סביבה. און די ליבע איז געוואָרן שטאַרקער פון טאָג צו טאָג.

פלאַסיס טאַטע איז געווען א רעליגיעזער מענטש, א פרומער קאַטאָליק. ער וואָלט פאַר קיין פאַל ניט דערלאָזט, אז זיין טאָכטער, זיין איינציק קינד, זאָל חתונה האָבן מיט א ייד. אָבער ער האָט געזען, אז די ליבע פון זיין טאָכטער צו דזשאָנען איז א פּייערדיקע. דזשאָן אליין איז אים פערזענלעך געפעלן און, ניט וועלנדיק צעברעכן זיין טאָכטערס הארץ, האָט ער ענדלעך מסכים געווען צום שידוך, מיט דער פולער זיכערקייט, אז ווען די צייט פון דער חתונה וועט זיך דערנענטערן און ער וועט דורכויס פאָדערן, אז דזשאָן זאָל זיך שמדן, וועט דער יונגערמאַן זיך געוויס ניט אָפּזאָגן דערפון...

און ווען די צייט האָט זיך דערנענטערט און פלאַסיס טאַטע האָט גע־מאַכט דעם פאָרשלאַג וועגן שמד, איז דזשאָן געבליבן אין פארלעגנהייט. אָפּזאָגן זיך פון פלאַסין איז פאַר אים געווען אוממעגלעך; ווידער שמדן זיך איז זייער א מיאוסע זאַך... ער האָט דעם פאָטער ניט אָפּגעזאָגט;

ער האָט געענטפערט, אַז ער מוז דעם ענין גוט אַדורכטראַכטן, ער מוז זיך צוגעוווינען צום דאָזיקן געדאַנק — און דאַן וועט ער געבן אַן ענטפער.

און דזשאָן האָט געטראַכט און געטראַכט. אַ פריידענקער איז ער דאָך סיי־ווי, די טויף־צערעמאָניע איז דאָך ניט מער ווי אַ נאַרישע קאָמעדיע, און פלאָסי איז דאָך דאָס טייערסטע מיידל אויף דער וועלט, — טאָ וואָס איז דאָ פיל צו קלערן? ס׳איז שוין ביי אים כמעט ווי געווען באַשלאָסן אויף יאָ, אָבער קיין פּאָזיטיוון ענטפער האָט ער נאָך אַלץ ניט געגעבן. ער האָט עס אָפּגעלייגט אויף נאָך עטלעכע טעג, ביז ער וועט בעסער צו־געוווינען זיך צום דאָזיקן געדאַנק...

גייענדיק איין פרימאָרגן אין גאַס, האָט זיך דזשאָן געטראָפן אויג אויף אויג מיט אַ גוטן ברודער, אַ יונגערמאַן, מיט וועמען ער האָט געאַר־בעט צוזאַמען אין אַ געשעפט אין די ערשטע יאָרן פון זייער זיין אין אַמעריקע. זיי רעכענען זיך ביידע פאַר לאַנדסלייט, ווייל זיי שטאַמען פון צוויי נאָענטע שטעטלעך. זיי זיינען געווען צווישן זיך באַפריינדעט און פלעגן אָפט פאַר־ברענגען צוזאַמען. דער יונגערמאַן האָט אַ שאָפּ ווייט אין דער „קאָונטרי״ און קומט זעלטן־ווען אין שטאָט אַריין. איצט איז ער צוליב געשעפט־אָנגעלעגנהייטן געקומען קיין יאָהאַנעסבורג. ער האָט געהאַט בדעה שפּע־טער צו גיין באַזוכן זיין פריינד און ער האָט זיך שטאַרק דערפרייט, ווען ער האָט אים צופעליק געטראָפן אין גאַס.

דער יונגערמאַן פון דער „קאָונטרי״ האָט ניט געוווּסט פון דזשאָנס ראָמאַן, און דזשאָן אַליין, ניט וויסנדיק פאַרוואָס, האָט זיך עפּעס ניט גע־פילט אויפגעלייגט עס אים צו דערציילן. זיין פריינד האָט אים איינגע־לאַדן צו גיין אין אַ קאָפע־הויז, וווּ זיי וועלן זיך אַ ביסל דורכשמועסן ביי אַ גלעזל טיי. דזשאָן האָט די איינלאַדונג אָנגענומען.

זיצנדיק געמיטלעך אין קאָפע־הויז, ריידנדיק וועגן פאַרשיידענע זאַכן, האָט יענער יונגערמאַן, ווי ער וואָלט זיך פּלוצלינג אָן עפּעס דערמאָנט, אַ זאָג געטאָן:

— און וואָס מאַכסטו ווייטער, גוטער ברודער? האָסטו שוין געהערט פון דעם פּאָגראָם אין דיין שטעטל?

דזשאָן האָט זיך געפילט זייער אומבאַקוועם פון דער דאָזיקער פראַגע. די לעצטע עטלעכע חדשים, זינט ער האָט זיך באַקענט מיט פלאָסין, האָט ער כמעט ווי פאַרגעסן אָן זיין פאַמיליע.

— ניין, איך האָב גאָרנישט געהערט. וואָס האָט דאָרט פּאַסירט?

— וואַרט, כ׳רעכן, אז כ׳האָב ביי זיך דעם בריוו פון דער הײם, וואָס איך האָב געכטן דערהאַלטן. עס זײנען אפילו אויסגערעכנט די נעמען פון די פאַרוואונדעטע און פון צווײ דערהרגעטע.

אזוי רײדנדיק האָט ער געטאַפּט אין די קעשענעס. ענדלעך האָט ער ארויסגענומען א בריוו און אָנגעוויזן דזשאָנען די ידיעה וועגן פּאָגראָם.

דזשאָנס אויגן האָבן גענומען לויפן איבער די שורות פונם בריוו. פּלוצלינג האָט ס׳גלעזל טיי אין זײן האַנט זיך א טרייסל געטאָן, זײן פּנים איז געוואָרן ווייס ווי קאַלך און אַן אויסדרוק פון שרעק האָט זיך געוויזן אין זײנע אויגן.

— דזשאָו!... — האָט זײן פרײנד אויסגערופן.

— מײן טאַטע... דערהרגעט... — האָט דזשאָן שווער ארויסגעשטאַמלט. ער האָט פאַרשטעלט זײנע אויגן מיט דער האַנט, וועלכע ער האָט אָנגע־שפּאַרט אויפן טישל און איז געבליבן זיצן שטיל...

דער יונגערמאַן פון דער „קאָונטרי" האָט פאַררויכערט א פּאַפּיראָס און מיט טיפן מיטגעפיל געקוקט אויף זײן פרײנד, וועלכער איז אזוי דער־שלאָגן געוואָרן פון דער פּלוצלינגער ידיעה. ס׳האָט אים לייד געטאָן, וואָס ער האָט געדאַרפט זײן דער שליח פון אזא שרעקלעכער בשורה.

א ביסל שפּעטער האָט זיך דזשאָן אויפגעהויבן ווי בארויקט און האָט געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, מאָריס, וואָס דו האָסט מיר געוויזן דעם בריוו... אַנטשולדיק מיך, איך מוז איצט גײן... ווען מיר וועלן זיך טרעפן אַן אַנ־דערש מאָל, וועלן מיר מער פאַרברענגען. „גוד בײ".

און דריקנדיק זײן פרײנדס האַנט, איז ער אוועק.

— — — — — — — — — — —

דזשאָן האָט זיך פאַרשלאָסן אין זײן צימער און האָסטיק גענומען ארומגײן פון וואַנט צו וואַנט. שרעקלעכע בילדער האָבן זיך גענומען אויס־מאָלן פאַר זײנע אויגן. ער האָט שוין א לאַנגע צײט ניט געטראַכט פון זײן טאַטן, איצט האָט ער זיך פאַרגעשטעלט ווי ער האָט אים געזען בײם געזעגענען זיך. אָט זעט ער אים מיט זײן שײנער, שוואַרצער באָרד, מיט זײן הויכן, ווינקלדיקן שטערן, ווי ער קוקט אויף אים מיט ווייכע בליקן און בעט אים, ער זאָל אָן די עלטערן ניט פאַרגעסן...

...מיטאַמאָל דערהערן זיך פון ערגעץ קולות מיט יאָמער־געשרייען... ס׳לויפן יידן, יונג און אַלט... בייזע טייוולאָנים אין מענטשן־געשטאַלט לויפן זיי נאָך מיט פלעקער און אייזנס... א קרעכץ, א געשריי... און יידן ליגן אויף דר׳ערד, און בלוט גיסט זיך פון זיי... און צווישן די געפאַלענע יידן, וואָס וואַלגערן זיך אין גאַס, זעט ער זיין טאַטנס פנים... פון הויכן שטערן פליסט בלוט... און די אויגן קוקן אויף אים מיט שטאַרע בליקן...

און די מערדער פון זיין פאָטער זיינען קריסטן... איצט פאַרלאַנגט מען פון אים, ער זאָל ווערן א קריסט... פונקט ווי די מערדער פון זיין פאָטער און אנדערע יידן... ניין,ער קען זיך ניט שמדן...

אָבער פלאָסי... פלאָסי.. ער ציטערט־אויף ביים געדאַנק, אז דאָס קען פון אים אוועקרייסן דאָס טייערע מיידל, וועלכע ער ליבט אזוי שטאַרק... זי איז גוט און איידל, איר האַרץ איז ריין... זי קען ניט זיין פאראנט־וואָרטלעך פאר יענע מערדער...

אָבער זיין טאַטע... די שטאַרע בליקן פון זיין דערהרגעטן טאַטן טרעטן ניט אָפּ פון אים און הערן ניט אויף צו קוקן אויף אים...

אַ לאַנגע צייט איז דזשאָן ארומגעלאָפן מיט צעמישטע געדאַנקען, ניט געקענט זיך אָפּשטעלן ביי איין פונקט און באַרעכענען, וואָס ער האָט צו טאָן. ענדלעך האָט ער באשלאָסן זיך צו זען מיט זיין געליבטער און דערציילן איר, וואָס ס׳האָט פאַסירט און וואָס אים פלאָגט. פלאָסי איז גוט און קלוג, זי וועט פארשטיין זיין לאַגע. אפשר וועט זי קענען ווירקן אויף איר פאַנאַטישן טאַטן, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין פאָדערונג... ער ווייס, אז איר ליבע צו אים איז שטאַרק. אפשר וועט זי זיך פאראייניקן מיט אים קעגן איר פאָטערס ווילן... אפשר...

דזשאָן האָט מער ניט געקלערט. ער האָט זיך אריינגעזעצט אין זיין אויטאָמאָביל און געפאָרן צו פלאָסין. ער האָט געוווּסט, אז דער פאָטער אירער איז איצט ניטאָ אין דער היים, וועט ער קענען ריידן מיט איר אומ־געשטערט.

דאָס מיידל האָט זיך דערפרייט מיט זיין אומגעריכטן באַזוך. זי האָט אָבער באלד באמערקט, אז עפּעס האָט מיט אים פאַסירט און אז ער קומט ניט איצט צו איר מיט א געוויינטלעכן באזוך.

— ליבע פלאָסי — האָט דזשאָן גלייך אָנגעהייבן אָן שום הקדמות — ס׳האָט פאַסירט א שרעקלעכע זאַך. איך האָב זיך היינט דערוווּסט, אז מיין פאָטער, אינם לאַנד, פון וועלכן כ׳בין דאָ אהערגעקומען, איז דערהרגעט

געוואָרן בעת א פּאָגראָם, וואָס קריסטן האָבן געמאַכט אויף יידן... איך ווייס, אז איר דאַ זייט ניט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ווילדע מעשים פון די כוליגאַנעס אין יענעם לאַנד... דיין טאַטע צווינגט מיך, איך זאָל אריינטרעטן אין קריסטנטום. איך האָב שוין געהאַט אזוי גוט ווי באשלאָסן צו מאַכן דעם אומאַנגענעמען שריט לטובת אונדזער ליבע... אָבער איצט, ווען איך האָב זיך דערוווסט, וואָס מיט מיין טאַטן האָט פּאסירט... ווי קען איך?... וואָס דענקסטו, טייערע, וועגן דעם? אפשר וואָלסטו גע־קענט ווירקן אויף דיין פאָטער, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיין פאָדערונג... אָדער אפשר וואָלטן מיר זיך גאָר פאַראייניקט קעגן זיין ווילן...

פלאָסי איז בלאַס געוואָרן. אין אירע אויגן האָבן זיך געוויזן טרערן. זי האָט א לאַנגע צייט געשוויגן און ס׳איז קענטיק געווען, אז אין איר הארצן קומט פאָר א שטורעם.

— פלאָסי!... — האָט דזשאָן אויסגערופן.

פלאָסי האָט זיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט, האָט אויסגעווישט די אויגן און אָנגעהייבן ריידן פּאַמעלעך, געלאַסן און אנטשלאָסן:

— דזשאָן טייערער, מיר געפינען זיך ביידע אין דער זעלבער ערנסטער לאַגע. איך מוז דיר זאָגן, אז איך אליין שעם זיך מיט מיין פאָלק, צווישן וועלכן ס׳געפינען זיך אזעלכע פאַרדאָרבענע מענטשן, וואָס פירן אָן מיט אַגיטאַציעס פון ראַסן־האַס און פאַרפאָלגונגען קעגן אייערע שוצלאָזע יידן... יעדעס מאָל, ווען איך לייען אין די צייטונגען וועגן עקסצעסן אויף יידן, רייסט מיר מיין הארץ... איך וואָלט גאַנץ באַוווסטזיניק ארויסגעטראָטן פון מיין פאָלק און איבערגעגאַנגען צו דיין פאָלק. איך וואָלט דאַן זיך געפונען צווישן די פאַרפאָלגטע און ניט צווישן די פאַרפאָלגער... איך שטרעב דערצו מיט מיין גאַנץ לעבן. איך קען עס אָבער ניט טאָן... מיין פאָטער איז שטאַרק רעליגיעז. איך בין זיין איינציק קינד. ער האָט מער ניט קיינעם אויף דער וועלט. ער וועט זיין פאָדערונג אויף קיין פאַל ניט צוריקציען. און ווען כ׳זאָל פאַרלאָזן אים און זיין גלויבן, וועט ער עס ניט אריבערטראָגן... איך קען דאָס ניט טאָן אפילו אין נאָמען פון אונדזער ליבע... איך קען ניט צעברעכן זיין האַרץ, אפילו ווען מיין הארץ זאָל דורכדעם צעבראָכן ווערן... און אויך דו, דזשאָן, דו טאָרסט זיך ניט שמדן, דיין טאַטנס גייסט וועט דיך ס׳גאַנצע לעבן פאַרפאָלגן... מיר זיינען קרבנות פון די אומשטענדן. מיר געהערן צו צוויי באַזונדערע וועלטן... מיר קענען זיך ניט פאַראייניקן אין לעבן... מיר מוזן זיך אונטערגעבן דעם גורל. מיר מוזן זיך שיידן, ווי ווייטאָגדיק דאָס זאָל ניט זיין פאַר אונדז ביידע...

דזשאָן איז געוואָרן זייער דערשלאָגן. ער האָט ניט דערוואַרט צו הערן פון איר אזעלכע ווערטער. ער האָט זי אָנגעקוקט פארוואונדערט. ער האָט זי ביז איצט ניט געקענט... ער האָט דערזען ווי ווייט העכער זי שטייט פון אים אין גייסט און כאַראַקטער... ער האָט זיך פארשעמט פאר זיך אליין... ער האָט דערפילט, אז זי איז גערעכט. זיי זיינען פון צוויי באזונדערע וועלטן און קענען זיך ניט פאראייניקן אין לעבן. זיי מוזן זיך שיידן...

און זיי האָבן זיך צעשיידט.

און אזוי איז דזשאָנס ליבע צעשטערט געוואָרן און זיין פילאָזאָפיע וועגן ראסן־אויסמישונג האָט באקומען א טויטקלאַפּ.

— — — — — — — — — — —

אַז ס׳איז ניטאָ קיין מזל

(מאָנאָלאָגן פון אַ פּאָקראָיער יידן)

I

... — איר זאָגט, אז כדי צו מאַכן געלט אין אפריקע, דארף מען זיך אויסטויגן, ניט זיין קיין לעמעך? און איך זאָג אייך, יידן, אז ס׳איז א טעות. דער רעכטער עיקר איז מזל. האָט א מענטש ניט קיין מזל, העלפן ניט קיין חכמות און קיין בריהשקייט. אז ס׳גייט ניט — איז כאָטש נעם און צרייס זיך. אָט וועל איך אייך דערציילן, וואָס מיט מיר אליין האָט געטראָפן דאָ ניט לאַנג, וועט איר זען, צי איך בין גערעכט, צי ניט.

איר ווייסט דאָך מסתמא, אז איך בין ניט לאנג אין דער מדינה, אָבער איך קען אייך זאָגן, אז פעק מיט צרות האָב איך דאָ געכאַפּט, ווי איך וואָלט שוין דאָ געוועזן צענדליקער יאָרן. אז צו וואָס מ׳נעמט זיך, טויג ניט און טויג ניט, כאָטש נעם און טו זיך אָן א מעשה, שונאי־ישראל. אליין דארף מען לעבן כאָטש ווי ס׳איז; אין דער היים — די ווייב און די קינדער וואַרטן אויף געלט פון אפריקע, און אז ס׳גייט אלץ מיט דער פּוטער אראָפּ — איז זייער ביטער.

קומט איינמאָל א לאַנדסמאַן און דערציילט מיר, אז ער ווייס א בעקער, וואָס דארף א מענטשן, ניט קיין טייערן, צו פאָרן אויפן וואָגן. ער קען קיין סך ניט צאָלן; ער הויבט אָן מיט אַכט פונט א חודש און ברויט, און שפּעטער, קען זיין, ער זאָל העכערן. דערהערט אַזאַ זאַך — איז מיר ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ביים לאַנדסמאַן אַכט פונט א חודש איז גאָרנישט, אָבער ביי מיר, מיט אכט פונט לעב איך דאָ אָדורך, שיק אהיים דריי פונט און קען נאָך שפּאָרן א פונט אָדער צוויי. בקיצור, איך האָב זיך אָנגעכאַפּט. דער לאַנדסמאַן האָט מיך אוועקגעפירט צום בעקער, איך בין אים געפעלן געוואָרן און ער האָט מיך אָנגענומען. ער האָט מיר געזאָגט, וואָס איך האָב צו טאָן: פיר אזייגער פאַרטאָג דארף איך זיין אין בעקעריי, אײדער וואָס, אײדער ווען, ווערט צייט צו פאָרן מיט די ברויט. מיטן פערד און וואָגן, זאָגט ער, האָב איך ניט צו טאָן, דאָס געהערט צום קאַפער. דער זעלבער קאַפער ווייס אויך אלע קונדן, צו וועמען מען דאַרף ליפערן די

ברויט. מיין ארבעט איז נאָר די ברויט ארויסצוגעבן און פאַרשרייבן אין ביכל דעם נאָמען און אַדרעס פון קונד און די צאָל ברויט. אזייגער צען קום איך אהיים און בין א פרייער מענטש.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? עפּעס האָט זיך מיר ניט געגלויבט, אז מיך זאָל טרעפן אזא גליק. נאָר איך האָב געזען באשיינפּערלעך, אז גאָט פאַרלאָזט מיך ניט אין זכות פון מיין ווייב און קינדער, און איך האָב אויך געזען, אז ס׳איז אמת, וואָס מ׳זאָגט, אז אפריקע איז א גאָלדן לאַנד. אין פּאָקראָי קען א מענטשן אזא גליק ניט טרעפן. עטלעכע טעג בין איך געפאָרן און ס׳איז אלץ געווען אויפן בעסטן אופן. איז דאָך, דאַכט זיך, גוט, האַ? איז אָבער ניטאָ קיין מזל. אָט הערט, אויף טשיקאַוועס, וואָס עס האָט געטראָפן:

דער קאַפער, וואָס איז מיט מיר געפאָרן און איז געווען דער גאַנצער טוער, האָט זיך איין פרימאָרגן, ווען איך האָב אריינגעטראָגן ברויט אין א קרעמל, געטראָפן מיט אַן אַנדערן קאַפער. האָבן זיי זיך אָנגעהייבן קריגן און שלאָגן און איינער האָט אַ שטאָך געטאָן דעם אנדערן מיט א מעסערל. פאַרשטייט איר דאָך, אז ס׳איז געוואָרן א גרויסער טומל, א פּאָליסמאַן איז געקומען און האָט זיי ביידע אוועקגעפירט. בין איך דאָך געבליבן אָן א פורמאַן! טאָ וואָס זאָל איך טאָן?

זעץ איך זיך צוריק אויפן וואָגן, אויפן קאַפערס אָרט, נעם די לייצעס אין האַנט און הייס גיין. פאָלגט ער ניט, דער פערד, און גייט ניט. פאַרדריסט דאָס מיך שוין, פאַרוואָס דעם קאַפער פאָלגט ער — און מיך ניט. נעם איך און בין אים מכבד א פּאָר מאָל מיט דער בייטש. האָט איר גע־דאַרפט זען ווי ער האָט גענומען — ניט לויפן, נאָר פליען, אז אָט־אָט און איך פאַל ארויס. ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן. וואָס קירע־ווען, ווען קירעווען! ווי שדים זאָלן אים יאָגן — אזוי איז ער געפלויגן אָן אַן אויפהער, ביז דער וואָגן האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַן עלעקטרישן סלופּ. אָט דאָס איז אייגנטלעך געווען א גליק, אז ניט ווער ווייס, וואָס פאַר א צרות ער וואָלט אָנגעמאַכט מיטן ווילדן לויפן. אָבער דער וואָגן האָט געקראָגן א שטאַרקן שטויס און האָט זיך איבערגעקערט. דער פערד איז געפאַלן אויף די קני און איך האָב געקראָגן א שטאַרקן קלאַפּ אין זייט, נאָר פון שרעק און אימפּעט האָב איך בשעת־מעשה דעם ווייטאָג ניט גע־פילט. דערווייל זיינען זיך צוזאמענגעלאָפן מענטשן און האָבן גלייך אויס־געשפּאַנט דעם פערד, אז ניט, זאָגן זיי, וואָלט ער דערשטיקט געוואָרן... די פרעמדע מענטשן האָבן מיר געהאָלפן אויפהויבן דעם וואָגן און זיינען

אוועק. איך האָב צונויפֿגעקליבן די ארויסגעפּאַלענע ברויט און בין געבליבן שטיין.

וואָס זאָל איך איצט טאָן? מ׳דאַרף אײַנשפּאַנען און פאָרן, וואָס דען? קיין געניטער אין די זאַכן בין איך אפילו ניט. אין פּאָקראָי איז מיר קיינמאָל ניט אויסגעקומען אײַנצושפּאַנען פערד... איך האָב אָבער געזען עטלעכע מאָל ווי דער קאָפּער טוט און האָב געקלערט, אַז ס׳שטעקט ניט קיין גרויסע תורה אין דעם. און אין אפריקע דאַרף א מענטש אַלץ קענען — האָב איך אײַנגעשפּאַנט. אָבער ווי ס׳ווײַזט אויס, איז עפּעס ניט געווען ריכטיק, ווײַל דער פערד, ווען ער איז געגאַנגען, האָט זיך געדרייט אין אַלע זײַטן ווי ער זאָל גיין א טענצל. אָט דער פערד, וואָס דער בעקער שפּיגלט זיך אין אים און זאָגט שטענדיק, אַז ער לויפֿט ווי אַן אָדלער, האָט גענומען פּראָוון אַזעלכע שטיק. שולדיק, הפּנים, איז געווען דאָס וואָס די לייצעס זײַנען געווען פאַרדרייט און ס׳האָט אים געצויגן פון אַלע זײַטן. איך ווייס דאָך אָבער ניט פון קיין חכמות. דער פערד דרייט זיך, זאָל ער זיך דרייען, אַזוי לאַנג ווי ער גייט — אַרט מיך ניט.

מיטאַמאָל א נײַע צרה. א פּאָליסמאַן, וואָס גיט אַכטונג און קאָנטראָ־לירט דעם פאַרקער פון גאַס, הויבט אויף די האַנט און גיט א געשריי „סטאָפּ!“. שטעל איך זיך אָפּ. דער פערד איז פאַרשוויצט און ס׳שלאָגט א פּאַרע פון אים. דער פּאָליסמאַן הויבט אָן שרײַען, פּונקט ווי איך וואָלט אים געטאָן ווער ווייס וואָס, און נעמט איבערשפּאַנען דעם פערד. דערווײַל דערזעט ער אַן אָפּגעריבענע קני ביים פערד, נעמט ער ארויס דאָס ביכל זײַנס פון קעשענע, קוקט אויפן וואָגן, פאַרשרײַבט דעם נאָמען און אַדרעס פון בעקער, פאַר וועמען איך פאָר, און איך מיטן פערד ווערן ארעסטירט.

איך וויל ניט מאריך זײַן און אײַך דערציילן דעם פּאַרדרוס מיט די בזיונות, וואָס איך האָב געהאַט. דער בעקער האָט געהאַט צו באַצאָלן פינף פונט שטראָף. ער איז אויף מיר אָנגעפאַלן מיט קולות און קללות. איך האָב אים דעם וואָגן צעבראָכן, דעם פערד איבערגעפּירט, און דערצו דאַרף ער נאָך צאָלן פינף פונט שטראָף און דאָס קען אים שאַדן זײַן נאָמען. ער וואָלט מיך אפשר דערהרגעט, ווען איך וואָלט ניט אַנטלאָפן. איך ווייס, אַז ער איז גערעכט, כאָטש ס׳איז ניט מײַן שולד.

נו, וואָס זאָגט איר? גילטן חכמות און בריהשקייט, אַז ס׳איז ניטאָ קיין מזל, האַ?!

— — — — — — — — — — —

II

— ...ווען איך האָב איך אַנומלט דערציילט די מעשה מיטן בעקערס וואָגן און אייך אויפגעוויזן, אז ווען ס׳איז ניטאָ קיין מזל, העלפט ניט קיין בריהשקייט, האָט איינער פון אייך געלאַכט און געזאָגט, אז דאָס איז פונקט א ראיה אויף פאַרקערט: ס׳ווייזט, אז מ׳דאַרף זיך אויסטויגן! ביי א מענטשן, וואָס טויג זיך אויס, וואָלט אַזאַ זאַך ניט טרעפן. נו, וועל איך אייך איצט דערציילן נאָך א מעשה, וואָס מיט מיר האָט געטראָפן, וועט איר זען, ווער ס׳איז גערעכט.

מיט א פּאָר חדשים צוריק, די ערשטע וואָך אין אלול איז דאָס געווען, טרעפט מיך אין גאַס א לאַנדסמאַן און זאָגט מיר, אז ס׳איז גוט, וואָס ער האָט מיך געטראָפן. ער האָט פאר מיר א „דזשאָב״ צו פאַרדינען צוואַנציק פונט, א גרינגער „דזשאָב״ און א זיכערער. ער האָט א באַקאַנטן, וואָס האָט א שאָפּ ווייט אין דער „קאָונטרי״. מ׳מאַכט דאָרט ראש־השנה און יום־כפור א מנין און מ׳צאָלט א בעל־תפילה צוואַנציק פונט. ער וועט אהינשרייבן און מ׳וועט קיין אנדערן ניט נעמען.

— וואָס הייסט — זאָג איך — דאַרף מען דאָך זיין א בעל־תפילה.

— נו, איז מען — זאָגט ער — איר זייט דאָך געווען אין דער היים פון די בית־המדרש־יידן און א שיינע בערדל האָט איר אויך. ווער דען זאָל זיין א בעל־תפילה — איך?

— מ׳דאַרף דאָך האָבן א קול־נגינה — טענה איך — און מ׳דאַרף דאָך קענען דאַווענען!

— נו, האָט מען און מ׳קען. וואָס זייט איר ערגער פון אלע קרומע רוקנס? וואָס דאַרף מען קענען? מ׳דאַרף אָפּנעמען די צוואַנציק ליטרעס און א סוף. ווי דער פאַראַיאַריקער האָט דאָרט געקרייט, וועט איר אויך קענען. זייט זיך מיישב און לאָזט מיר וויסן מאָרגן.

לכתחילה איז מיר די גאַנצע זאַך אויסגעקומען עפּעס משונה־ווילד און נאַריש, אָבער דעם לאַנדסמאַנס ווערטער האָבן מיר געמומען פּיקן אין קאָפּ. רבונו־של־עולם! ער איז דאָך גערעכט! ווי אזוי קען א ייד ווי איך פאַרדינען א פּאָר פונט, אז ניט פון אזא זאַך? ווי וואַרפט מען דאָס אוועק? אַ, איך בין ניט קיין בעל־תפילה — נו, איז וואָס? האָב איך ניט געהערט פאַראַיאָרן אין א מנין, ווו מ׳האָט געשריבן, אַז ס׳דאַווענען גוטע בעלי־תפילה, א בעל־מוסף, וואָס מ׳האָט אים געדאַרפט ברעכן רוקן און לענד?

ער האָט פּשוט קיין עברי ניט געקענט, פונדעסטוועגן האָט קיינער א וואָרט ניט גערעדט. ער האָט אָפּגענומען די פּותיקא און פאַרטיק.

און אַז איך האָב מער געקלערט וועגן דעם ענין און האָב שפּעטער, אין אָוונט, אויף טשיקאַוועס געעפנט א מחזור און גענומען שטילערהייט ברומען די סקאַרבאָווע ניגונים, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך קען טאַקע דאַוונען, בפרט נאָך אין דער „קאָונטרי", ווו מ׳דאַוונט אין א שטוב, דער עולם איז קליין און מ׳דאַרף ניט האָבן קיין שטאַרקן קול. שופר־בלאָזן וועל איך דאָך געוויס קענען. בחורווייז אין פּאָקראָיער בית־המדרש האָב איך דעם גאַנצן חודש אלול זיך געלערנט בלאָזן און האָב זיך נישקשהדיק אויסגעלערנט. און טאָמער פאַרהאַקט זיך א ביסל אמאָל — איז אויך ניט קיין גרויסע סכנה. קנאַפּ מאָל הערט מען ווי ביי גוטע בעלי־תקיעות אין די שולן פאַרהאַקט זיך: טו־טו־טו... און ווייטער ניט פון אָרט. פונדעסט־וועגן גייט דאָס דורך און ס׳ווערט רעכט. היינט, אַז דעם ניגון ווייס איך, פּירוש־המלות פאַרשטיי איך, א בעל־קורא בין איך, שופר בלאָזן קען איך, דער קול פאַר אַ שטוב איז גאַנץ גענוג, — טאָ פאַרוואָס זאָל איך טאַקע ניט זיין קיין גוטער בעל־תפילה?

די שמחה, וואָס אויף מיר איז געוואָרן, קען איך אייך ניט פאַרשטעלן. און דעם לאַנדסמאַן האָט אויך שטאַרק הנאה געטאָן, ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז איך נעם אָן די שטעלע.

— דאָס איז אָבער א זאַך, וואָס מ׳דאַרף זיך אונטעראיילן — האָט ער געזאָגט — ס׳קען זיך נאָך אונטעררוקן אַן אַנדערער. איך וועל אייך געבן א בריוול, איך וועל אייך לייען אויף א בילעט, אויב איר האָט ניט קיין געלט. היינט איז שוין שפּעט, מאָרגן פרי גייט א צוג אַהין. פאָרט און נעמט אָן די שטעלע און א סוף.

דער לאַנדסמאַן האָט זייער געוואָלט, איך זאָל דאָרט דאַוונען. ערשטנס, איז ער מיר טאַקע אַן אמתער גוטער פריינד, און ווידער, וואָלט דאָס פאַר אים געווען עפּעס ווי א שטיקל כבוד, אַז איך זאָל זיין א ימים־נוראימדיקער בעל־תפילה. ער האָט געקויפט א בילעט און מיר געגעבן דאָס בריוול, ווי ער האָט צוגעזאָגט, און אויף מאָרגן פרי האָב איך ניט געמאַכט קיין שהיות, אָנגעטאָן מיין שבתדיקע קאַפּאָטע, אוועק צו „פּאַרק־סטיישן" און בין אוועקגעפאָרן.

דאָס אָרט איז געווען ווייט. מ׳דאַרף פאָרן שיינע עטלעכע שעה. מיר איז אויסגעקומען צו זיצן איינער אליין אין וואַגאָן. די גאַנצע צייט פון פאָרן בין איך געזעסן און געטראַכט וועגן מיין לאַגע דאָ און וועגן מיין

פאַמיליע אין דער היים, וואָס איך זאָל טאָן מיט די צוואַנציק פונט. זאָל איך שיקן אהיים מער געלט, זיי זיינען דאָרט פארשולדיקט איבערן קאָפּ; אָדער אפשר „טרייען" דאָ עפּעס א שטיקל ביזנעס... די פענצטער אין וואַגאָן זיינען געווען אָפן, א פריש ווינטעלע פון די פעלדער האָט גע־בלאָזן— און, זיצנדיק אזוי פארטראַכט אין מחשבות, בין איך אנדרעמלט געוואָרן. ווי לאַנג איך האָב געדרעמלט, ווייס איך ניט. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, ווען דער קאָנדוקטאָר האָט מיך אויפגעוועקט און עפּעס גע־נומען ריידן צו מיר מיט כעס. צופיל ענגליש קען איך ניט, נאָר דאָס האָב איך פארשטאַנען, אז איך בין פארשלאָפן די סטאַנציע, ווו איך האָב גע־דארפט אראָפּגיין. איך האָב אים עפּעס געוואָלט ענטפערן, אָבער מיטאַמאָל בלייבט שטיין דער צוג און דער קאָנדוקטאָר פרעגט ניט מער קיין קשיות, נעמט מיך אָן פארן האַנט, פירט מיך ארויס אויפן פרייען פעלד און ווייזט מיר צו גיין גלייך מיט דער ליניע אויף צוריק, וועל איך קומען צו יענער סטאַנציע, ווו איך האָב געדאַרפט אראָפּגיין. איידער איך האָב זיך ארומ־געקוקט, ווו איך בין דאָ אין דער וועלט, האָט דער צוג געטאָן א לאַנגן פייף און איז אוועק...

ווי ווייט צו יענער סטאַנציע איז געווען האָב איך ניט געוווסט. די זון האָט זיך גענומען זעצן הינטער די בערג, באלד וועט ווערן פינצטער... האָב איך ניט פיל געטראַכט און גענומען שפּאַנען. איך בין געגאַנגען גיך און אלע ווילע אונטערגעלאָפן, ביז ס׳איז געוואָרן פינצטער. מיט איינמאָל איז געוואָרן קאַלט, א שאַרפער ווינט איז געקומען אנטקעגן און איך בין געווען שטאַרק פארשוויצט... עפּעס איז אויף מיר אָנגעפאַלן א פחד, ס׳האָט זיך מיר געדאַכט, אז איך הער ערגעץ ווי קאָפּערס ריידן, און איך האָב גענו־מען מער לויפן ווי גיין, ביז איך בין קוים א לעבעדיקער אָנגעקומען צו דער סטאַנציע. ווי דער לאַנדסמאַן האָט מיר אָפּגעמאָלן, איז די שאָפּ פון דעם מאַן, צו וועמען איך בין געפאָרן, געווען פונקט אנטקעגן דער סטאַנציע, אריבערצוגיין א שטיקל פעלד. איך בין גלייך אהינגעקומען, אָנגעקלאַפּט און איבערגעגעבן דעם בריוו. מ׳האָט מיך גאַנץ שיין צוגענומען, געגעבן עסן און טרינקען און זיי האָבן זיך געוווּנדערט אויף מיין בריהשקייט, צו גיין זיבן מייל אין קנאַפּע אַנדערהאַלבן שעה צייט. „מכוח דעם, וואָס איר זייט געקומען", זאָגט דער באַלעבאָס, „וועט מען שמועסן מאָרגן. כ׳וועל זיך זען", זאָגט ער, „מיט נאָך א פּאָר באַלעבאַטים".

וואָס קלערט איר, איז געווען? ביינאַכט, אויפן געלעגער, האָט מיך אָנגעכאַפּט א שטעכעניש אין רוקן, לאָ־עליכם, אז איך האָב זיך קיין אָרט

ניט געפונען. הפּנים, איך האָב זיך גוט פאַרקילט, לויפנדיק פאַרשוויצט אין אַזאַ קעלט. אויף מאָרגן בין איך אויפגעשטאַנען אַ צעבראָכענער מענטש. נאָר איך האָב געטרונקען טיי, אָפּגעדאַווענט, געגעסן אַ גוטן אָנבייסן און ס׳איז בעסער געוואָרן.

אַ זייגער עלף קומט אַריין דער באַלעבאָס מיט נאָך צוויי יידן, געגאָלטע, מיט רויטע, פאַרברענטע פּנימער. מ׳רופט מיך אַריין אין אַן אַנדערן צימער, מ׳בעט מיך זיצן. זיי זעצן זיך אַנטקעגן, פאַררויכערן ציגאַרן, און דער באַלעבאָס זאָגט:

— נו, חזן, זאָגט עפּעס אַ שטיקל ימים־נוראימדיקע, ווילן מיר הערן. זאָגט אַ שטיקל „ונתנה תוקף״.

אָט די פּאָר ווערטער זיינען געווען ווי מ׳זאָל מיר געבן מיט אַ פלאָקן איבערן קאָפּ. ס׳האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסן ביי מיר אין האַרצן. איך האָב געפילט ווי די קאָלירן בייטן זיך מיר אין פּנים. די יידן האָבן געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן און געשמייכלט.

— האָט איר שוין אַמאָל געדאַווענט פאַרן עמוד? — פרעגט איינער.

— איך... אוודאי, יע... כ׳בין אַ גוטער בעל־תּפילה.

— אָט דעריבער ווילן מיר טאַקע הערן — זאָגט דער דריטער.

די היץ האָט מיר אַ שפּאַר געטאָן אין פּנים, ס׳איז דאָך קיין תּירוץ ניט, מ׳מוז זאָגן. איך האָב זיך אַנידערגעשטעלט, זיך גוט אויסגעהוסט, גענומען אַרויסלאָזן אַ טאָן און — אוי ווי! הייזעריק ווי אַ וואַנט! איך האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר מיין קול. צייט איך לעב האָב איך אַזאַ קול ניט געהאַט. איך האָב גענומען שרייען, רייסן און כאָרכלען ווי אַ געקוילעטער אָקס און פון שרעק און צעטומלטקייט האָב איך פאַרגעסן דעם סדר פון די ווערטער.

— גענוג! — האָט דער באַלעבאָס געזאָגט — איר האָט ניט געטראָפן, פעטער, ווען צו פייפן. פאַרט אייך געזונטערהייט! מיר דאַרפן אַ גוטן בעל־תּפילה, איר פאַרשטייט...

אוודאי פאַרשטיי איך. געענטפערט האָב איך ניט. טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן און איך האָב ניט געקענט ריידן.

מיט אַ שעה שפּעטער בין איך געזעסן אין וואַגאָן און געפאָרן צוריק קיין יאָהאַנעסבורג. אַ „סאָווערען״ האָט מיר דער באַלעבאָס געגעבן.

— אַ ייד אַן אָרעמאַן — זאָגט ער — זייט איר און אַן איידעלער ייד אויך. אַ נדבה קריגט איר, אָבער אַ בעל־תּפילה דאַרפן מיר האָבן אַ גוטן...

ווי מיר איז געווען אויפן הארצן — קענט איר מסתמא פארשטיין, אָבער די שפיכת־דמים, וואָס איך האָב געהאַט פון מיין לאַנדסמאַן — דאָס קען קיינער ניט פאַרשטיין...

— נו, וואָס זאָגט איר איצט? העלפן חכמות מיט קענטעניש, אז ס׳איז ניטאָ קיין מזל, האַ?! —

— — — — — — — — — — — —

III

אַ „טשאַנס“

...— איר שמועסט וועגן „טשאַנסעס“ אין אפריקע... פרעגט מיך, וועל איך אייך דערציילן, וואָס ס׳הייסט אַ „טשאַנס“. דאָס, זעט איר, איז שוין אינגאנצן אן אנדערע זאך, וואָס האָט ניט צו טאָן מיט מזל. דעם גרעסטן שלים־מזלניק קען אין אפריקע טרעפן אַזאַ „טשאַנס“, וואָס קען אין דער גאנצער וועלט ניט טרעפן.

ווי איר קענט מיך שוין פון פריער, בין איך שטענדיק אויף צרות. פון מיינע אלע פרנסות האָב איך זיך קוים דערשלאָגן צו אַ ביסל מלמדות, אָבער טאָקע ניט מער ווי אַ ביסל, ווייל מלמדות היינטיקע צייטן שמעקט מיט לערעריי, מיט נייע מעטאָדעס, מיט העברעאיש און ענגליש, מיט דקדוק, היסטאָריע, מיט נאָך אזעלכע זאכן, וואָס איך ווייס ניט ווי מ׳הויבט דאָס אָן. איך לערן אויפן אלטן שטייגער, ווי מ׳האָט אַמאָל מיט מיר און מיט אייך געלערנט: קמץ אלף אָ, דערנאָך סידור, דערנאָך חומש. פאַר־שטייט איר דאָך, אז ס׳טויג ניט. איז אָבער יאָהאַנעסבורג, אָן עין־הרע, אַ כּרך מיט יידן, כּן ירבו, געפינען זיך צווישן זיי היימישע יידן, אפילו פראָסטע מענטשן, וואָס ווייסן ניט פון די נייע מעטאָדעס מיט דער לערע־ריי. לערן איך מיט די קינדער אויפן אלטן, היימישן אופן — און ס׳אַרט זיי ניט. אָבער דער פאַרדינסט איז אזוי קליין, אז קום־קוים וואָס מ׳שלאָגט זיך דורך מיט דעם שטיקל חיונה. פון קומען צו אַ פונט קען גאָר קיין רייד ניט זיין. קלער איך אלץ: וואָס קען זיין דער סוף? ווי ארבעט מען זיך אַ ביסל ארויף? מאין יבוא עזרי? אויף קיין „טשאַנסעס“ האָב איך זיך ניט גערעכנט, ווייל איך האָב ניט געוווּסט, וואָס דאָס איז און מיט וואָס מ׳עסט דאָס. איז אָבער מיטאַמאָל, אומגעריכט, געקומען צו מיר אַ „טשאַנס“ צו פאַרדינען אָן הערעוואַניע אַ גאַנץ שיינע מטבע. איר וווּנדערט זיך,

וואָס דאָס איז? אדרבא, איר זײט דאָך אַלטע אפריקאַנער, פּרוווט־זשע טרעפן, וואָס פאַר א „טשאַנס" אזא ייד ווי איך קען כאַפּן. נו, איר קענט ניט טרעפן? טאָ הערט, זײט מוחל, וועל איך אײך דערצײלן.

איך זיץ זיך אזוי אײן מאָל בײ מיר אין צימער אויף א קעסטל פון ליכט, וואָס דינט מיר פאַר א שטול, און קוק ארײן אין א ספר. קלאַפּט מען אָן אין טיר און ס׳קומען ארײן צוויי פאַרשוױנען, וואָס קוקן אויס מער גויים ווי יידן, און פרעגן אויף בערל פאָקראַיער. ווען איך האָב זײ געזאָגט, אז דאָס בין איך טאַקע, במחילה אלײן, האָבן זײ געזאָגט, אז מ׳האָט זײ געשיקט צו מיר און זײ האָבן צו ריידן מיט מיר וועגן א וויכטיקן ענין: בכן, אײנער פון די צוויי האָט א גויה פאַר א ווײב און וויל זי דווקא מגייר זײן און לערנען א ביסל יידישקײט. פאַרן דורכמאַכן אזא „דזשאַב" וועט ער מיר געבן פינף און צוואַנציק ליטערס און צען פונט א מתנה, אויב ער וועט זײן צופרידן. הערנדיק אזעלכע דיבורים — בין איך נשתומם געוואָרן. מגייר זײן א גויה! ווי קום איך צו דעם? עפּעס א שרעק איז דורכגעלאָפן מײנע אלע אברים. ווי קום איך צו א גויה? און גלאָט — וואָס איז דאָס פאַר אַ מין ענין פאַר מיר, מגייר צו זײן? וואָס בין איך עפּעס, א רב, א מרא דאתרא? איך האָב גלײך געוואָלט ענטפערן, אז איך קען ניט און טאָר דאָס ניט טאָן, אָבער די פינף־און־דרײסיק פונט האָבן מיך ארויסגעפירט פון די כלים און אזוי ווי א קול האָט אין מיר גערעדט: „זײ קײן נאַר ניט, בערל! אַז דיר מאַכט זיך אײנמאָל אין לעבן א „טשאַנס" צו פאַרדינען א פּותיקא, טאָרסטו קײן שלימ־מזלניק ניט זײן! אז דו וועסט דאָס שטיקל אַרבעט ניט טאָן, וועט עס אַן אַנדערער טאָן...

און אז די צוויי גויישע יידן, אָדער יידישע גויים, האָבן געזען, אז איך ענטפער זײ ניט אזוי גיך, האָבן זײ מיר גענומען אײנריידן:

— איר האָט ניט וואָס צו קלערן. איר וועט ניט האָבן קײן פאַרדרוס. קײנער וועט ניט וויסן. אלץ איז אין ריכטיקער אָרדענונג.

— איך ווײס ניט — האָב איך באַמערקט — ס׳איז מיר קײנמאָל ניט פאָרגעקומען...

— דאָס איז גאָרנישט — האָבן די חברה־לײט מיר ניט געלאָזט ריידן — ס׳איז אלץ ווי ס׳דאַרף צו זײן. די גויה איז גרײט. מיט דער מקווה איז אראַנזשירט — און איר זײט דאָך א רבי (א מלמד און א רבי, ווײזט אויס, איז בײ זײ אײן זאַך). וואָס נאָך זאָל זײן? נעמט א פאַר פונט, קויפט א שוואַרצן סורדוט מיט א שוואַרצן, האַרטן הוט, מיט א ווײסן שלײפל

אויפֿן האַלדז, וועט די גויה דרך־ארץ האָבן און וועט טאָן אַלץ, וואָס איר וועט איר זאָגן — און אַ האָן וועט ניט אַ קריי טאָן.

האָב איך זיך אַזוי אויסגערעכנט: אַ גויה איז זי און אַ גויה וועט זי בלייבן. די רבנים, ווייזט אויס, ווילן זי ניט מגייר זיין, די קהילה וועט זי ניט אָננעמען פֿאַר אַ יידיש קינד. ס׳איז ניט מער ווי אַ משוגעת פֿון דעם מאַן, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַ גויה, אליין זיך אָפּצונאַרן, ער זאָל קענען זאָגן, אַז זיין ווייב איז אַ גיורת... און ער וויל דערפֿאַר גוט באַצאָלן. פֿאַרוואָס זאָל איך זיך אָפּזאָגן? און איך בין מרוצה געוואָרן...

איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן? אַז ניט אומזיסט זאָגט די וועלט: „קליידער מאַכן לייט״. אַז איך האָב אָנגעטאָן די שוואַרצע קאַפּאָטע, דעם שוואַרצן קאַפּעלוש — אַ האַלבן צילינדער, מיט אַ ווייסן שניפּסל, פֿאַר־קעמט פֿיין דאָס בערדל און אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, — האָב איך געקריגן פֿאַר זיך אליין אַ ביסל דרך־ארץ. ביסלעכוויז האָט זיך מיר געגומען דאַכטן, אַז איך בין טאַקע אַ שטיקל מאַכער אין יאָהאַנעסבורג אין ענינים פֿון יידיש־קייט און בין ראוי צו דעם, פֿאַרוואָס ניט? און אַז ס׳מאַכט זיך מגייר צו זיין אַ יידנס אַ גויה, וואָס קיינער האָט דערפֿון קיין היזק ניט, און מ׳קומט צו מיר — דאַרף איך דאָס אוודאי טאָן. און איך קען אייך זאָגן, אַז דאָס גאַנצע שטיקל אַרבעט איז דורכגעגאַנגען בשלום. ס׳איז מיר אפֿילו אויס־געקומען אַ ביסל פֿריקרע די ערשטע צייט, צו זיצן נעבן דער גויה און לערנען מיט איר, אָבער אַז איך האָב זיך איינגעוווינט, איז דאָס גאָרנישט געווען שלעכט. די השגחה אויף דער טבילה איז אויך דורכגעגאַנגען אויפֿן בעסטן אופֿן. דער מאַן איז געווען זייער צופֿרידן. „ס׳איז געווען אַ דער־פֿאָלג״ — זאָגט ער. ער האָט מיר אָפּגעצאָלט די מזומנים בכבוד גדול און דערצו נאָך מיר געגעבן אַ פֿלאַש גוטן שפּירט אַלס אַן עקסטרע מתנה.

איצט בין איך, גאָט צו דאַנקען, אַ מענטש מיט לייטן גליייך, מיט אַ ביסל קאַפּיטאַל. מ׳דאַרף זיך אַרומזען, אפֿשר וועט גאָט צושיקן נאָך אַזאַ סאָרט „טשאַנס״: אַ גיורת, שטילער גט, אַ שטילע חופּה, אָדער אַן אַנדערע זאַך, וואָס בית־דין וויל דערמיט ניט האָבן צו טאָן און ס׳פּאַסט זיך פֿאַר אַ יידן מיט אַ חלוקא דרבנן.

איצט זעט איר שוין, יידן, ווי ריכטיק ס׳איז דער כלל, אַז אין אַפֿריקע קריגט יעדער אַ „טשאַנס״?...

אויסגעלאָשענע פונקן

א גרויסע שטוב, נאַקעטע ווענט, א שטיינערנע פּאָדלאָגע; שמאָלע טישן, צונויפגעפעסטיקטע מיט הילצערנע בענק. אויף די בענק זיצן שוואַרצע, האלב־נאַקעטע ברואים, עסן פליש פון בלעכענע טעלער, טרינ־קען שוואַרצע קאַווע פון בלעכענע קענדלעך און שרייען, לאַרעמען און טומלען. גאַנצע באַנדעס פון די זעלבע ברואים, גייען ארויס, קומען אריין און פילן אָן די שטוב מיט אַן עקלהאַפטיקן גערוך. אין א קליינעם צימער ביי דער זייט, אויף א גרויסן, רויט־שווארצן, אייזערנעם, צעגליטן אויוון שטייען גרויסע טעפּ מיט קעסלען, פון וועלכע ס'שלאָגט א שווערע פּאַרע און אַ היץ ניט אריבערצוטראָגן. א באַזונדער ווינקל אין דער גרויסער שטוב איז ארומגעצוימט מיט דראָט, דאָרט שטייט א יאַטקע־קלאָץ און נעבן אים העק, מעסערס און זעגעלעך. צו אייזערנע שטאַנגען זיינען צו־געטשעפּעט האַקנס, אויף וועלכע ס'הענגען שטיקער רוי פליש.

דאָס איז אַ „קאַפעריטע" אויפן „ריף", האַרט ביי א „קאַפער־סטאָר", נ‎יט ווייט פון א גאָלד־„מינע".

ביים סאַמע אויבן־אָן אין דעם לאַנגן צימער, ביי דער זייט פון דער טיר, וואָס פירט צו דער קיך מיט דער שווערער פּאַרע, שטייט א טאָמבאַנק, פון וועלכן די האַלב־ווילדע שוואַרצע קונים נעמען זייערע פּאַרציעס צו די טישן. צווישן דעם טאָמבאַנק און דער וואַנט, וועלכע איז פול מיט פּאָליצעס, אָנגעשטעלטע מיט בלעכלעך סיראָפּ, קאָנדענסירטער מילך, צוקער א.א.וו., ארומגערינגלט מיט קעסטלעך ברויט, שעפּסענע קעפּלעך און אנדערע מינים שפּייזן — שטייט היימקע דער קאַפעריטניק, א יידישער יונגערמאַן מיט מילדע, בלאָע אויגן און א רונדיק, גלאַט־ראַזירט פּנים. ער איז גאַנץ לייכט אָנגעטאָן אין א דין אונטערהעמדל, דורך וועלכן ס'זעען זיך ארויס זיינע זיך באַוועגנדע מוסקולן...

ווען א פרעמדער קומט דאָ אריין צום ערשטן מאָל, בלייבט ער שטיין ווי צעמישט. דער שלעכטער ריח, פון וועלכן ס'פאַרכאַפּט דער אָטעם, מיט דעם ווילדן, אומפארשטענדלעכן טומל פון די שוואַרצע, וועלכע קריגן זיך, שלאָגן זיך, שרייען, זינגען, צימבלען אויף דראָטן און טאַנצן און שפּרינגען צו גלייכער צייט, — מאַכט אַזאַ אָפּשטויסנדיקן איינדרוק, אז ער מוז זיך

גלייך פון דאַנען ארויסכאַפּן ווי פון א גיהנום פול מיט מלאכי־חבלה — און ער אָטעמט ערשט פרייער אָפּ, ווען ער איז ווידער אונטערן פרייען הימל.

אזא איינער וועט זיך אויך וואונדערן אויף חיימקען דעם קאָפּעריטניק, ווי ער שטייט זיך הינטערן טאַמבאַנק רואיק, געלאסן און פארקויפט צו די קאָפּערס סחורות מיט א געשיקטער געשווינדקייט, שרייט צו זיי אויף זייער לשון, רעדט אין איינעם מיט זיי, רופט זיי אָן יעדן ביים נאָמען: „קליינבאָי״, „אָפּיס״, „פּערעפּין״, „סיקספּענס״. און אז מ׳דארף, לויפט ער ארויס, גיט א געזונטן קלאַפּ אַ קאָפּער, וואָס איז צוויי מאָל אזוי גרויס און גראָב ווי ער, און אין דער צווייטער מינוט איז ער צוריק הינטערן טאַמבאַנק — און פארנעמט זיך ווייטער געלאַסן מיט זיינע קונים, פונקט ווי ס׳וואָלט קיין זאַך ניט פּאַסירט. ס׳זעט אויס, ווי ער וואָלט געבאָרן און דערצויגן געוואָרן צווישן די קאָפּערס, און מיטן אויסנאַם דערפון, וואָס ער האָט א ווייסע הויט, איז ער ווי איינער פון זיי...

דער פרעמדער וועט קוים וועלן גלויבן, אז דער זעלבער חיימקע איז אין דער היים געווען איינער פון די פיינסטע בחורים אין שטעטל. אַן אינ־טעליגענט, וועלכער האָט, א חוץ אנדערע פעאיקייטן, געהאַט א טאַלאַנט צו שרייבן לידער מיט גראַמען און איז דעריבער געקרוינט געוואָרן מיטן נאָמען „פּאָעט״.

אין זיינע לידער פלעגט ער באַשרייבן די וועלדער, ווו דאָס יונגוואַרג גייט שבת בייטאָג שפּאַצירן; די פעלדער מיט די גאָלדענע זאַנגען; דעם טייך מיט דער אַלטער מיל; די גרינע לאָנקע מיט די בהמות, וואָס פּאַשען זיך דאָרט; די קריניצע הינטערן באַרג... ער האָט באַשריבן די נאַכטיגאַל און די קוקאוקע... אלץ איז פיין געשילדערט געוואָרן אין קורצע שורהלעך מיט קלינגעדיקע גראַמען — דורך חיימקעס קינסטלערישער פעדער. זייער א סך פון זיינע פריינד האָבן געהאַלטן, אז חיימקע האָט א פונק פון אַן אמתן פּאָעט און אז ער וועט ווערן א גרויסער טאַלאַנט...

אויסגעלאָזן האָט זיך אָבער אנדערש:

אין שטעטל איז אויסגעבראָכן א גרויסע שרפה. חיימקעס פאָטער איז געווען צווישן די נשרפים; ער איז געבליבן אָן פּרנסה. חיימקע, וואָס האָט ניט געקענט פאַרדינען אויף א שטיקל ברויט, איז געווען געצוווּנגען צו ווענדן זיך צו זיין פעטער אין אפריקע נאָך הילף. דער פעטער פון אפריקע האָט אים געשיקט אויף הוצאות, כדי ער זאָל קומען און זיך ארויפּ־אַרבעטן, ווי אלע טוען. חיימקע דער „פּאָעט״ האָט קיין ברירה ניט געהאַט און זיך אוועקגעלאָזן אויף דער לאַנגער נסיעה.

די גרויסע, פרעמדע שטעט מיטן פאַרקער און טומל, וועלכע ער האָט אין זיין לעבן פריער ניט געזען; די נסיעה אויפן ים מיט די פיל פראַכט־פולע נאַטור־בילדער: די גאָלדענע שטראַלן, וואָס שפיגלען זיך אָפּ אינם ים, דער זונאונטערגאַנג מיט די פאַנטאַסטישע וואָלקנס, די לבנה ביינאַכט מיט די זילבערנע, שיינענדיקע שטראַלן אויף דעם לאַנגן, שוימיקן וועג, וואָס די שיף שניידט־דורך, — האָבן חיימקעס פּאָעטישע נשמה דערקוויקט. ער האָט געשריבן לידער און געגלויבט, אז זיי זיינען גוט, ווייל ער אליין פלעגט אנטציקט ווערן, לייענענדיק זיי...

קומענדיק קיין יאָהאַנעסבורג, איז חיימקעס פּאָעטיש געפיל מיטאמאָל אָפּגעטעמפּט געוואָרן. דער שטאַרקער גייסט פון מאטעריאליזם און געלט־מאַכעריי, וואָס הערשט דאָ מיט אזא אומבאגרענעצטער מאַכט, האָט אים אראָפּגעוואָרפן פון זיינע הימלישע וועלטן... און צו דעם איז טאַקע אונטער־געקומען די פשוטע, פּראָזאאישע פראגע: וואָס טוט מען? ווי מאַכט מען א לעבן?

דער פעטער, וועמען חיימקע האָט געהאַלטן פאַר א גביר, איז געווען פאַרדרייט איבערן קאָפּ און געפירט א שווערן לעבנס־קאַמף. ס׳האָט זיך אויסגעוויזן, אז דאָס געלט, וואָס ער האָט אים געשיקט, האָט ער צוזאמענ־גענומען פון גוטע לאַנדסלייט... חיימקע האָט באגריפן די לאַגע און גע־בעטן דעם פעטער, ער זאָל אים שאַפן ארבעט. דער פעטער האָט געזאָגט, אז ער וועט זען, וואָס ער קען טאָן, און אז ס׳וועט רעכט ווערן. און ס׳איז טאַקע רעכט געוואָרן נאָך די זעלבע וואָך. דער פעטער האָט אים געשאַפט א שטעלע ביי זיינעם א פריינד, אין א „קאָפּעריטע״, פאַר דריי פונט א חודש מיט אלעם פאַרטיקן.

חיימקען איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אריין אין „קאָפּעריטע״. ס׳איז אים דאָ פאָרגעקומען ווי א משוגעים־הויז. ווי קומט ער צו אזא אָרט? וואָס וועט ער דאָ טאָן? אָבער וויסנדיק זיין אייגענע לאַגע דאָ, און אז טאַטע־מאַמע אין דער היים קוקן אויס אויף אפריקע, — האָט ער איינגעזען, אז ער האָט קיין ברירה ניט, און איז אָנגע־קומען אין „קאָפּעריטע״.

די ערשטע עטלעכע טעג איז ער ארומגעגאַנגען ווי אין א חלום, האָט ניט געוווסט אויף וואָסער וועלט ער געפינט זיך. עפּעס האָבן זיך זיינע הענט און פיס גאָרניט גערירט. אָבער דער באַלעבאָס, זייענדיק זיין פעט־טערס א גוטער פריינד, האָט געגעבן דעם „גרינעם״ א „טשאַנס״ זיך איינ־

צוגעווינען... ער האָט אים געלערנט, ווי זיך דאָ צו באַגיין, און האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל ניט זיין פאַרטראַכט, וועט זיין „אָל־רייט".

און ער האָט זיך צוגעווינט...

חיימקע האָט די ערשטע צייט שטאַרק געליטן פון זיין פּאָעטישער נייגונג. ס'האָט אים געצויגן צו שרייבן לידלעך. בעת ער איז געווען שטאַרק פאַרנומען, פלעגט ער זיך אָפּט פאַרטראַכטן. דערפון איז אים אויסגעקומען צו האָבן גרויסע אומאָנגענעמלעכקייטן. ביינאַכט, ווען ער איז געווען פריי פון זיין אַרבעט, פלעגט ער זיך זעצן שרייבן אין זיין בלעכענעם צימערל נעבן „קאַפּעריטע". אָבער די „באָיס" פון „סטאָר" פלעגן חוזק מאַכן פון אים און כמעט ווי מיט געוואַלד אַריינשלעפּן אים אין אַ דערבייאיקן הויז, וווּ מ'האָט געשפּילט „נעפּ" און „בלאַף"... און אַזוי לאַנג האָבן זיי געקנעלט מיט אים, ביז זיי האָבן אים אויסגעלערנט די שפּיל, ער זאָל קענען נעמען אַ „האַנט"...

אַ שאַרפער קאַמף איז אַנטשטאַנען צווישן „קאַפּעריטניק" און „פּאָעט". ווען ער פלעגט זיך אַפילו זעצן שרייבן פון קיינעם ניט געשטערט, פלעגן זיך פאַר זיינע אויגן נעמען דרייען די ווילדע, נאַקעטע קאַפּערס מיט זייער שפּרינגען, צימבלען, שרייען, און די קאָרטן אינם שכנותדיקן הויז... ער פלעגט יעדעס מאָל באַזיגט ווערן און אוועקלייגן די פעדער.

חיימקען האָט אַ לאַנגע צייט געפעלט דאָס שרייבן לידער. ער האָט געבענקט נאָך דעם ווי נאָך אַ געטרייען, פאַרטרוילעכן פריינד. אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעווינט צו דער „קאַפּעריטע" און די נייגונג צו שרייבן איז געוואָרן שוואַכער און שוואַכער, ביז זי איז ענדלעך אינגאַנצן פאַרשווונדן. און ווי ער וואָלט וועלן זיך טרייסטן נאָך זיין פאַרלאָרענעם פריינד, האָט ער גענומען אָפט באַזוכן „בייעסקאָפּס". ער האָט אויך איינגעזען, אַז ס'איז נייטיק זיך צו לערנען טאַנצן... און איז געוואָרן, ווי מ'זאָגט, „איינער פון די באָיס".

יאָרן זיינען אוועק. חיימקע האָט זיך אויסגעגרינט, געוואָרן אַ טיכטיקער קאַפּעריטניק און האָט פאַרגעסן אָן אַלע אַמאָליקע קינדערשע געדאַנקען און שטרעבונגען.

דאָך טרעפט נאָך איצט אויך, אַז שפּעט ביינאַכט, ווען ער ליגט אויפן בעטל, גיט מיטאָמאָל ביי אים אַ ברען דער אַמאָליקער חשק צו שרייבן אַ לידל. ער שטייט דאַן אויף, מאַכט ליכטיק און פּרוווט נעמען שרייבן. אָבער אין זיין קאָפּ ווערט אַ מיש־מאַש פון זיין טעגלעך, וואָכעדיק לעבן

אין „קאַפּעריטע" מיט די קאַפּערס — און די פעדעם פון זיינע געדאנקען ווערן איבערגעריסן...

א לאַנגע צייט האַלט ער אזוי די פעדער... ער שרייבט אויף עטלעכע שורות, אָבער ס'געפעלט אים ניט, ס'איז ניט ווי אמאָל. ער צערייסט דאָס פּאַפּיר און לייגט אוועק די פעדער מיט פאַרדרוס...

און דאַן גייט חיימקע צו צו זיין קעסטל, נעמט ארויס פון דאָרט פּעקלעך כתבים... ער לייגט זיי פונאַנדער, קוקט זיי אדורך, סאָרטירט זיי, ברענגט זיי אין אָרדענונג. דאָס זיינען די לידער זיינע פון אמאָל, ווען ער האָט נאָך געקענט שרייבן...

ער זעצט זיך לייענען. אזוי זיצט ער און לייענט ביז א שטיק נאָך האַלבער נאַכט...

אין הארצן נעמט אים מאָדנע קלעמען און א פייכקייט הויבט אָן גלאַנצן אין זיינע אויגן...

— — — — — — — — — — —

די פאַרשעמטע*)

ניט איר שלאַנקע, בויגעוודיקע פיגור, ניט איר פראַכטפולער וואַלד שוואַרצע האָר, אויך ניט אירע געטאָקטע געזיכט־שטריכן מיט דער העל־ראָזיקער הויט־פאַרב, — ניט דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן דעם יונגן מאַנדלען. פאַרכישופט האָבן אים די בליקן פון אירע שיינע אויגן, מיטן געהיימניש־פולן מעלאַנכאָלישן אויסדרוק; זיי האָבן עס אָנגעצונדן א געוואַלטיקן פלאַם אין זיין הארצן...

שלום מאַנדל איז א קלוגער, אינטעליגענטער יונגערמאַן. זיין עקאָנאָ־מישער מצב איז א גוטער. ער איז פּאָפּולער אינם קרייז פון זיינע פריינד און געשעצט פון יעדן, וואָס קומט מיט אים אין באַרירונג. צו דעם קרייז פון זיינע פריינד און באקאנטע געהערן אויך פיל פון דעם שיינעם מין — פיינע, געבילדעטע, באַלעבאַטישע טעכטער, וואָס זייערע מוטערס וואָלטן זיך געפילט גליקלעך, ווען ער זאָל בעטן זייער טאָכטערס האַנט. מאַנדל איז אָבער געבליבן צו אָט די אַלע מיידלעך גלייכגילטיק. ס'איז אים געווען אָנגענעם צו פאַרברענגען אין זייער געזעלשאַפט, זיך אונטערצוהאַלטן און פלוידערן מיט זיי וועגן אַלץ אין דער וועלט, אָבער ווייטער איז עס ניט געגאַנגען. ער האָט גוט געוווסט, אז מאַנכע פון זיי זיינען וווּנדערלעך שיין און האָבן אַלע מעלות, וואָס א מאַן קען זיך ווינטשן. ער האָט פיל מאָל געזוכט די סיבה, פאַרוואָס אין זיין הארצן קלאַפּן ניט קיין אנדערע געפילן אויסער געוויינטלעכע פריינדשאַפט. ער האָט זיך דעריבער אליין געוווּנ־דערט אויף דעם אויסערגעוויינטלעכן איינדרוק, וואָס חנהלע האָט אויף אים געמאַכט.

אירע בליקן האָבן אויסגעדריקט פריינדשאַפט און גוטהאַרציקייט, אָבער גלייכצייטיק — אויך כעס און פאַרביטערונג. זיי האָבן אויסגעדריקט שטאָלץ און מוט, אָבער צוזאַמען דערמיט — אויך שרעק און טרויער. דערצו נאָך איר צוריקגעצויגענע, כמעט שטאָלצע האַלטונג — האָט אים פאַרכישופט. ס'האָט זיך דערוועקט אין אים א שטאַרקע פאַראינטערעסי־רונג מיט איר לעבן, אַן אומבאַגרענעצטע סימפּאַטיע און מיטגעפיל צו אירע

---

* פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אינערלעכע לײדן, װעגן װעלכע ער האָט גאָרנישט געװוסט, אָבער ער איז געװען זיכער, אַז זײ זײנען פאַראַן... און א פעסטער באשלוס איר צו פאַר־לײכטערן, א ברענענדער פאַרלאַנג זי נענטער צו דערקענען, װאָס אָפּטער זי צו זען און צו רײדן מיט איר, האָט זיך אין אים פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג, ביז ער האָט זיך ענדלעך דערפילט פאַרליבט.

חנהלע איז געװאָרן זײן אידעאַל, ער האָט ניט אױפגעהערט פון איר צו טראַכטן. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי איז צו אים אױך ניט גלײכגילטיק, זי מוז פאַרשטײן און פילן זײן בײגונג צו איר... זי איז אָבער פאָרזיכטיק ניט צו קומען מיט אים אין א מער אינטימער דערנענטערונג. װען ער װיל מיט איר רײדן מער פּערזענלעך און פאַרטרױלעך, געפינט זי תמיד אַן אױסרײד װי אַזױ דאָס אױסצומײדן.

עטלעכע װאָכן זײנען אַזױ אװעק. שלום מאַנדל האָט אָנגעהױבן בענקען און לײדן. זײנע אלע לאָגישע אױסרעכענונגען, ניט מער צו טראַכטן װעגן דעם פרעמדן מײדל, האָבן ניט געהאָלפן. ער האָט פאָרט באשלאָסן, אַז ער מוז געפינען די געלעגנהײט אײנמאָל פאַר אלעמאָל מיט איר צו רײדן קלאָר און אױפריכטיק: דערקלערן איר זײנע געפילן און בעטן פון איר דעם צוטרױ, װאָס, לױט װי ער פאַרשטײט, איז נאָך מיט אים קײן מאָן פון איר ניט באשאָנקען געװאָרן. עפּעס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט אַ מאָראַליש רעכט דערױף, פון איר אַזא צוטרױ צו פאַרלאַנגען, און אַז זי װעט אים ניט קענען אָפּזאָגן.

אין א שײנעם זונטאָג נאָכמיטאָג האָט ער זי אײנגעלאַדן ארױסצופאָרן מיט אים הינטער דער שטאָט. צו זײן גרױסער צופרידנקײט האָט זי די אײנלאַדונג אָנגענומען.

אַ לאַנגע צײט האָבן זײ שפּאַצירט אלץ טיפער און טיפער אין װעלדל, װײט אװעק פון דעם גערויש און טומל פון די שטאָטישע מענטשן, װאָס קומען אהין געניסן פון א ביסל פרישער לופט. מאַנדל האָט ניט געװאָלט איבעראַשן זי פּלוצלינג מיט זײנע צודרינגלעכע, פּערזענלעכע פראַגן. ער האָט גערעכנט, אז װאָס מער ער װעט מיט איר רײדן װעגן אלגעמײנע זאַכן, און װאָס לענגער זי װעט זײן אין זײן געזעלשאַפט, אלץ מער אינטים און פאַרטרױלעך װעט זי װערן. דעמאָלט װעט אים שױן לײכטער זײן צוצוקומען צום ציל. ס׳האָט זיך אָבער אױסגעלאָזט פּונקט פאַרקערט: װאָס װײטער זײ זײנען געגאַנגען און װאָס לענגער זײ זײנען געבליבן אלײן, אלץ אומרואיקער איז זי געװאָרן... װאָס מער ער האָט גענומען בײטן די טעמעס

פון אלגעמיינע אויף פערזענלעכע, אלץ שטאַרקער האָט די מעלאַנכאָליע זי באַהערשט, אלץ א גרעסערער פּחד האָט ארויסגעקוקט פון אירע אויגן. מאַנדל האָט עס באמערקט און האָט שוין לענגער ניט געקענט אויסהאלטן.

זיי זיינען צוגעקומען צו אַן אומגעלייגטן בוימשטאָם און זיך אויף אים אוועקגעזעצט. ס'איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג. די זון האָט זיך געזעצט נידעריקער און נידעריקער. א גאָלדענער שטראַל, וואָס האָט אדורכגעדרונגען דורך א געדיכטן בוים דאָ דערנעבן, האָט באלויכטן חנהלעס פּראָפיל מיט אירע פּרעכטיקע האָר און איר צוגעגעבן א באזונדערן חן.

— חנהלע — האָט דער יונגערמאַן אָנגעהויבן, קוקנדיק אין אירע אויגן, וועלכע זי האָט גלייך אראָפּגעלאָזן — איך האָף, אז ס'וועט אייך ניט פאַרדריסן, וואָס איך דערלויב זיך אייך אנצורופן ביים יידישן נאָמען. איך קען זיך ניט פילן פרעמד צו אייך. ס'דאַכט זיך מיר, ווי איך וואָלט אייך געקענט דאָס גאנצע לעבן...

— ניין, הער מאַנדל, ס'פאַרדריסט מיך ניט — האָט חנהלע שטיל און לאנגזאָם געזאָגט, ניט אויפהויבנדיק די אויגן — אָבער איר דאַרפט דאָס ניט טאָן, איך בין דאָס ניט ווערט... איך פאַרדין ניט די פריינדשאַפט פון אַזאַ מענטש ווי איר...

— חנהלע, וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? איר זייט ניט ווערט? פאַרוואָס?... אין אייערע אויגן גלאַנצן טרערן, וואָס באדייט עס? האָב איך אייך באליידיקט?....

— ניין, הער מאַנדל, איר האָט מיך ניט באַליידיקט... אָבער איך... בין א באליידיקטע, א פאַרשעמטע, א פאַרדאָרבענע... אַך, ווען איר וואָלט געוווסט מיין פאַרגאַנגענהייט, וואָלט איר פון מיר אנטלאָפן, איר וואָלט מיך פאַראַכטעט...

— חנהלע! עפּעס דריקט אייער האַרץ, איך לייען א טיפע טראַגעדיע אין אייערע אויגן. דערציילט מיר, איך בעט אייך!

— דערציילן — האָט חנהלע לאַנגזאָם איבערגעחזרט און די פאַרבן אין איר פּנים האָבן זיך גענומען בייטן — איר ווילט, איך זאָל פאַר אייך עפענען מיין האַרץ, דעם קבר, ווו מיינע ביטערסטע איבערלעבונגען זיינען באגראָבן... ס'איז מיר אָבער אזוי שווער... זייער שווער...

ער האָט אָנגענומען איר האַנט, וועלכע האָט א ציטער געטאָן אין זיינער.

— דערציילט מיר אַלץ — האָט ער געזאָגט האלב־בעטנדיק און האלב־באפעלנדיק — שענקט מיר אייער צוטרוי. איך וויל וויסן, איך מוז וויסן...

— גוט, איך װעל אײך דערצײלן — האָט זי לאַנגזאַם געזאָגט און איז א װײַלע שטיל געבליבן, װי זי װאָלט זיך אָנגעשטרענגט צוזאַמענצונעמען אירע געדאַנקען.

— ...דאָס איז געװען א זומערדיקער שבת פֿאַרנאַכט — האָט זי אָנ־געהויבן מיט א נידעריקן טאָן — װען די שרעקלעכע ידיעות האָבן זיך פֿאַרשפּרייט, אז דאָס מיליטער קומט, דאָס זעלבע מיליטער, װאָס האָט גע־מאַכט חורבנות און פּאָגראָמען אין פֿיל יידישע שטעט און שטעטלעך. מײַן טאַטע איז געװען דער רב פֿון שטאָט. די באַלעבאַטים זײַנען צו אים שרעק־לעך דערשראָקן געקומען צו לויפֿן, כדי זיך מיישב צו זײַן, װאָס צו טאָן. ס׳איז באַשלאָסן געװאָרן, אז װען דאָס מיליטער װעט אָנקומען, זאָל א דע־פּוטאַציע גיין צום אָפֿיציר, אָנבאָטן אים א סומע געלט און דערמיט זיך אויס־קויפֿן פֿון פּאָגראָמען. דער פּלאַן װאָלט אפֿשר גוט געװען, נאָר ס׳איז שוין געװען צו שפּעט אים אויסצופֿירן. דאָס מיליטער איז שוין געװען אין שטאָט און דער װילדער פּאָגראָם האָט זיך גלײַך אָנגעהויבן, װי געװיינט־לעך, מיט ברעכן פֿענצטער און שלאָגן יעדן ייד, װאָס האָט זיך באַװיזן אין גאַס. מײַן מאַמע, א שװאַכע, האָט כסדר געחלשט. מײַן פֿאָטער און איך האָבן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען זי געמינטערט און א ביסל באַרואיקט. פּלוצלינג האָבן זיך דערהערט װילדע קולות מיט א בראַזגעריי פֿון צעבראָכן גלאָז... איידער מיר האָבן צײַט געהאַט זיך ארומצוקוקן, איז א באַנדע פּאָגראָמשטשיקעס ארײַנגעפֿאַלן צו אונדז אין שטוב.. אײנער איז צוגעלאָפֿן צו מיר, האָט מיך א כאַפּ געטאָן אין זײַנע אָרעמס און א קאָמאַנדעװע געטאָן צו די איבעריקע, זיי זאָלן גיין אין א צװייט הויז...

חנהלע איז שטיל געבליבן. איר גאַנצער קערפּער האָט א ציטער געטאָן...

— דערצײלט װײַטער, חנהלע, דערצײלט אינגאַנצן. איך בין אײַער פֿרײַנד אויפֿן גאַנצן לעבן...

— מײַן טאַטע, דער שטאָלצער מענטש, האָט גענומען בעטן מיט טרערן — האָט חנהלע מיט אַן אָנגעשטרענגטער רואיקייט װײַטער גענומען דערצײלן — מײַן קראַנקע מאַמע איז מיט אַן אויסערגעװיינטלעכן אימפּעט צוגעלאָפֿן און גענומען קושן דעם כוליגאַנס הענט... — „אוועק, פּאַרדאַמטע זשידעס!״, האָט די בעסטיע געשריען, „טרעט אָפּ, אָדער איך דערשיס אײַך אויפֿן אָרט״...

„שיסט מיך״, האָט מײַן טאַטע אויסגעשריען, „אָבער לאָזט זי צורו...״

„און ווער לאָזט מיך ניט טאָן ביידע זאַכן ?", האָט דער כוליגאַן געזאָגט און א בריק געטאָן מיין אָרעמער מאַמען מיטן פוס...

מיט אומנאַטירלעכע כוחות האָב איך זיך א ריס געטאָן פון אים און צוגעלאָפן צו מיין קרעכצנדיקער מאמען, אָבער אין דעם צווייטן אויגנבליק האָט ער מיך א כאַפּ געטאָן פאר די האָר.

„הער נאַר, דו", האָט ער געשריען און פון זיינע ווילדע אויגן האָט געשפריצט פייער, „איך קען זיי ביידע דערהרגענען און טאָן מיט דיר, וואָס איך וויל, אָבער איך בין אן אַפּיציר. גיב זיך איבער צו מיר מיטן גוטן ווילן — און איך וועל זיי לאָזן לעבן. קום מיט מיר אריין אין קאַמער, אָדער איך דערשיס דיינע עלטערן. אָבער באשליס זיך שנעל, די צייט איז קורץ...

— ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן... מיינע כוחות האָבן גענומען אויסגיין און מיינע געדאַנקען האָבן גענומען וואַנדערן.. . אָבער באלד בין איך געקומען צו זיך. מיין בליק איז געפאַלן אויף מיינע דער־שלאָגענע עלטערן. א מערדער איז זיי באפאלן, וויל זיי הרגענען — און איך בין די איינציקע, וואָס קען זיי ראַטעווען מיט מיין כבוד, מיט מיין לעבן... אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זיך פאַר מיינע אויגן פאָרגעשטעלט דער טייך אויף יענער זייט בית־עולם... ווי גוט דאָרט איז צו פארשווינדן... יונגע־לייט גיבן אוועק זייער לעבן פאַר זייער פרעמדן, פיינדלעכן פאָטערלאנד, פאַרוואָס זאָל א מיידל ניט אוועקגעבן איר לעבן פאַר איר באמת געטרייען פאָטער, פאַר איר ליבער, האַרציקער מוטער ?...

„איך גיב זיך איבער", האָב איך געזאָגט פעסט, „אָבער שענק זיי דאָס לעבן"...

מיין טאַטע האָט זיך א כאַפּ געטאָן פארן קאָפּ, די מאַמע האָט היסטעריש גענומען שרייען און דער כוליגאַן האָט מיך אריינגעטראָגן אין קאַמער...

חנהלע האָט מיט די הענט פארדעקט איר פנים און פון אירע אויגן זיינען געפאַלן גרויסע טרערן.

דער יונגערמאַן איז געזעסן ווי פאַרגליווערט. א שטורעם איז פאַרגע־קומען אין זיין האַרצן. ס׳האָט אים געברענט, געצופּט און געריסן. ער האָט ניט געפונען קיין ווערטער און האָט געשוויגן...

— מיין איינציקער ווונטש און טרייסט איז דאָן געווען — האָט חנהלע א ביסל שפּעטער געזאָגט, אויסווישנדיק די אויגן — דער טייך... לעבן נאָך דער שאַנד און דעם פאַרברעך, איז פאַר מיר געוואָרן אוממעגלעך... דער גורל האָט אָבער אנדערש געוואָלט.

דער כוליגאַן האָט געהאַלטן וואָרט. ער האָט מײנע עלטערן ניט דער־שאָסן. ער האָט נאָר דעם טאַטן א שטאַרקן קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ און מיט א ווילד געלעכטער ארויסגעלאָפן פון שטוב. מײן מאַמע איז דעם זעלבן אָוונט געשטאָרבן. מײן טאַטע איז געלעגן עטלעכע וואָכן קראַנק און איך האָב ניט געקענט אָפּטרעטן פון זײן בעט. ער האָט מיט מיר וועגן דער שרעקלעכער פּאַסירונג ניט גערעדט. איך האָב געוווסט גענוי, וואָס אין זײן האַרצן קומט פאָר. זײן קראַנקײט האָט זיך פאַרערגערט פון טאָג צו טאָג, ביז זי איז געוואָרן געפערלעך. ער האָט געוווסט, אז דער טויט איז נאָענט. ער האָט צו מיר א ווונק געטאָן און איך האָב זיך צוגעבויגן צו אים.

„מײן קינד!" האָט ער געזאָגט און זײנע בליקן זײנען געווען אזוי ווײך און מילד, „דו ווײסט דאָך, אז וואָס א קראַנקער זאָגט פארן טויט איז הײליק און מ'מוז דאָס אָפּהיטן. בפרט ווען א טאַטע זאָגט אָן זײן אײנציק קינד. איך ווײס, וואָס דו האָסט איבערגעלעבט, איך ווײס, אז דו האָסט זיך מקריב געווען פאר דײן מאַמען מיט מיר... און איך זאָג דיר אָן, אז דו זאָלסט זיך אָפּזאָגן פון געדאַנק צו נעמען זיך דאָס לעבן... דו ביסט יונג, דו מוזט לעבן — און גאָט וועט דיך היטן"...

זײן שטים איז שוואַכער געוואָרן, אָבער ער האָט זײנע אויגן פון מיר ניט אראָפּגענומען. א פיבערהאַפטע שרעק איז מיך באַפאַלן. אָט שטאַרבט אָפּ מײן ליבער טאַטע מיט זײן לעצטן ווונטש... ווי זאָל איך לעבן? ווי קען איך לעבן?...

„שווער מיר צו, מײן קינד", האָט ער מיט אָנשטרענגונג געזאָגט, „שווער מיר צו בײ דעם אָנדענק פון דײן מאַמען, אז דו וועסט מיך פאָלגן, אז דו וועסט לעבן, שווער, און איך וועל רואיק שטאַרבן..."

און איך האָב געשוואָרן...

נאָך מײן טאַטנס טויט בין איך אָנגעקומען אין אַן אנדערער שטאָט צו מײן מוטערס עלטערער שוועסטער. זי האָט קינדער דאָ אין אפריקע — און זײ האָבן מיך אהערגעבראַכט. איך בין א פארשעמטע, אַן אומגליקלעכע, און איך מוז לעבן, לעבן מיט שאַנד און לײדן...

חנהלע איז שטיל געבליבן. זי האָט געענדיקט דערצײלן... אירע לעצטע ווערטער זײנען געווען אָנגעזאָפּט מיט יאוש.

— חנהלע! — האָט דער יונגערמאַן אויסגעשריען, אָננעמענדיק זי בײ בײדע הענט — דו ביסט ניט קײן פארשעמטע, ניט קײן באַלײדיקטע... דו ביסט רײן ווי א מלאך... דו ביסט א געטרײע ייִדישע טאָכטער מיט א גרויסער נשמה... דו ביסט א העלדין מיט א קרוין פון א מאַרטירעריך

אויף דיין קאָפּ... איך בין שטאָלץ מיט דיר... גיב מיר דיין האַנט, חנהלע, און לאָז מיך זיין דיין באשיצער און לעבנס־באַגלייטער...

חנהלעס ענטפער איז געווען — א שטראָם פון טרערן.

— פאַרגעס די פאַרגאַנגענהייט, טייערע! לעב און זיי גליקלעך, ווי דיין טאַטע האָט דאָס פון דיר פאַרלאַנגט אין זיין לעצטער שעה... נעם אָן מיין פאָרשלאָג און באַגליק מיך מיט דיין ליכטיקן בליק.

זי האָט פּאַמעלעך אויפגעהויבן אירע פייכטע אויגן, אין וועלכע ס'האָט זיך אָנגעצונדן א ליכטיק פייערל פון ליבע, גליק און האָפענונג...

זייערע בליקן האָבן זיך באגעגנט, זייערע ליפּן האָבן זיך דערנענטערט און זייערע נשמות האָבן זיך פאראייניקט...

— — — — — — — — — — —

לאַנדסלייט

פיל װוּנדער און חידושים האָט זיך שלמה חנהס אָנגעזען אויף זײַן לאַנגער נסיעה פון זײַן קלײן שטעטל אין קאָװנער גובערניע ביז יאָהאַנעס־בורג. אָבער די גרעסטע וואונדער און חידושים האָט ער געפונען אין יאָהאַ־נעסבורג גופא, װען ער האָט געזען, װי ייִדן האַלטן אָפן שבת די קראָמען און קאפע־הײַזער ניט ווײַט פון שולן און בתי־מדרשים, װי ייִדן זײַנען מחלל שבת בפרהסיה, גײען ארום איבער די גאַסן מיט לולקעס פונקט װי אין דער װאָכן — און שעמען זיך פאַר קײנעם ניט...

אָבער לאַנג טראַכטן װעגן דעם האָט ער ניט געקענט. ס'האָט אים אינגיכן געגומען עקבערן אין מוח א פיל שווערערע און דריקנדיקערע פראַגע וועגן אים אַליין: די ביטערע דאגות־פרנסה! וואָס טוט מען? צו וואָס נעמט מען זיך? פון וואָס מאַכט מען א לעבן? די עטלעכע פונט, וואָס ער האָט געהאַט, ווערן צעגאַנגען ווי שניי אויף דער זון. א ביסל האָט ער אוועקגעשיקט אהיים, א ביסל איז אים אוועק אויף הוצאות, און דאָס לעצטע ביסל ווערט ווינציקער פון טאָג צו טאָג. און וואָס וועט זײַן, ווען די לעצטע פרוטה וועט זיך ענדיקן?

אין דער היים איז ער א צייט מיט יאָרן געווען אַן אײדעם אויף קעסט, געלעבט אין איינעם מיטן ווייבס עלטערן, וועלכע האָבן געצויגן זייער חיונה פון א קרעמל. שפּעטער, ווען שווער און שוויגער זײַנען געשטאָרבן, האָט זײַן ווייב, די בת־יחידה, גע‏ירשנט דאָס קרעמל און טאַקע זי אַליין האָט געפירט דעם גאַנצן מסחר. אָבער צוליב די שווערע שטײַערן און דער שאַרפער קאָנקורענץ האָט זיך די לאַגע פונם פאַר פאָלק כסדר פאַרערגערט. אז ס'איז שוין געוואָרן גאָר שלעכט, איז בײַ זיי געבאָרן געוואָרן דער פּלאַן פון פאַרקויפן דאָס שטיבל, דאָס קרעמל מיט דער גאַנצער נחלה, צוזאַמענ־שלאָגן אויף הוצאות און זיך אוועקלאָזן קיין אפריקע... און גאָט האָט גע־האָלפן, ער איז אָנגעקומען בשלום אין דעם גליקלעכן לאַנד. ער איז שוין דאָ עטלעכע וואָכן און דער קאָפּ שפּאַלט זיך אים: וואָס טוט מען? וואָס הויבט מען דאָ אָן?

אָבער גאָט איז א פאָטער! ער פאַרלאָזט ניט די, וואָס גלויבן אין אים: און — ווי זאָגט מען: „ער שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה".

דער נאָמען פון שלמה חנהס רפואה איז געווען: „לאַנדסלייט״, דאָס זיינען מענטשן, יידן פון דעם זעלבן שטעטל, וואָס זיינען מיט א סך יאָרן צוריק געפאַלן אויף דער גאונישער המצאה, זיך אוועקלאָזן אין די מרחקים, מעבר־לים, צו זוכן חיונה. און קומענדיק קיין אפריקע, אין די אַמאַליקע בעסערע צייטן, האָבן זיך דאָ פיל פון זיי טאַקע ארויפגעאַרבעט — ווער מיט א „שאַפקע״, ווער מיט „טרייערײ״, ווער מיט א פּאַר אויסגעצאַלטע „הייז־קעס״. און אז אַט די גוטע לאַנדסלייט האָבן זיך דערוווּסט, אז דער אמאָ־ליקער שיינער אײדעם פון זייער שטעטל איז געקומען אהער און האָט זיך ניט צו וואָס צו נעמען, האָבן זיי תיכף גענומען זוכן עצות און מיטלען. איז דער ערשטער־בעסטער פּלאַן געווען, צו גיין צו דעם רייכסטן לאַנדס־מאַן, צום קאָפּ פון די לאַנדסלייט, צום „אדון הגדול״, ווי זיי רופן אים, וואָס איז א ייד א גביר, א גרויסער געשעפטסמאַן און ממילא א גרויסער חכם, און מיט אים זיך האלטן אן עצה, ווי אזוי צו שטעלן דעם שיינעם אײדעם אויף די פיס.

שלמה חנהס, וויסנדיק זיין פעלער, אז ער אליין איז א קנאַפּער אויפ־טוער, איז דאַנקבאַר געווען די לאַנדסלייט, וואָס ווילן אים פאַרזאָרגן. דעם נאָענטסטן זונטאָג נאָכמיטאָג איז ער מיט דריי פון זיי אוועק ווייט אַהין, אין די הויכע מקומות, וווּ דער גביר וווינט.

ווען דער קליינשטעטלדיקער „גרינער״ ייד איז אריינגעקומען צום גביר אין שטוב אריין, איז ער מבולבל געוואָרן. אזא עשירות, אזא רחבות, אַזאַ הויז מיט פּאַקאַיעס, מיטן טייערסטן מעבל, האָט ער אין זיין לעבן ניט אָנגעזען. נאָכמער האָט אים איבערראַשט דער באַלעבאָס אליין מיט זיין שטאָלצן אויסזען און זיין גלאַט־ראַזירטן פּנים. ער וואָלט גאָרנישט גע־גלויבט, אז דאָס איז א ייד, וואָס האָט אַמאָל געלעבט אין דעם ליטווישן אָרעמען שטעטל, אײדער ער, שלמה חנהס, איז דאָרט געוואָרן אן אײדעם. אָבער אָט גיט אים דער גביר א וואַרעמען שלום־עליכם, בעט אים זיצן און נעמט אים אויספרעגן פון שטעטל: ווער ס׳לעבט, ווער ס׳איז גע־שטאָרבן, ווער ס׳איז רייך, און ווער — אָרעם. באַלד קומט אריין די מאַ־דאַם אויסגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג, כאַפּט זיך ארום מיטן „גרינעם״ לאַנדסמאַן און שרייט אויס: „וואָס פאַר א טייערן גאַסט מיר האָבן! איך בין דאָך מיט אייער שוויגער, צו לאַנגע יאָר, געווען פּונקט ווי שוועסטערן!״ — און אויפן טיש באַווייזט זיך גלייך וויין, בראָנפן, טייערע צובייסעכץ און קאָנפיטורן. דער באַלעבאָס מיט דער מאַדאַם בעטן דעם „גרינעם״, ער זאָל זיך ניט שעמען און נעמען עפּעס אין מויל אריין.

די דריי „געלע״ לאַנדסלייט, וואָס ווערן פון די אלע זאַכן ווייניק נתפּעל, זיינען גלייך צוגעקומען צום ענין און דערקלערט דעם צוועק פון זייער קו־מען: דער נייער לאַנדסמאַן האָט קיין געלט ניט און ווייס ניט, צו וואָס זיך צו נעמען. מ׳מוז אים העלפן און אַן עצה געבן, וואָס צו טאָן.

— אוודאי, אוודאי, ווי דען? — זאָגט דער גביר — אז ניט לאַנדסלייט

— טאָ ווער דען זאָל העלפן? נאָר מ׳דאַרף זיך אָקאָרשט מיישב זיין, ווי אזוי צו העלפן.

— אָט איבער דעם זיינען מיר דאָך טאַקע געקומען — האָבן צוויי פון די לאַנדסלייט געענטפערט מיטאַמאָל.

— מיין עצה וואָלט געווען — האָט, ניט לאנג טראַכטנדיק, געזאָגט דער גביר — ער זאָל נעמען א הלוואה ביי די „גמילת־חסד״. איך וועל פאר אים גוט זאָגן, וועט קיין שוועריקייט ניט זיין. מ׳זאָל פאר דעם געלט קויפן א פערד און וואָגן, ער זאָל נעמען „טרייען״ מיט זעק און „באָטלס״ — און מאַכן א לעבן.

שלמהן האָט א שפּאַר געטאָן דאָס בלוט אין פּנים אריין, דערהערנדיק דאָס וואָרט „פערד און וואָגן״, וואָס ס׳שמעקט מיט בעל־עגלה... ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ס׳איז אים שווער געווען און ער האָט בלויז א הוסט געטאָן.

יענע לאַנדסלייט האָבן גענומען קוקן און דרייען די קעפּ איינער צו דעם אנדערן, און דאַן האָט איינער זיך אפּגערופן:

— ניין, דאָס איז ניט פאר אים קיין „ביזנעס״. ער וועט ניט קענען אָנגיין. מ׳דאַרף אויסקלערן עפּעס אַן אנדערע זאַך.

— אפשר זאָל ער „טרייען״ מיט „דרייפּערי״ — האָט דער צווייטער פאָרגעשלאָגן.

— „דרייפּערי״ — האָט דער באלעבאָס געזאָגט — טויג געוויס ניט. ער וועט אוועקגעבן די סחורה אָן געלט און וועט ארויס אָן א פּרוטה. און ווידער, דאַרף מען זיך צו דעם גוט אויסטויגן.

— אפשר אַ „שאַפּקע״? — איז דער דריטער אריינגעפאלן אין די רייד.

— רעדט ניט קיין נארישקייטן! ווי קומט א „גרינער״ צו א „שאַפּקע״? ווי? וואָס? ווען?

שלמה איז געזעסן ווי אויף הייסע קוילן. מ׳רעדט וועגן אים אזוי, פּונקט ווי ער וואָלט דערביי ניט געווען; ווי ער וואָלט געווען א פערד, א בהמה... אָבער גלייכצייטיק האָט ער אויך פארשטאַנען, אז אלץ, וואָס זיי זאָגן, איז אמת, און זיי זיינען דאָך זיינע אמתע גוטע פריינד.

— ס׳איז דאָ א פּלאַן — האָט פּלוצלינג דער באַלעבאָס פייערלעך אויסגערופן — ווי באַלד אז ער טויג זיך ניט אויס צו „ביזנעס״, וועט ער ווערן א מלמד! צו מיר קומט א רבי פאַר מיינע צוויי יינגלעך — צאָל איך פינף פונט א חודש, וועל איך יענעם אָפּזאָגן און אים צונעמען. א לאַנדסמאַן איז בילכער. דאָס איז שוין א גוטער אָנהייב. איר האָט דאָך אויך אוודאי יינגלעך.

— מיינער גייט אין תלמוד־תורה.

— מיינער אויך.

— נו, איז וואָס? נעמט מען זיי אָפּ פון תלמוד־תורה. א לאַנדסמאַן דאַרף מאַכן א לעבן. די תלמוד־תורה וועט דורכדעם ניט אונטערגיין. איר און איך, מיט נאָך עטלעכע לאַנדסלייט, א פּאָר קינדער וועט ער אליין צוקריגן, — וועט ער מאַכן א לעבן.

— א פיין לעבן — האָט איינער צוגעגעבן.

— א מלמד?! — האָט שלמה חנהס זיך געקווענקלט — איך בין קיינמאָל קיין מלמד ניט געווען...

— וואָס הייסט? — האָט זיך דער גביר א כאַפּ געטאָן — דאָס איז דאָך אייער פאַך. איר זייט דאָך א לערנער. וואָס איז? איר וועט ניט טרעפן צו לערנען דאַווענען מיט קינדער, אָדער אויסלערנען מפטיר לייענען? סיי־ווי־סיי קענען זיי גאָרנישט...

— און וואָס מיינט איר, איז די תלמוד־תורה? — האָט איינער פון די לאַנדסלייט אריינגעזאָגט — דאָס, וואָס זיי לערנען זיך דאָרטן אויס, קען מען אויך מנדב זיין אויף א קלויסטער. די „תורה״, וואָס די היגע קינדער דאַרפן קענען — וועט איר טרעפן מיט זיי צו לערנען...

— א טייערע מציאה — האָט נאָך איינער צוגעגעבן — די מעטאָדע־ביכלעך מיט די „היברו״ זייערע, — איך גיב דערפאַר קיין שמעק טאַבאַק ניט...

— אזוי בלייבט דאָס — האָט דער גביר צופרידן געזאָגט — איר וועט זיין א מלמד, מיסטער סאָלאָמאָן! איר וועט מאַכן א לעבן — און די זאַך איז געענדיקט.

ווען זיי האָבן זיך פריינדלעך אָפּגעזעגנט מיטן „אדון הגדול״ און ארויס פון שטוב, האָבן די לאַנדסלייט געזאָגט שלמהן, אז דאָס איז א גליק פאַר אים, א גרויסער „טשאַנס״. מלמדות איז דאָ א זייער גוטע זאַך. און אזוי גייענדיק האָבן זיי גלייך אויף די פינגער אויסגערעכנט אלע לאַנדסלייט, וואָס האָבן יינגלעך, וויפל יעדער וועט צאָלן — און ס׳האָט שוין

געװיזן א חשבון נאָנט צו פינף און צװאנציק פונט... זיי זיינען געװען העכסט צופרידן מיט דער גוטער און קלוגער עצה פון זייער רייכן לאנדסמאַן.

שלמה חנהס, דער בעל־דבר אליין, איז אָבער ניט געװען שטאַרק צופרידן. ער האָט יענע נאַכט ניט געקענט שלאָפן. װי קומט ער צו לערנען מיט קינדער? אמת, ער קען לערנען א שאַרפן בלאַט גמרא מיט מפרשים, אָבער ריכטיק זאָגן עברי, װי ארויסצורײדן ס'װאָרט און װי צו לערנען מיט א יינגל — דאָס קען ער ניט... לשון־קודש און דקדוק — דאָס װייס ער אינגאנצן ניט, װי מ'הייבט עס אָן... װי קען ער זיך אונטערנעמען צו לערנען מיט קינדער? עפּעס א קלייניקייט — קינדער! תינוקות של בית רבן... װאָס זיינען די קינדער שולדיק?...

אָבער צוריקגעשמועסט: װאָס זאָל ער טאַקע טאָן? ער האָט דאָך א װייב מיט קינדער, צו קיין אנדערער זאַך טויג ער ניט, — און די היגע קינדער קענען דאָך סיי־װי גאָרנישט...

אין עטלעכע טעג ארום, װען שלמה חנהס האָט זיך צוגעװוינט צום געדאַנק צו װערן א מלמד, איז דאָס ביי אים גאָרנישט אויסגעקומען אזוי קרום. אין א לאנד — האָט ער געטראַכט — װו יידן זיינען מחלל־שבת בפרהסיה, האלטן אָפן די קראָמען ארום שולן און בתי־מדרשים און גייען מיט לולקעס איבער די גאַסן, — אין אזא לאַנד קען ער גאנץ גוט זיין א מלמד און לערנען מיט קינדער...

און שלמה חנהס איז א מלמד, מאַכט א לעבן און הערט ניט אויף צו דאַנקען די לאַנדסלייט.

א טייערע זאַך די „לאנדסלייט״!

חברטעס

צוויי ליבע חברטעס זיינען זיי פון אלע יאָרן. צוזאמען זיך געשפּילט, צוזאמען געלערנט, צוזאמען מיט אומגעדולד דערוואַרט בריוו פון זייערע טאַטעס אין אפריקע, צוזאמען דערלעבט די גליקלעכע צייט, ווען זייערע טאַטעס האָבן געשיקט נאָך זייערע פאַמיליעס, און צוזאמען זיינען זיי אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט יאָהאַנעסבורג.

ביידע גלייך האָבן זיי געביטן זייערע נעמען: פון שרה אויף „סערע" און פון ביילע אויף „בערטע" — און אָנגעהייבן זייערע קאַריערעס אין אַפריקע: געלערנט א צייט ענגליש ביי א לערער און דאַן זיך געלערנט סטענאָגראַפיע אין א פּריוואַטער שול. אין איין צייט האָבן זיי אויך שטעלעס אין „אָפיסעס" באַקומען.

צוזאמען האָבן זיי די פרייע צייט פאַרבראַכט, אויף לעקציעס און ליטעראַרישע אָוונטן געגאַנגען. ווי אמתע, איבערגעגעבענע חברטעס, האָבן זיי ניט געהאַט קיין סודות איינע פאַר דער צווייטער. ווען זיי האָבן גערעדט וועגן זייער צוקונפט, האָבן זיי שטאַרק קריטיקירט די מיידלעך, וואָס האָבן חתונה מיט עלטערע מענער צוליב געלט, און זיך פאַרגענומען ניט צו זיין ווי יענע, ניט פאַרקויפן זיך פאַר געלט.

אין א לאַנגער צייט אַרום, ווען ביידע זיינען שוין אויף א גאָר גרויסן שטייגער אַפריקאַניזירט געוואָרן, האָט סערע איינמאָל באַמערקט, ווי איר חברטע בערטע איז פאַרטראַכט און ווי זי באַהאַלט עפּעס פאַר איר. אויף איר צודרינגלעכער פראַגע, וואָס דאָס באַדייט, האָט בערטע, האַלב־שעמעוודיק און האַלב ווי פאַרטיידיקנדיק זיך, געענטפערט, אַז זי איז אין א פאַרלעגנהייט: מ׳שלאָגט איר פאַר א שידוך מיט א רייכן „באַי"... טאַטע־מאַמע ריידן זי שטאַרק צו. זיי זאָגן, אַז ס׳איז דאָס גרעסטע גליק פאַר איר, און זי ווייס ניט, וואָס צו טאָן.

— ווי אַלט איז ער? — האָט סערע אויפגעבראַכט געפרעגט.

— זיי זאָגן, אַז ער איז אַרום פינף און דרייסיק...

— און נאָך צען קענסטו זיכער אליין צוגעבן — האָט די חברטע שטעכיק געענטפערט.

— פאַרשטײסט ניט די לאַגע, סערע — האָט בערטע װי מיט געבעט געזאָגט — מײן טאַטע איז רואינירט, ס׳געשעפט איז אונטערגעגאַנגען. דערצו איז ער שװאַך אין געזונט. פון מײן פאַרדינסט צאָלט מען דירה־געלט... און װאָס װעט זײן דער תכלית? מ׳װערט ניט ײנגער... די יונגע „באָיס״ זײנען ניט פאַרמעגלעך, זײ קענען זיך ניט אַרױפאַרבעטן...

— אַזױ — האָט סערע פאַרביסן געזאָגט — דו ביסט שױן אױך גע־װאָרן אַזױ װי יענע, װעלכע מיר פלעגן שטענדיק קריטיקירן. דו האָסט שױן אױך פאַנטאַזיעס, זיך צו פאַרקױפן פאַר געלט, זײן אַ „מאַדאַם״ און װױנען אין „פּאַרק־טאַון״, — טאָ זאָל דיר גאָט העלפן מיט דײן אַלטן „באָי״. איך פאַרגין דיר אים מיטן גאַנצן האַרצן! ס׳פאַרדריסט מיר נאָר, װאָס איך בין די גאַנצע צײט געװען גענאַרט אין דיר...

— זאָג דאָס ניט, סערע. װען מ׳זאָל דיר מאַכן אַזאַ פאָרשלאָג, װאָלט דיר אױך געװען שװער צו זאָגן „נײן״. דו װעסט געװיס, װי דײנע עלטערן לײדן פון זײער אָרעמקײט אַזױ װי איך זע דאָס בײ מײנע עלטערן. מיר דאַרפן זײן אַ ביסל פּראַקטישער אין לעבן, מיר זײנען שױן ניט קײן קינדער...

— דו, אָבער איך קײנמאָל ניט! — האָט סערע האַלב אין כעס געזאָגט — איך װעל מײן מײנונג קײנמאָל ניט בײטן! איך װעל זיך פאַר געלט ניט פאַרקױפן. מײן חתן װעט מוזן זײן יונג, שײן און אינטעליגענט, און אױב ס׳װעט אױסקומען צו פירן אַן אָרעם לעבן, װעל איך אױך זײן צופרידן.

נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך איז די הײסע פרײנדשאַפט צװישן די חברטעס אָפּגעקילט געװאָרן. זײ האָבן ניט געקענט מער רײדן אַזױ אינטים און אָפנהאַרציק װי פריער; זײ האָבן שױן ניט פאַרבראַכט אַזױ פיל צוזאַמען װי פריער און זײערע באַציאונגען האָבן אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער.

ס׳האָט ניט לאַנג געדױערט — און בערטע איז געװאָרן אַ כלה מיט דעם עלטערן, רײכן „באָי״, אױף װעמען זי האָט גלײך באַקומען אַ שטאַרקן אײנפלוס. אױף איר פאַרלאַנג האָט ער אױסגעגעבן אַ פאַרמעגן אױף אַ גרױס הױז מיט טײער מעבל, פאַרביטן דעם אױטאָמאָביל אױף אײנעם פון די לעצטע און טײערסטע מאָדעלן. בערטע האָט חתונה געהאַט און לעבט װי אַ גרעפין.

מיט דער צײט איז סערע אױך געװאָרן אַ כלה. איר חתן איז געװען אַ שײנער, אַ יונגער, האָט געאַרבעט אױף אַ שטעלע און פאַרדינט צװאַנציק פונט אַ חודש. סערע האָט געזאָגט, אַז זי דאַרף ניט מער, זי װעט זיך

איינאָרדענען און וועט לעבן גליקלעך. די עלטערן זיינען געווען שטאַרק אומצופרידן פון דאָזיקן שידוך. אָבער ווען די טאָכטער האָט זיך איינגעעקשנט, אַז ס׳קען אנדערש ניט זיין, האָבן טאַטע־מאַמע געמוזט דערויף מסכים זיין.

ביידע חברטעס האָבן שוין חתונה געהאַט. יעדע האָט זיך איינגעאָרדנט אויף איר שטייגער. אויסערלעך איז זייער פריינדשאַפט, דאַכט זיך, צוריק באַנייט געוואָרן. מ׳גייט אָפט אויף א באזוך איינע צו דער אנדערער, מ׳קושט זיך און מ׳רעדט ווידער אזוי אינטים און פאַרטרוילעך ווי אַמאָל. אָבער טיף אין האַרצן האָט זיך ביי יעדער פון זיי אריינגעגנבעט א געפיל פון קנאה, פון ניט פארגינען, פון וועלכע זיי האָבן אין די פריערדיקע יאָרן קיינמאָל ניט געוווסט...

ווען סערע קומט מיט איר מאַן באזוכן איר חברטע אין איר גרויסן פיינעם הויז אין פאַרק־טאַון, זוכט בערטע אויס די פאַרשידנסטע מיטלען, אז איר מאַן מיטן פליכעוואַטן קאָפּ, מיט די גאָלדענע ציין, מיטן געבויגענעם רוקן, זאָל זיך ניט וואַרפן צופיל אין די אויגן... זי שיקט אים ארום אהין, אהער — און האַלט כסדר אין איין ווייזן איר ליבע חברטע די טייערע היים מיטן רייכן מעבל, וואָס זיינען לויטער אַנטיקן. זי פירט זי ארום פון איין צימער אין צווייטן. אָט די אלע זאַכן זיינען אימפּאָרטירטע. די „בייבי גרענד״־פּיאנאָ קאָסט דריי הונדערט פונט, דער „קאַרפּעט״ איז אַן אַנטיק, וואָס מ׳קריגט ניט נאָך איינעם אזעלכן אין יאָהאַנעסבורג. אין יעדן צימער האָט ס׳מעבל די זעלבע פאַרב וואָס די ווענט. סערע באַוווּנדערט אלץ, וואָס זי זעט, און ווינטשט איר חברטע, זי זאָל עס נוצן געזונטערהייט. טיף אין הארצן אָבער טאָטשעט א ווערימל פון קנאה און פאַרדרוס... בעת זי געזעגנט זיך און קושט זיך מיט איר בעסטער פריינדין, זאָגט זי איר, אז זי זאָל למען־השם קומען מיט איר מאַן אויף א באַזוך צו איר אין דאָרנפאָנטיין.

ווען בערטע קומט צו פאָרן מיטן מאַן אין אייגענעם טייערן אויטאָ צו איר חברטע אין דאָרנפאָנטיין אָנגעטאָן אין די בעסטע און שענסטע קליידער, באַהאָנגען מיט דער טייערסטער צירונג, — נעמט זיי סערע אויף מיט פאַרגעניגן אין איר אָרעמען, אָבער זויבערן עס־צימער, ווו ס׳געפינט זיך געוויינטלעך מעבל, בלויז פונם גוטיקסטן. דערפאַר אָבער איז דער צימער פול מיטן שיינעם יונגנמאַן. ער זיצט די גאַנצע צייטביים טיש און אַמוזירט זיינע רייכע געסט מיט וויציקע מעשהלעך און אנעקדאָטן, צו וועלכע ער האָט א ספּעציעלן טאַלאַנט. דער קאָנטראַסט פון ביידע מענער איז גאָר שטאַרק בולט... סערע וואַרפט אלע ווײַלע א זייטיקן בליק אויף איר

חברטע און זי פֿאַרשטייט געגנוי, וואָס יענע טראַכט בײַ זיך אין האַרצן...
זי פֿילט, אַז בערטע פֿאַרגינט איר ניט — און אָט דאָס איז איר זיסע נקמה...
ווען זי קומט צו איר חברטע — פֿאַרגינט זי איר ניט די שײנע הײם, דער־
פֿאַר ווען איר חברטע קומט צו איר — פֿאַרגינט איר יענע ניט דעם שײנעם
מאַן...

מ׳קושט זיך, מ׳האַלדזט זיך — און מ׳באַשטימט ווײַטערדיקע וויזיטן.

און בײַ בײדע אינטימע חברטעס אַנטוויקלט זיך כסדר אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער דאָס געפֿיל פֿון קנאה, פֿון ניט־פֿאַרגינען אײנע דער אַנ־דערער...

— — — — — — — — — — —

קינדער

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ ייד אַ שוסטער)

... — איר זאָגט אַנטקעגן דעם, וואָס ס׳לוינט זיך ניט דאָס לעבן צו לייגן פאַר קינדער; וואָס קינדער זיינען ניט געטריי די עלטערן, ווי עלטערן זיינען געטריי די קינדער. פרעגט מיך, מיין פריינד, וועל איך אייך דערציילן, וואָס קינדער זיינען. טאַטע־מאַמע שטעלן זיך בדלות, ליידן צרות, האָרעווען, אָקערן מיט דער נאָז די ערד, כדי צו מאַכן אַ קינד פאַר אַ מענטש, ער זאָל זיין מיט לייטן גלייך, און דער דאַנק, הערט איר, וואָס מ׳האָט, איז — יסורים, גריזאָטע, פּאַרדרוס, אַז ס׳איז פּראָסט אַ חרפּה צו דערציילן. און שולדיק אין דעם איז, ווייסט איר ווער? די מאַמע! ס׳רעדט זיך נאָר אַזוי, שולדיק. וואָס קומט אַ מאַמען דערפאַר, וואָס זי וויל האָבן אַ לייטיש קינד, האַ? נאָר וואָס דען? דער טעות ווערט געמאַכט דורך איר, און שפּעטער, ווען דאָס קינד איז שוין אַ לייט, זעט זי ערשט, ווי נאַריש זי איז געווען...

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַ ייד אַ בעל־מלאכה; פּראָסט ריידנדיק — אַ שוסטער. איך שעם זיך ניט מיט מיין מלאכה. מיין זיידע און מיין טאַטע זיינען געווען שוסטערס אין זייער שטעטל, האָבן געהערט צו „חברה עין־יעקב״, צו „חברה תהלים״, געווען באַלעבאַטים ווי אַלע, געזאָגט דעות ביי אסיפות, און האָבן אויסגעלעבט זייערע יאָרן בכבוד. מיר איז באַשערט צו זיין אין אַפריקע, דאָס איז אַן אַנדערע זאַך. דאַרף מיך גאָט בענטשן מיט אַ ווייב און קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין, און דאָס עלטערע יינגל דאַרף זיין אַ גוטער אין „סקול״, ברענגען שטענדיק גוטע „מאַרקס״ און ביכלעך פאַר „פּרייזן״, — ווילט זיך מיין ווייב, זאָל געזונט זיין, אַז דער תכשיטל זאָל גיין אין „היי־סקול״, ער זאָל זיך ווייטער בילדן און זיין אַ קינד גלייך ווי ביי לייטן.

— גוט — זאָג איך — זאָל ער גיין אין „היי־סקול״. אַי, וואָס דער טאַטע ווערט פאַרשוואַרצט ביים וואַרשטאַט, קיין יונגערמאַן איז ער שוין ניט און ס׳וואָלט גאָר קיין עוולה ניט געווען — אַ יינגל זאָל גיין אַרבעטן און אַריינברענגען אין שטוב אַ פּאָר פונט אַ חודש! אָבער מ׳מאַכט זיך ניט

וויסנדיק, אַט, מ׳וועט ווייטער שלעפּן דעם יאָך און אַרבעטן ווי א פערד, אבי דער זון זאָל זיין א מענטש.

זיינען פאַרלאָפן עטלעכע יאָר. דאָס יינגל האָט „געפּאַסט מעטריק״. א שמחה, א גדולה אויף דער מאַמען.

— נו — זאָג איך צו מיינער — וואָ וועט איצט זיין? שוין „געפּאַסט״, גאָט צו דאַנקען, „מעטריק״, אפשר וואָלט שוין געווען צייט, אזא בחורל זאָל אָנהויבן עפּעס פאַרדינען און געבן א האַנט מיט עטלעכע פונט א חודש?

— ניין — זאָגט מיין ווייב — אז מ׳האָט אָנגעהייבן דאַרף מען גיין ווייטער.

— ווייטער? — זאָג איך — פאַלג מיך א גאַנג! וואָס הייסט עפּעס: גיין ווייטער?

הכלל אהין, אהער, זי וויל, דער זון זאָל זיין א דאָקטאָר! איך קוק זי אָן ווי משוגע — א דאָקטאָר! ווי קומט עס צו אונדז? וועמענס פאַרמעגן איז דאָס? זאָגט זי, אז אנדערש קען ניט זיין. מ׳מוז אים שיקן קיין ענג־לאַנד שטודירן דאָקטאָר! און זי ווייזט מיר אזא חשבון: זי וועט איינ־קאַרגן די הוצאה אין שטוב מיט עטלעכע פונט א חודש; עטלעכע פונט פאַרדינט שוין דער יינגערער זון, וועט זיין צושטייער; זי אליין קען אויך עפּעס פאַרדינען. מיידלוויז האָט זי געאַרבעט ביי שניידעריי און זי האָט עס נאָך ניט פאַרגעסן. זי וועט אריינגעמען אַרבעט אין שטוב און וועט מאַכן עטלעכע פונט א חודש. הכלל, מ׳וועט דורכלעבן די עטלעכע יאָר. דער־פאַר אָבער, אז מ׳וועט אי״ה דערלעבן און ער וועט קומען צוריק א דאָקטאָר, וועט מען האָבן נחת אָן א שיעור. ערשטנס, דעם כבוד, א זון א דאָקטאָר! וואָס קען זיין שענער? צווייטנס, וועט ער זיין א פאַרזאָרגטער אויפן גאַנצן לעבן, און דו, מיין מאַן, וועסט זיך קענען אויף דער עלטער א ביסל אָפּרוען. שוין גענוג געהאָרעוועט.

דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך זיך שטאַרק געקווענקלט. עפּעס איז מיר דער גאַנצער חשבון ניט געפעלן. נאָר מיין ווייב האָט זיך אריינגענומען אין קאָפּ און האָט אזוי לאַנג געטענהט, ביז זי האָט מיך איבערגערעדט און ס׳איז געבליבן, אז ס׳קען אנדערש ניט זיין. מיר האָבן זיך אלע איינ־געשפּאַנט אין טאַטשקעס און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

אין פּאָסט־„אָפיס״ איז געלעגן א פּאָר צענדליק פונט, אָפּגעשפּאָרט נאָך אין די בעסערע צייטן, האָט מען עס ארויסגענומען און מ׳האָט אוועק־געשיקט דעם זון קיין ענגלאַנד. דערנאָך האָט זיך אָנגעהייבן א סדרה מיט שיקן אלע חודש געלט קיין ענגלאַנד. דער יינגערער זון האָט געאַרבעט

אין א „קאַפּעריטע״ און פאַרדינט פינף פונט א חודש, איז דאָס געגאַנגען פאַרן דאָקטאָר, ס׳ווייב איז געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט, גענייט הויזן, געבלענדט די אויגן — און אליין בין איך געזעסן צוועלף שעה א טאָגביים וואַרשטאַט ווי א קרוק, געקלאַפּט מיטן האַמער, פאַרריכט אלטע שיך, זיך אין האַרצן איינגעריסן, דינגענדיק זיך מיט די קאַפּערס, אבי צוזאַמענ־צושלאָגן א פּאָר פונט מער פאַרן דאָקטאָר אין ענגלאַנד. און אין שטוב, זאָג איך אייך, האָט מען געלעבט אין דחקות, פּשוט דאָס שטיקל ברויט זיך ניט פאַרגונען, און אלע מאָל נאָכן ערשטן אוועקגעשיקט דעם „דראַפט״, ס׳זאָל אים, חס־ושלום, ניט פעלן דאָרטן, דעם זון דעם דאָקטאָר.

איין יאָר איז געווען „סלעק״ אין דער ארבעט. מיין ייִנגל האָט פאַר־לאָרן דעם „דזשאָב״, און מיין ווייב האָט געקראַנקט שוואַכע אויגן און האָט ניט געקענט נייען ביינאַכט. אזוי וואָלט געווען א האַלבע צרה, מ׳וואָלט ווי ס׳איז דורכגעקומען, אָבער וואָס טוט מען מיטן דאָקטאָר? מ׳קען דאָך אים ניט לאָזן שטיין אין מיטן, ער דאַרף דאָך דאָרטן פון קיין זאך ניט וויסן — האָב איך געטאָן א געוואַלד־זאַך: איך האָב געהאַט דאָס אויסגעצאָלטע הייזל, נאָך גאָר פון די אַמאָליקע צייטן, האָט מען דאָס פאַרקויפט בחצי־חינם און פון דעם אויפגעהאַלטן דעם דאָקטאָר. דאָס לעבן איז געוואָרן שווערער, מ׳האָט שוין געדאַרפט צאָלן דירה־געלט... און מ׳האָט ווייטער געשלעפּט דעם יאָך, פאַרשוואַרצט געוואָרן, גרא און אַלט געוואָרן, ביז מ׳האָט דער־צויגן און דערלעבט די גליקלעכע צייט: דער דאָקטאָר האָט מיט מזל געענדיקט און געקומען אהיים.

מיין ווייב האָט אויסגעפּירט, וואָס זי האָט געוואָלט: געמאַכט דעם זון פאַר א דאָקטאָר. אָבער דעם נחת, וואָס מיר האָבן — אויף אלע יידישע שונאים געזאָגט געוואָרן.

דער זון דער דאָקטאָר איז געפּערלעך אין כעס און ·וויל גאָר מיט אונדז ניט ריידן. מיר פאַרשוואַרצן אים די אויגן, זאָגט ער; א טאַטע א שוסטער — א חרפּה פאַר מענטשן... ער איז אומגליקלעך, שרייט ער; ער וועט אוועק, ווו די אויגן וועלן אים טראָגן. און מיינט איר אפשר — ער פאַרדינט עפּעס? א נעכטיקער טאָג! ס׳זיינען איצט דאָ דאָקטוירים מער ווי חולאים. און נאָר ער האָט טענות: ס׳געפעלט אים ניט דער טאַטע דער שוסטער, — כאָטש נעם און באַגראָב דעם טאַטן... אלע שטייען פאַר אים אויף די לאַפּ־קעס. אליין דאַרט מען און מ׳קוואַרט, און פאַר אים קאָכט מען טעפּעלעך, פונם שענסטן און פון בעסטן. מ׳האָט גענומען מעבל אויף אויסצאָלן און געמאַכט פאַר אים א שיינעם צימער, ווי ס׳פּאַסט פאַר א דאָקטאָר, און ער איז

כסדר ווי אַ מרוק, אָנגעשטויסן און אָנגעבלאָזן. עסט אָפּ און אנטלויפט; רעדט ניט מיט קיינעם קיין וואָרט... און אז די מאַמע הויבט אָן אַמאָל ריידן און פרעגן, שעמט ער זיך ניט איר גוט אָנצוזידלען. און מיטן טאַטן איז ער אינגאַנצן פון ווייטן, ער האָט ניט וואָס צו ריידן מיט א שוסטער... ס'קען זיין, אפשר איז ער גערעכט... און אזוי גייט עס. וואָס ווייטער וועט זיין — ווייס איך ניט. אָבער דערווייל איז זייער ביטער. א זון, וואָס שעמט זיך מיט טאַטע־מאַמע, איז א פרעמדער, ניין, ערגער ווי א פרעמדער.

נו, ווי מיינט איר, האָט זיך געלוינט די וועלט איינצורייסן און דאָס לעבן אוועקצוברענגען, כדי צו האָבן א זון א דאָקטאָר, האַ?

אָט דאָס זיינען היינטיקע קינדער — און גיי שריי „חי וקים"...

— — — — — — — — — — —

אוים „ספאָרט״

מייק איז געווען א „ספאָרט״.

א קורץ ענגליש וואָרט: „ספאָרט״, אָבער ס׳האָט א סך באַדייטונגען. ווען איר זאָלט עס וועלן דערקלערן אין יידיש, וואָלט איר געדאַרפט זאָגן בערך אזוי: „מייק איז א ווילער יונג, א פראַנט, א חברה־מאַן, א גוטער ברודער, א יונג, ביי וועמען עטלעכע פונט שפּילן ניט קיין ראָל״. אָט די אלע מעלות, און פיל אנדערע, וואָס לאָזן זיך ניט דערקלערן מיט ווערטער, ליגט אין דעם איינעם וואָרט „ספאָרט״.

„ספאָרט״ מיינט אָבער נאָך עפּעס — און דאָס אייגנטלעך איז די גרונט־באַדייטונג פונם דאָזיקן וואָרט. דאָס באַצייכנט אזא איינעם, וואָס איז פאַראינטערעסירט אין פאַרשיידענע וועט־שפּילן. אויפן דאָזיקן געביט איז אונדזער מייק געווען א „ספאָרט״ אין פולן זין פון וואָרט. ער איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין „רייסעס״ און אין קאָרטן, ניט חלילה צוליב געלט, נאָר לשם ריינעם „ספאָרט״. דאָס איז א הויכע מדרגה פון אַן אמתער ענגלישער נשמה. פונוואַנען אזא נשמה האָט זיך גענומען צו מייקן, וואָס זיין יידישער נאָמען איז גאָר מיכל, זיין זיידע איז געווען א דרדקי־מלמד און זיין טאַטע אַן אונטער־שמש אין איינעם פון די ליטווישע שטעטלעך, וואָס ענדיקט זיך מיט א „שאַק״, — דאָס בלייבט א רעטעניש! א פאַקט איז אָבער, אז מייק איז געווען א „ספאָרט״.

און מער ווי אין אלע מינים „ספאָרט״ איז מייק געווען פאַרקאָכט אין „באָקסינג״, דאָס הייסט: אין דער ענגלישער גרויסער קונסט פון שלאָגן זיך. און מיינט ניט, חס־ושלום, אז מייק אליין איז געווען א שלעגער, אזא שטייגער מענטש, וואָס קען געבן א פּאַר־אריין, ווען מען דאַרף, — אָ, דאָס ניין! אדרבא, פאַרקערט, פאַר א קלאַפּ ציטערט מייק ווי פאַר פייער און אז ער זאָל אליין הויבן א האַנט — דערפון איז דאָך גאָר קיין רייד ניט! נאָר וואָס דען? ביי יעדן ״באָקסינג־מעטש״ איז מייק געווען א מחותן, שטענדיק דער ערשטער צו קויפן די בעסטע ערטער. און ניט דאָס אליין: ער איז אויך געווען אריינגעטאָן אין דעם מיט לייב און לעבן. ער איז שטענדיק גרייט געווען צו שטעלן א פונט אויף א שילינג, אז דער אָדער יענער וועט געווינען.

מייק האָט געגנוי געוווסט די ביאָגראַפיעס פון אלע גדולים, די קולאַק־העלדן, וועלכע זיינען אין זיינע אויגן געשטאַנען געוואַלדיק הויך. ער האָט געוווסט, וויפל יעדער שלעגער וועגט, וואָס פאר א געוויכט־טשעמפּיאָן ער איז, וויפל יעדן שלעגערס קלאַפּ וועגט און ווער אנטקעגן וועמען קען זיך פאַרמעסטן. און ניט נאָר דאָ, נאָר אפילו ווען א וואַזשנער „באָקסינג־מעטש" איז פאָרגעקומען אין אמעריקע אָדער אין ענגלאַנד, איז מייק געווען אריינגעטאָן אין אים מיט אלע חושים, געוווסט די מעלות און חסרונות פון יעדן שלעגער און געוואַרט מיטן גרעסטן אומגעדולד אויפן רעזולטאַט. ער איז געווען געוואַלדיק אויפגערעגט, ווען די ספּעציעלע צייטונגען פלעגן דערשיינען מיט די ידיעות.

און דערמיט ווערט פאַרענטפערט די פראַגע, פאַרוואָס מייק האָט חתונה געהאַט — אָדער גלאַט אזוי געגאַנגען וווינען — מיט א שיקסע. דאָס האָט אויך געהאַט צו טאָן מיט „ספּאָרט". מיט אן איינפאַכער שיקסע וואָלט אפשר מייק קיין געשעפטן ניט געמאַכט, דאָס איז אָבער געווען א שיקסע פון גרויסן יחוס. זי האָט געהאַט א ברודער אין אירלאַנד מיטן שיין־קלינגענדיקן נאָמען פּאַט, א באַוווסטער שווערגעוויכט־טשעמפּיאָן. איר פאַרשטייט, וואָס דאָס מיינט? דאָס איז איינע פון די סאַמע העכסטע מדרגות אין דער וועלט פון „באָקסינג"... אָבער ער איז געווען א געפאַלע־נער שטערן. דאָס מיינט פשוט: ס'איז געקומען איינער מיט א שטאַרקערן קולאַק, האָט אים צעבראָכן די ביינער און אים געמאַכט פאר אויס טשעמפּיאָן. מייק האָט אָבער אויף דעם ניט געלייגט קיין אַכט; אין זיינע אויגן איז ער געשטאַנען הויך, פּונקט ווי ער וואָלט דעם טיטל „טשעמפּיאָן" ניט פאַרלאָרן. מיט דער שיקסע האָט ער זיך באַקענט טאַקע אויף א „באָקסינג־מעטש" און, דערהערנדיק איר גרויסן יחוס, איז ער צוגעבונדן געוואָרן צו איר מיטן גאַנצן פייער פון זיין „ספּאָרטישער" נשמה, ארומגעגאַנגען מיט איר א גע־וויסע צייט און שפּעטער גענומען א וווינונג מיט איר צוזאַמען.

אומגעהויער גרויס איז געווען מייקס שמחה, ווען זיין שיקסע האָט אים אין א שיינעם פרימאָרגן דערציילט, אז איר ברודער פּאַט קומט אהער קיין אפריקע. וואָס הייסט? ער וועט דאָך דורך דעם האָבן א געלעגנהייט זיך צו חברן מיט אלע באָקסערס און באַוווסטע „ספּאָרטס", ער וועט דאָך זיין איינער פון דער משפּחה. דאָס איז א גליק, וואָס האָט זיך אים קיינמאָל ניט געחלומט! מייק האָט גענומען מעבל אויף אויסצאָלן און אויסמעבלירט א צימער פאר דעם גרויסן גאַסט, וואָס דאַרף קומען. די שיקסע איז געווען גליקלעך און צופרידן מיט איר „דזשו־באָי" דעם „ספּאָרט".

דער טאָג, ווען פּאַט איז געקומען, איז געווען ביי מייקן אַ יום־טוב. פּאַטס פּערזענלעכקייט: די צעבראָכענע, צעדרייטע נאָז, די פּאַרהיילטע שניטן אויף זיין שטערן און דער רויער בליק אין זיינע ווילדע אויגן, וואָס וואָלט אַן אנדערן אָפּגעשטויסן און אין אים דערוועקט אַן עקל, — האָט אין מייקס אויגן אויסגעוויזן שיין, סימפּאַטיש און אָנציִענדיק. דאָס זיינען דאָך סימנים פון זיין גרויסקייט... ס׳איז ביי מייקן געווען שמחה וששון. אמת, פּאַט האָט אים באַטראַכט מיט ביטול און פאַראַכטונג, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. ער קען דאָך ניט פאַרלאַנגען, אז אזא גרויסער טשעמפּיאָן זאָל זיך ניט האַלטן מעשה יחסן.

צו מייקן אין דער וווינונג האָבן אָנגעהייבן אריינקומען מאָדנע חברה־לייט: גראָבע פּאַרשוינען, וועלכע זיינען אָפּט געווען ניט גאַנץ ניכטער און האָבן גערעדט ניט קיין שיינע רייד... ער האָט זיי אָבער ביי זיך אין הארצן קיינמאָל ניט באַשולדיקט. אזעלכע חברה־לייט קענען זיך, נישקשה, אלץ דערלויבן! זיי זיינען ניט אבי־ווער...

מייקס פאַרדינסטן זיינען ניט געווען קיין צו גרויסע און די הוצאה איז ביי אים געוואָרן גרעסער און גרעסער. אויסער דעם, וואָס זיין שיקסעס ברודער האָט אַלעמאָל געדאַרפט קליינגעלט אויף דער הוצאה, וואָס דאָס האָט אריינגעטריבן אין פונטן, האָט זיך אין שטוב שטענדיק געמוזט גע־פינען אַ פלאַש „ווהיסקי“, וואָס פלעגט גאַנץ גיך ליידיק ווערן, און דערצו עפּעס רעכטס אין מויל אריינצונעמען; ווי דען אנדערש? ווען אזעלכע חשובע געסט טיילן אים צו כבוד און קומען אריין צו אים אין שטוב...

מייקן האָט אָנגעהייבן אויספעלן די מטבע און ער איז אריין אין אַ פאַר־לעגנהייט. ער האָט גענומען לייען קליינגעלט פון גוטע ברידער, ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. די סומעס געלט זיינען געוואָרן שטענדיק גרעסער, און די גוטע ברידער — ווייניקער... ס׳איז שווער צו זאָגן, ווי לאַנג מייק וואָלט אזוי געקענט אויסהאַלטן. דערווייל האָט זיך אָבער געטראָפן אַן אומ־דערוואַרטעטער צופאַל, וואָס האָט געמאַכט אַ פּלוצלינגע ענדערונג אין זיין לעבן. און געמאַכט די ענדערונג האָט ניט קיין אנדערער ווי זיין ליבער גאַסט פּאַט, דער געוועזענער באַרימטער טשעמפּיאָן־באָקסער.

פּאַסירט האָט עס שפּעט אין אַ פינצטערער נאַכט, נאָכן ערשטן משמר, ווען פּאַט איז געקומען האַלב־שיכור אהיים און פאַרלאַנגט פון זיין שוועס־טערס „דזשו־באַי“ פינף פונט, וואָס ער מוז אומבאַדינגט גלייך האָבן. מייקן איז געוואָרן זייער אומאָנגענעם, אָבער ער האָט געמוזט אָפּזאָגן.

— ס׳טוט מיר זייער לייד — האָט ער זיך ווי געבעטן — אָבער איך האָב ניט. אפשר מאָרגן — וועט מען זען...

דער שיכורער „פּייטער" האָט פון אזא אַרגומענט ניט געוואָלט וויסן. ער האָט גענומען קלאַפּן אין טיש און אָנגעהויבן דערציילן מייקן א מעשה, בכן, אז ער, מייק, איז א „פאַרדאַמטער ייד" און ער האָט פאַרפּירט זיין אָרעמע, אומשולדיקע שוועסטער... די שוועסטער האָט געהאַלטן מיט איר טייערן ברודער און האָט צוגעבאַמקעט צו אלעם, וואָס ער האָט געזאָגט.

אונדזער „ספּאָרט" האָט געזען, אז ס׳איז ניט פריילעך, האָט ער געשווינד גענומען זיך אָנטאָן, מיטן געדאַנק צו מאַכן פּליטה, אָבער אזא חברה־מאַן ווי פּאַט לאָזט זיך ניט שפּייען אין דער קאַשע. ער האָט צענומען די ידים און אָנגעהייבן געבן קלעפּ דעם „פאַרדאַמטן" „דזשו־באַי". אָבער קלעפּ, ווי מיט שטיינער, ווי מיט דובינעס, ווי מיט שטיקער אייזן, ווי א טשעמפּיאָן־באָקסער קען געבן... מייק איז געבליבן ליגן א צעקיילטער, א צעביילטער, א צעבלוטיקטער... ערשט דאַן האָט פּאַט דער „טשעמפּיאָן" אָנגענומען מייקן פאַרן קאָלנער, ארויסגעשלעפּט אים אין דרויסן און פאַרקלאַפּט פאַר אים די טיר, דאָס הייסט: גאָר פּשוט — ארויסגעוואָרפן... פּאַט האָט יענע נאַכט פאַרשפּילט אין קאָרטן אלץ, וואָס ער האָט געהאַט און איז נאָך געבליבן שולדיק. וואָס עס האָט זיך אים געוויקלט אויף זיין ברייט איריש האַרץ, האָט ער אויסגעלאָזן צום „פאַרדאַמטן ייד" דערפאַר וואָס יענער האָט אים ניט געגעבן קיין געלט.

א לאַנגע צייט איז מייק געלעגן אויף דער גאַס אין געברענטע יסורים, ביז ער האָט זיך ווי ס׳איז צוזאַמענגענומען, זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און אַוועק ערגעץ אין א ביליק „לאָדזשינג־הויז". דאָרט איז ער אָפּגעלעגן שיינע עטלעכע וואָכן, ביז די געשוואָלענע, אונטערגעהאַקטע אויגן זיינען א ביסל דינער און בלייכער געוואָרן — און ער האָט געקענט ווידער ארויסגיין אין גאַס אָנגעשפּאַרט אויף א שטעקן, ווייל ער האָט א ביסל צוגעהינקט און נאָך אלץ געפילט א ווייטאָג אין דער לינקער זייט...

און פון יענער נאַכט אָן האָט די נשמה יתירה פון „ספּאָרט" זיך אָפּגעטאָן פון מייקן... ער איז געוואָרן אויס „ספּאָרט"!

— — — — — — — — — — —

ער טויג ניט פאַר אַפריקע

גייט א יונגערמאַן פון מיטעלער וווקס, מיט אַן עטוואָס איינגעבויגענעם רוקן, אין אַן אָפּגעטראָגענעם אויבעררײַק, מיט א טשעמאָדאַן אין דער האַנט, אויף איינער פון די זייטיקע גאַסן אין יאָהאַנעסבורג. זיינע טריט זיינען פאַמעלעכע, ניט־זיכערע, דער אויסדרוק אויף זיין פּנים איז ווייך, איידל און האַלב־שעמעוודיק. אַלע ווײַלע קוקט ער זיך אום אויף צוריק, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, צי ס'גייט אים עמעצער ניט נאָך.

ער בלייבט שטיין ביי א טויערל פון א הויז. א ווײַלע שלאָגט ער זיך מיט דער דעה: אריינגיין, אָדער ניט אריינגיין? ענדלעך עפנט ער ס'טויערל פאַמעלעך, שטיל, ווי ער זאָל זיך היטן ניט צו מאַכן א גערודער, און לאָזט זיך דורכן גאָרטנדל צו דער וועראַנדע, וווּ ער בלייבט שטיין אנטקעגן א צו־געמאַכטער טיר. ער לאָזט אראָפּ דעם טשעמאָדאַן, גיט א גאַנץ שטילן הוסט — און בלייבט שטיין. ער קוקט אויף דער טיר, ווי ער וואָלט באַטראַכט, פון וואָס פאַר אַ מאַטעריאַל זי איז געמאַכט. ער ווייס, אַז ער דאַרף אָנקלאַפּן, אָבער ער האַלט זיך צוריק. עפּעס איז אים אזא זאַך שווער צו טאָן. ער וועט צוּוואַרטן א ווײַלע, אפשר וועט געשען א נס און עמעצער וועט ארויסקומען. קיין נסים טרעפן זיך אָבער ניט און קיינער קומט ניט ארויס. ס'איז ביי אים א קלער: אפשר גיין צוריק? אָבער ניין, ער מוז „טרייען". ער נעמט זיך אַן מיט מוט און גיט א שוואַכן קלאַפּ אין דער טיר. ער פאַרשטייט, אז דער קלאַפּ איז צו לייכט און מ'קען אינווייניק ניט הערן. ער טוט זיך אַן א כּוח און גיט א צווייטן קלאַפּ. ער איז ניט זיכער, צי דער קלאַפּ איז געווען שטאַרקער ווי דער ערשטער, אָבער ער באַשליסט גלייך ביי זיך, אַז א דריטן מאָל קלאַפּן אין א פרעמדער טיר איז אוממעגלעך. ס'קאָן דאָך אויך זיין, אַז קיינער איז אין שטוב ניטאָ. ער איז צופרידן דערמיט, וואָס ער האָט דערפילט זיין חוב — ער האָט געקלאַפּט אין א טיר. אַי, מ'עפנט ניט — איז דאָך ניט זיין שולד... ער כאַפּט דעם טשעמאָדאַן און לאָזט זיך איילנדיק צוריק, ווי ווילנדיק וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן, איידער עמעצער וועט עפענען די טיר...

ער איז צוריק אויף דער ברייטער גאַס. ער אָטעמט פרייער אָפּ, ווי ער וואָלט אָפּגעטאָן די שווערסטע ארבעט. אַן אומאָנגענעם געפיל באַ־

הערשט אים, אָבער ער דערמאָנט זיך אָן די װערטער פֿון זײַן פֿעטער, אַז יעדער אײנער מוז אין אַפֿריקע „טרײַען", מאַכן אַ לעבן. זײַן לאַגע איז אַ שװערע. ער איז שױן אײניקע חדשים אין לאַנד. די פֿרײַנד האָבן אים געגעבן עטלעכע פֿונט צו שיקן אַהײם צו זײַן פֿרױ און קינדער. ער האָט אָנגעהײבן אַרומגײן אין די גאַסן, זוכן עפּעס, אַלײן ניט װיסנדיק, װאָס. דער פֿעטער זײַנער, אַ פֿאַרמעגלעכער מענטש מיט אַ גוטן כאַראַקטער, האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אים און זיך גענומען שטעלן אים אױף די פֿיס. ער האָט אײַנגעקױפֿט דאָס ביסל סחורה, גענומען אַ „לײַסענס", אױסגעשטאַט אים מיט אַ טשעמאָדאַן — און אים געהײסן גײן קלאַפּן אין די טירן, פֿאַרקױפֿן די סחורה און קױפֿן אַנדערע... אַזױ אַרום װעט ער װערן אַ סוחר, זיך אַרױפֿאַרבעטן.

און הײַנט איז דער ערשטער טאָג, װאָס ער איז אַרױס מאַכן אַ לעבן; דאָס איז די ערשטע טיר, אין װעלכער ער האָט אָנגעקלאַפּט.

ער פֿאַרשטײט איצט, אַז ער האָט ניט גוט געטאָן. ער האָט ניט געטאָרט אַװעקגײן װי לאַנג מ'האָט ניט געעפֿנט. אָבער — טראַכט ער — ער װעט זיך צוגעװױנען. איצט װעט ער זיך מער ניט שעמען. ער װײס שױן, ער װעט קלאַפּן װי עס באַדאַרף צו זײַן — מעג זײַן, װאָס ס'װיל...

ער לױפֿט האַסטיק אַדורך אָן אַנדער טױערל, קומט צו צו דער טיר אױף דער װעראַנדע און גיט אַ שטאַרקן קלאַפּ. ער האָט גלײַך חרטה, ער פֿילט װי ער װאָלט באַגאַנגען אַ שװערן פֿאַרברעך, אָבער ער האָט קײן צײַט ניט צו טראַכטן. ס'גיט זיך אָן עפֿן די טיר — און אַ פֿרױ מיט אַ בײז געזיכט שרײַט אױס:

— מיסטער, װאָס װילט איר? װי קלאַפּט מען דאָס מיט אַזאַ חוצפּה? מײַן קראַנק קינד האָט זיך דערשראָקן. אײַער גליק, װאָס מײַן „באָי" איז אין שטוב ניטאָ, ער װאָלט אײַך שױן געװיזן...

דער יונגערמאַן װערט בלאַס. ער הױבט אָן שטאַמלען און װיל זיך פֿאַרענטפֿערן... אָבער די בײזע פֿרױ גיט אים אַ פֿאַרהאַק די טיר פֿאַר דער נאָז — און ער בלײַבט שטײן װי אַ געפּלעפֿטער. ער כאַפּט דעם טשעמאָדאַן און אַנטלױפֿט װי פֿון שדים געיאָגט. ס'פֿאַלט אים אײַן: אפֿשר אינגאַנצן אױפֿהערן צו קלאַפּן אין די טירן? אָבער — נײן! דעם פֿעטערס רײד קלינגען אים אין די אױערן: „מ'מוז „טרײַען", מאַכן אַ לעבן". ער גײט װײַטער — און אַ גליק איז אים געשען: ער דערזעט אָן אָפֿענע טיר! ער װעט פֿאַרשפּאָרן קלאַפּן. ער גײט אַהין און בלײַבט שטײן בײַ דער טיר.

א קינד דערזעט אים פון אינווייניק און לויפט זאָגן דער מאמען. די מאַמע קומט ארויס, באטראַכט אים א ווײלע און זאָגט מיט א רחמנות־פּנים:

— ניין, יונגערמאַן, מ׳דאַרף גאָרנישט. קומט אריין, וועט איר טרינקען א גלאָז טיי.

ער באדאנקט, ער וויל ניט קיין טיי — און גייט ווייטער.

גייענדיק, באשולדיקט ער זיך אליין, אז ער האָט ניט גוט געטאָן. ער האָט געדאַרפט עפענען דעם טשעמאָדאַן, ווייזן די סחורה, איינריידן צו קויפן. ווי גייט מען דאָס אַוועק גלאַט אזוי?... נו, ער וועט שוין וויסן... ער בלייבט שטיין, באטראַכט די הייזער — און ווידער א גליק: א פרוי שטייט ביי אַן אָפן טויערל. און כדי צו באווייזן צוצוקומען איידער זי וועט ארייַנגיין צוריק, לויפט ער כמעט צו צו איר. די פרוי איז אזא גוטע, א פריינדלעכע ,א רעדעוודיקע. זי הויבט אים אָן אויספרעגן פונוואַנען ער איז, ווי לאַנג ער איז שוין אין אפריקע, ווי לאַנג ער גייט שוין אזוי ארום — און זי גיט אים אַן עצה, ער זאָל זיך נעמען צו עפּעס בעסערס. זי וויס, אז דאָס טויג ניט. פאַר בארעס געלט קויפט קיינער ניט, און אז ער וועט זיך שוין פאַרשאַפן עטלעכע קליענטן, וועט מען ביי אים צונעמען ס׳ביסל סחורה — און ער וועט בלייבן ביי גאָרנישט. גיין קלאַפּן אין די טירן איז גלאַט ניט קיין געשעפט פאר א יידישן יונגנמאַן... נאָר פונדעסט־וועגן, אז ער וועט קומען נאָכן ערשטן, וועט זי אים עפּעס געבן צו לייזן.

— — — — — — — — — — —

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער טרעפט מען דעם זעלבן יונגנמאַן אין א גאַנץ אנדער פּאָזע. ער זיצט, מיט א קליין קאַפּערל ביי דער זייט, אויף א האַלב־צעבראָכענעם וואָגן מיט פּרוכטן. דעם וואָגן שלעפּט אַן אלט, דאַר, הויך פערד. דער יונגערמאַן זעט אויס א ביסל מגושמדיק, אָבער דער אויסדרוק אויף זיין פּנים איז דער זעלבער. ער טרייבט־אונטער דאָס פערד מיט אַ געפיל פון רחמנות. ער וויס, אז ער און, להבדיל, די שטומע בהמה, האָבן דעם אייגענעם גורל: צו ארבעטן שווער און ביטער פאַרן שטיקל ברויט...

און יעדעס מאָל, ווען ער גיט א שמיץ זיין בעל־מפרנס, פאַלט אים איין א פילאָזאָפיש־הומאַניטאַרע פראַגע: וואָס פאַר א רעכט האָט ער צו שלאָגן און פייניקן א לעבעדיק באשעפעניש מיט אלטע, אויסגעמאַטערטע ביינער? צוליב דעם, וואָס ער דאַרף מאַכן א לעבן? און ער פּרוווט

פאַרענטפערן זיך אַלײן, אַז ער איז אין דעם ניט שולדיק. ער האָט צוערשט געפּרוּווט מאַכן אַ לעבן מיט זײַנע פיס, ארומגײענדיק מיטן טשעמאָדאַן און קלאַפּנדיק אין די טירן. ער האָט זיך אָפּגעפלאָגט אַ געװיסע צײַט און בשום־אופן ניט געקענט זיך אויסלערנען די אײדעלע מלאכה פון אַ סוחר, ווי דער פעטער האָט אים געראַטן. דער זעלבער גוטער פעטער האָט אים איצט באַזאָרגט מיט פערד־און־װעגעלע; מכבד געווען אים מיט דער פרנסה פון אַ פּרוכטן־הענדלער. „אַזױפיל ייִדן מאַכן אַ לעבן פון פּרוכטן", זאָגט ער, „וועט זײַן נאָך אײנער..."

ער ווייס, אַז דאָס איז דער לעצטער פּרוּוו. אויב ער וועט ניט טויגן צו פּרוכטן, איז אויס מיט אַפריקע! ס'איז אַ סברא, אַז דער פעטער מיט די לאַנדסלײַט וועלן זיך צוזאַמענגעמען, טאָן מיט אים אַ חסד — און אים צוריקשיקן אַהײם...

ער גיט אַ לײַכטן ציטער און כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ חלום. ער ווייס, אַז דער פּרוכטן־האַנדל איז אויך ניט פאַר אים; ס'העלפט אָבער ניט, ער מוז „טרײַען". ער זעט, אַז ער איז שוין באַלד אדורכגעפאָרן די גאַנצע גאַס — און ס'איז נאָך גאָר קײן אָנהײב ניט. ער דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף שרײַען. ער הוסט זיך גוט אויס און גיט אַגעשרײ מיט אַ מאָדנעם קוויטש און מיט אַ כריפּ:

— „אָראַנדזשעס"! „טוּוענטי פּײַוו ע באָב".

אײן מאָל, צוויי מאָל — און ס'העלפט. אַ פרוי קומט ארויס פון אַ הויז.

— מיסטער, האָט איר עפּעס גוטע „אָראַנדזשעס"?

— גוטע, טײַערע „אָראַנדזשעס", ווי דען? — און ער איז צופרידן, וואָס ער ווייס שוין, ווי אײַנצורײדן.

די פרוי קלײַבט אַ לאַנגע צײַט די פּרוכטן און גיט צו לײזן אַ שילינג. אָבער שטאַרק צופרידן איז זי ניט.

— גוטע סחורה — זאָגט זי — האָט דער „סעמי", מיט וועמען זי האַנדלט שוין פון יאָרן. גאָר אַז אַ ייִד פאָרט מיט פּרוכטן, דאַרף מען אים געבן צו לײזן...

ער פאָרט אדורך עטלעכע גאַסן. ער לײזט אַ ביסל, אָבער ס'קלעקט ניט אויף דער הוצאה. ער ווייס ניט, פאַרוואָס דאָס זאָל אַזוי זײַן. פאָרן דאָך פאָרט ארום ייִדן מיט פּרוכטן און מאַכן אַ לעבן! אפשר קען ער ניט שרײַען? אָדער ער שרײַט ניט הויך גענוג? און אפשר האָט ער ניט קײן חן בײַ די ווײַבער... ער וועט פאָרן נאָך עטלעכע טעג — און אויב ס'וועט

ניט טויגן, וועט ער ווידער שטיין אויף דער גאַס מיטן וואָגן. ער האָט דאָס שוין געטאָן, אָבער די פּאָליציי יאָגט ארום פון איין אָרט צום אנדערן און פאַראומערט דאָס לעבן. דאָך וועט ער ווידער פּרווון. אפשר וועט זיך אים דער דאָזיקער מסחר איינגעבן ווי ס׳איז, און אויב ניט — ווייס ער שוין ניט...

— — — — — — — — — — —

ביים יונגנמאַנס פּעטער אין עס־צימער איז א שטיקל שמחה. ס׳זיינען זיך צוזאמענגעקומען לאַנדסלייט און מ׳זיצט ביים טיש גאַנץ געמיטלעך. מ׳שמועסט, מ׳עסט פּרוכטן, מ׳נאַשט זיסוואַרג — און פון קיך קומט־אָן א גרויסע טאַץ מיט טיי און צובייסעכץ.

וואָס פאַר א שמחה עפּעס פּלוצלינג אין א פּראָסטן מאָנטאָג? ס׳איז ניט קיין תנאים, ניט קיין „בר־מצוה״, ניט קיין געבורטסטאָג. וואָס דען? ס׳איז א געזעגנונג־אָוונט. בכן, דער יונגערמאַן, וואָס איז געקומען מיט עטלעכע חדשים צוריק פון ליטע, איז א לא־יוצלח, ער טויג ניט פאַר אפריקע און ער פאָרט צוריק אהיים. דאָרט האָט ער געמאַכט א לעבן, וועט ער, ווי ס׳איז, ווייטער מאַכן א לעבן... מ׳רעדט, מ׳דערציילט, מ׳ווייזט ביישפּילן פון דעם, פון יענעם, וואָס איז צוריקגעפאָרן. מ׳זאָגט אים, וועמען ער זאָל אָפּגעבן גרוסן אין דער היים, און מ׳בעט אים, ער זאָל ווען־ניט־ווען שרייבן א בריוול.

דער בעל־שמחה אליין, דער לא־יוצלח, זיצט מיט א פאַרגליווערטן אויסדרוק אויף זיין פּנים. ער קוקט אויף אלעמען מיט שטאַרע בליקן. פאַרשיידענע געדאַנקען פּלאָנטערן זיך אים אין זיין קאָפּ. ער הערט ניט, וואָס מ׳רעדט צו אים, נאָר פון די אַלע רייד כאַפּט ער בלויז אויף איין פראַזע:

— ער טויג ניט פאַר אַפריקע!!!

ווען זיי זאָלן דאָס וויסן

פון דער נאַטור איז ער א לעבעדיקער, א צופרידענער, א לוסטיקער, א שמח־בחלקו, א פריילעכער קבצן, וואָס מאַכט ליצנות פון זיין אָרעמקייט און מונטערט אויף יעדן, וואָס געפינט זיך נעבן אים.

זיין אַלטער טאַטע פלעגט זיצן אין שטוב פאַרכמורעט, פאַרדאגהט, וואָס ער דאַרף זיין אויף קעסט ביים אָרעמען זון, ווען פרנסה ס׳קומט אָן אזוי שווער. זיין פרוי פלעגט אָפט ארומגיין פאַרטרויערט און פאַר־צווייפלט: די קינדערלעך בעטן זאַכן, וועלכע געפינען זיך ניט אין שטוב — און זיי שלאָפן איין וויינענדיק... אָבער גלייך ווי ער איז אריינגעקומען אין שטוב, פלעגן די שווערע וואָלקנס פון טרויער פאַרשווינדן און א ווארעמע, ליכטיקע זון פלעגט נעמען שיינען.

— וואָס איז עס פאַר אַ טרויער? וואָס פאַר א וויינען? די שיפן זיינען אייך אונטערגעגאַנגען? מיר זיינען דאָך, גאָט צו דאַנקען, געזונט! וואָס נאָך ווילט איר? ווו שטייט עס געשריבן, אז מ׳דאַרף האָבן אלע וויגאַ־דעס? ווער האָט עס אויסגעקלערט אזעלכע נאַרישקייטן? ס׳וועט זיין גוט! ס׳איז שוין גוט! פריילעך, לעבעדיק זאָל זיין!

ער פלעגט נעמען זינגען א לוסטיק לידל, א פריילעכס — און אלע אין שטוב פלעגן ווערן אָנגעשטעקט מיט זיין אָפטימיזם און פאַרגעסן אויף עטלעכע שעה זייער שווער, ביטער לעבן.

און אפילו דאַן, ווען ס׳איז פאַר אים געקומען די צייט צו פאַרלאָזן די היים און אוועקצופאָרן אין דער ווייטער אפריקע זוכן א מעגלעכקייט צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן; ווען דאָס האַרץ האָט אים שרעקלעך געקלעמט, וואָס ער מוז זיך שיידן מיט זיין ליבער פאַמיליע און מיט זיין אלטן טאַטן — ווער ווייס אויף ווי לאַנג — איז אויך די אויסערלעכע פריילעכקייט פון אים ניט פאַרשוואונדן.

— וואָס איז עס פאַר א וויינען? פרייען דאַרף מען זיך! ווו שטייט עס געשריבן, אז מען דאַרף שטענדיק זיצן אינדערהיים און זיין א קבצן אין זיבן פאַלעס? מ׳וועט, פאַרשטייט איר מיך, א פאָר טאָן אהין, ווו די זון שיינט שטענדיק און גאָלד איז דאָ א סך... ס׳וועט איבערלויפן א שטיקל צייט — און איך וועל שיקן נאָך אייך. איר וועט אָקאָרשט זען, וואָס פאַר

אַ פּאַלאַץ איך וועל דאָרט פאַר אייך צוגרייטן! אין סאַמעט און אין זייד וועט איר ביי מיר גיין, אין אויטאָמאָבילן וועט איר ביי מיר ארומפאָרן! וואָס הייסט? פאַרוואָס ניט? ס׳פּאַסט אייך אפשר ניט, וואָס? און אין דער צייט, וואָס איר וועט דאָ דאַרפן וואַרטן, וועט איר אויך לעבן ווי גאָט אין אָדעס. איר וועט קריגן אָנווייזונגען. אייער גאַנצע אַרבעט וועט זיין, צו גיין אין באַנק, וווּ מ׳וועט מיט גרויס כבוד אייך אָפּצאָלן די ממתקים.

אָט אין אַזאַ נוסח פלעגט ער טרייסטן זיין פאַמיליע און זי ניט לאָזן דאגהן.

און ווען מ׳האָט זיך דערוווסט אין שטעטל, אז אין אפריקע גייט ווערן א „קוואָטע" און יידן פון פוילן און ליטע וועט מען מער ניט אריינלאָזן, ווי פריער, אין דער גאָלדענער מדינה, האָט ער גענומען ארבעטן אויף אלע כלים, — כדי צו קענען אָנקומען אהין איידער די גזירה הויבט זיך אָן. דאָס שטיבל, דאָס קרעמל און אלץ, וואָס מ׳האָט געקענט מאַכן צו געלט, איז פאַרקויפט געוואָרן — און ער האָט באַוויזן ניט צו פאַרשפּעטיקן דאָס לעצטע שיף, וואָס האָט אריבערגעפירט דעם לעצטן טראַנספּאָרט פון גיהנום אין גן־עדן אריין...

אין שטעטל האָט מען אים שטאַרק מקנא געווען. ניט אלע האָבן גע־האָט אזא מזל. אנדערע האָבן זיך משתדל געווען, כסדר געווען פאַרטאָן מיטן דאָזיקן ענין — און לסוף פארשפּעטיקט. זיין אלטער טאַטע מיט דער פאַמיליע זיינען אויך געווען צופרידן מיט דער גרויסער ישועה, כאָטש אין האַרצן האָט זיי געפּרעסט און געקלעמט, וואָס זיי דאַרפן זיך שיידן מיטן געטרייען זון, מאַן און פאָטער.

קומענדיק אין דעם גליקלעכן לאנד, פול מיט מוט און ענערגיע, האָט ער די ערשטע זאַך אוועקגעשיקט אַן אָנווייזונג אהיים, א טייל פון זיין איבערגעבליבן געלט, און האָט זיי געשריבן א פריילעכן בריוו וועגן דער גליקלעכער רייזע און ווי ער איז בשלום אָנגעקומען אויפן אָרט. איצט וועט ער צעפירן די הענט און זען מקיים זיין, וואָס ער האָט זיי צוגעזאָגט. נאָר איין זאַך: ניט געדאגהט! פריילעך זאָל מען זיין — און ס׳וועט זיין חי — געלעבט!...

ס׳האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט און ער האָט אָנגעהויבן איינזען, אז אויך אויף דער ליכטיקער זון געפינען זיך פלעקן... ער האָט גענומען פּרוּוון פאַרשיידענע זאַכן, איינפאַכע זאַכן, פון וועלכע ס׳האָט זיך אים אין דער היים קיינמאָל ניט געחלומט, און האָט קוים־קוים געקענט באַווייזן יעדן חודש צו שיקן דער פאַמיליע אַן אָנווייזונג; אליין איז ער אדורכגע־

קומען אבי־ווי, כדי דאָרט זאָל זיי ניט פעלן. וועגן א תכלית האָט ער דער־וויַיל שוין ניט געטראַכט. ס׳איז געווען א פראַגע פון עקסיסטענץ — ער דאָ און זיי דאָרט. און ווען ס׳פלעגט קומען די צייט פון שיקן אַן אָנווייזונג אהיים, איז אים אויסגעקומען אָפט צו גיין צו גוטע פריינד, צו לאַנדסלייט, און בעטן א הלוואה אויף עטלעכע וואָכן, אָבער דאָס געלט פלעגט ער שיקן אהיים צוזאמען מיט א בריוו פול פרייד און האָפענונג.

זיין מוט און ענערגיע האָבן מיט דער צייט אָנגעהייבן ביסלעכוויַיז שוואַכער צו ווערן און אין זיין האַרץ האָבן זיך אָנגעהייבן אריינגנבענען געפילן פון חרטה: צי האָט זיך געלוינט דער גאַנצער עסק? צי האָט זיך געלוינט צו מאַכן א תל פון אלעם אין דער היים, ווו ער האָט פאַרט געמאַכט א לעבן, כאָטש אַן אָרעם לעבן? בעסער וואָלט ער געווען צוזאמען מיט דער פאַמיליע, געקענט דערציען די קינדער און לעבן אין זיין היימישער סביבה. צו וואָס האָט עס אים געטויגט צו פאָרן אין דאָזיקן וויַיטן לאַנד אריין, ווו ער איז אזוי שרעקלעך אנטוישט געוואָרן?...

דאָך האָט זיין שטאַרקער אָפּטימיזם אים געהאָלפן אזעלכע רעיונות צו פאַרטרייבן פון זיך. נישקשה, אפריקע איז נאָך ניט אונטערגעגאנגען; ס׳וועט קומען א צייט, ווען ס׳וועט בעסער ווערן. ער וועט זיך נאָך דער־שלאָגן צו עפּעס, ער וועט זיך ארויפּארבעטן... אמת, ער זעט דערוויַיל ניט, ווי אזוי, אָבער ניט געדאגהט! ס׳זיינען נאָך דאָ זאַכן, וואָס ער האָט ניט „געטרייעט", און ער וועט כסדר „טרייען", ביז ער וועט קומען צו דער ריכטיקער זאַך.

און ער האָט גענומען „טרייען". איבערגעגאַנגען פון איין פרנסה צו דער אנדערער, און ביי יעדן איבערבייט, ביי יעדער נייער פרנסה, זיינען די שאַנסן געוואָרן אלץ קלענער און קלענער... די הלוואות פון די לאַנדס־לייט האָבן זיך גענומען אויסשעפּן. דאָ גענומען, דאָ אָפּגעגעבן, און דאָ וויַיטער גענומען... ביז יענע האָבן פארשטאַנען די קונץ און ביסלעכוויַיז אָנגעהויבן אים אָפּזאָגן: „די צייט איז שלעכט", טענהן די לאַנדסלייט, „מיר וואָלטן אוודאי געוואָלט אייך טאָן א טובה, אָבער מיר קענען ניט. מיר זיינען אליין הינטערשטעליק". פונדעסטוועגן האָט ער ווי ס׳איז באוויזן צו שיקן די אָנווייזונגען אהיים מיט בריוו פול מיט האָפענונג, ווי זיין שטייגער איז געווען.

און אזוי איז געגאַנגען די צייט, ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן דער יום־טוב פסח. מ׳דאַרף שיקן אהיים עקסטרע געלט אויף פסח. יום־טוב דאַרף מען מאַכן, וויַיב און קינדער דאַרפן זיך א ביסל צוקליידן,

דער אַלטער טאַטע דאַרף נויטיק האָבן א פּאָר שטיוול — און דאָ איז ער אליין אויף גרויסע צרות. פון אלע פּרנסות האָט זיך אויסגעלאָזן א טייך, און די גרויסע פראַגע: „וואָס טוט מען?" הויבט אָן לעכערן זיין מוח. ס'איז פאָרגעקומען אין אים א קאמף צווישן פעסימיזם און אָפּטימיזם. זיך פארלירן? אויפגעבן אלע האָפענונגען? ניין, ניט ער! כאָטש זיין שטענדיקע פראַזע: „פריילעך זאָל זיין!" האָט עפּעס משונה־ווילד געגומען קלינגען אין זיינע אויערן... ס'איז גאָרנישט, ס'איז ניט אזוי געפערלעך; ער איז ניט איינער, ס'זיינען דאָ א סך, וואָס האָבן אדורכגעמאַכט שווערע גילגולים, ביז זיי האָבן זיך ארויפגעארבעט. אַי, ווי אזוי? ווייס ער דערווייל ניט, אָבער ס'וועט קומען די צייט. ער איז דאָך שוין ניט קיין „גרינער"!

אָבער וואָס טוט מען פּאָרט? מ'מוז דאָך שיקן אהיים אויף פּסח.

ער האָט גענומען גיין פון איין לאַנדסמאַן צום צווייטן מיט דער האָפענונג, אז זיי וועלן אים אָנבאָטן א נייע הלוואה, וויסנדיק ווי ער נייטיקט זיך איצט אין דעם. אָבער אָנשטאָט א הלוואה האָבן זיי אים געגעבן אָן עצה. העלפן וועלן זיי אים, נאָר אויף אַן אנדערן אופן: זיי וועלן מיט אים גיין צו „חברה־קדישא" און אויספועלן, מ'זאָל אים געבן שטיצע...

זיין שטענדיקער אָפּטימיזם האָט פּלוצלינג געקראָגן א טויט־קלאַפּ. נעמען קצבה, „מעות־חיטים"... זיך אָפּגעריסן פון זיין היים, פון זיין פאַמיליע, כדי אין דעם גליקלעכן לאַנד, אין אמעריקע, צו נעמען צדקה... דאָס איז א זאַך, וואָס ער האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט... ער האָט ניט געענטפערט, ס'האָט אים פארקלעמט דאָס האַרץ — און ער איז אוועק א דערשלאָגענער...

ס'זיינען פאַרביי עטלעכע טעג ביז ער האָט זיך געקענט צוגעוווינען צו דעם שרעקלעכן געדאַנק.

די גוטע לאַנדסלייט האָבן, קענטיק, פארשטאַנען, וואָס אין זיין האַרץ קומט פאָר, און זיי האָבן זיך באַמיט אים איינצורײדן און בארואיקן:

— וואָס זייט איר אזוי צעטראָגן? ס'איז גאָרנישט. ס'זיינען דאָ גרויסע ביזנעס־לייט אין יאָהאַנעסבורג, וואָס האָבן די ערשטע צייט אויך געמוזט אָנקומען צו „חברה־קדישא". גאָט וועט אייך העלפן, איר וועט זיך ארויפארבעטן, וועט איר צוריקצאָלן...

ניט זעענדיק קיין אנדערן אויסוועג, ווי צו באַזאָרגן די פאַמיליע אין דער היים מיט געלט אויף יום־טוב, האָט ער געמוזט אדורכגיין די פיינלעכע דערפאַרונג און האָט אָן איבעריקע שוועריקייטן באקומען עטלעכע פונט.

מיט א פאַרביטערט האַרץ האָט ער אײנגעפּאַקט די אָנװײזונג אין קאָנ־װערט און דערצו געשריבן א בריװל פול מיט טרײסט און האָפענונג, װינטשנדיק דער פאַמיליע א פרײלעכן יום־טוב און „אז איבער א יאָר פּסח, אי״ה, זאָלן מיר אלע זײן צוזאמען...״

ארױסגײענדיק פון „פּאָסט־אָפיס״, מיט דער קװיטונג פון רעגיסטרירטן בריװ אין דער האַנט, זײנען אלע געדאנקען װעגן זײן פאַרגאַנגענהײט און צוקונפט אויף א װײלע פארשװונדן פון זײן מוח, נאָר אײן געדאַנק האָט אים באַצװוּנגען און געפּײניקט אָן אויפהער:

— װען זײ זאָלן דאָס װיסן...

— װען זײ זאָלן דאָס װיסן...

דריי ווערטער

די אייראָפּעאישע פּאָסט האָט אים געבראַכט א בריוו פון דריי ווערטער. די דריי ווערטער האָבן געבראָכן זיין מוט, געמאַכט א ווונד אין זיין הארצן און פאַרביטערט זיין גוט לעבן...

ווען ער האָט געקוקט אויף די דריי ווערטער אין בריוו, האָט ער דערזען פאַר זיינע אויגן א בילד פון אַ שלאַנק, יונג מיידל, מיט פיינע געזיכט־שטריכן און קלוגע אויגן. דאָס מיידל, וואָס איז אים אמאָל געווען ליב און טייער ווי זיין לעבן.

צוזאַמען מיט דעם בילד קומט אים אויך אויפן זכרון די סצענע פון זיין שיידן זיך מיט דער היים, פון זיין געזעגענען זיך מיט זיין אלטן טאַטן, מיט זיין האלב־בלינדער מאַמען און מיט זיינע צוויי עלטערע שוועסטערן.

אין נויט און דחקות לעבן זיי דאָרט. די מיידלעך, וועמען די נאַטור האָט ניט באַשאָנקען מיט דער טייערער מתנה פון פיזישער שיינקייט, עלטערן זיך — און ס'איז ניטאָ קיין אויסזיכט אויף א צוקונפט... מיט זיין פאָרן קיין אַפריקע האָט א שטראַל פון האָפענונג אריינגעשיינט אין זייערע הערצער. דער גוטער זון און ברודער וועט זיי ניט פארלאָזן. זיי קענען זיין גוט האַרץ און זיין איבערגעגעבנקייט און זיי באַטראַכטן עס ווי א פון גאָט געשיקטע הילף, וואָס ער האָט באַשלאָסן אוועקצולאָזן זיך אין דער ווייטער וועלט, מיטן צוועק צו פארבעסערן זייער לאַגע.

זיי זיינען אָבער ניט די איינציקע ביי דער סצענע פון זיין שיידונג. עס געזעגנט זיך מיט אים אויך דאָס ליבע מיידל, צו וועמען זיין האַרץ געהערט. אַן עלנטע יתומה, וואָס האָט זיך דערצויגן ביי א ברודער אין דעם זעלבן שטעטל. מיט אומרואיקע, דערשראָקענע בליקן קוקט זי אים טיף אין די אויגן. ער פארשטייט די באַדייטונג פון די בליקן און ער גיט זיין ענטפער. ער גיט איר זיין הייליקן צוזאָג, אז ער וועט זי קיינמאָל ניט פארגעסן, ער וועט זי ניט פארבייטן. זי שטיקט אין זיך די טרערן, אָבער זי גלויבט אים און באַרואיקט זיך.

דורך זיינע געדאַנקען לויפן פארביי די ווייטערדיקע פּאַסירונגען פון זיין לעבן נאָכדעם ווי ער האָט פארלאָזן די היים.

ער איז געקומען קײן אַפריקע און האָט ניט װײניק געליטן ביז ער האָט זיך דערשלאָגן צו עפּעס. ער האָט באַקומען אַ שטעלע אין אַ גרױס געשעפט און מיט זײן געהאַלט האָט ער אױסגעהאַלטן זײן אָרעמע פאַמיליע אין דער הײם. מיט זײן ערלעכקײט, פעאיקײט און פּינקטלעכקײט, דערצו נאָך מיט זײן שײנעם װוּקס, מיט זײן סימפּאַטיש געשטאַלט, האָט ער שטאַרק נושא־חן געװען בײ זײן באַלעבאָס — אַ רײַכער ייִד פון די אַלטע אַפריקאַנער, און נאָך פיל מער — בײ זײן טאָכטער — אַ יונג מײדל, װאָס פלעגט אָפט קומען אין געשעפט ארײן. אױף דער טאָכטערס פאַרלאַנג האָט דער באַלעבאָס אים אײנגעלאַדן אין זײן רײַך הױז, אים פאַרגעשטעלט פאַר זײן פרױ — און ער איז זײער פרײַנדלעך אױפגענומען געװאָרן. בײם אַװעקגײן האָט מען אים געבעטן קומען אָפט. ער האָט די אײנלאַדונג אָנגענומען, און יעדעס מאָל איז ער אױפגענומען געװאָרן װי אַן אײגענער. די צו שטאַרקע פרײַנדלעכקײט מיט די בליקן פון דעם מײדל, װעלכע פלעגט מיט אים פאַרברענגען די גאַנצע צײַט פון זײנע באַזוכן, זײנען אים פאַרגעקומען פאַרדעכטיק... ס׳האָט לאַנג ניט געדױערט, ביז ער האָט זיך איבערצײגט, אַז זײן חשד איז ניט קײן אומזיסטער...

אײן פאַרנאַכט, נאָכן שליסן ס׳געשעפט, האָט אים דער באַלעבאָס ארײנגעבעטן אין זײן פּריװאַטן „אָפיס" און אים פאַרטרױט דעם גרױסן סוד, אַז ס׳שטײט אים פאַר אַן אױסערגעװײנטלעך גליק: זײן טאָכטער האָט זיך פאַרליבט אין אים... און, ניט קוקנדיק אױף די אַנדערע אױסזיכטן, װאָס ער און זײן פרױ האָבן געהאַט, און די גלענצנדיקע שידוכים, װאָס מ׳שלאָגט זײ פאָר, װילן זײ ניט שטערן זײער אײנציקער טאָכטערס גליק און זײ זײנען מסכים מיט איר אױסװאַל. זײ װעלן זײן צופרידן צו האָבן אים פאַר אַן אײדעם — און ער װעט װערן אַ שותף צום געשעפט...

ער האָט דעם גליקלעכן פאָרשלאָג גלײך אָפּגעװאָרפן מיטן ענטפער, אַז ער האָט אַ כלה אין דער הײם... יענער האָט אָבער דעם ענטפער ניט אָנגענומען:

— אַ כלה אין דער הײם... נו, איז װאָס? אזױ לאַנג װי מ׳האָט ניט חתונה, איז מען פרײ... מ׳װעט אַװעקשיקן דעם מײדל דאָרט עטלעכע הונדערט פונט, ס׳װעט זײן אַ פײַנער נדן, זי װעט באַקומען אַ ליטװישן חתן, — װעט זי דאָרט אױך גליקלעך זײן... אױך זײן אײגענער פאַמיליע אין דער הײם װעט ער קענען העלפן אױפן בעסטן אופן. ער דאַרף נאָר זאָגן, װיפל געלט ער פאָדערט — און ער װעט גלײך באַקומען...

דער פּראַקטישער גביר האָט אים אויך געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט זיינע געפילן. ער פאַרלאַנגט ניט גלייך קיין ענטפער. ער גיט אים צייט, ער זאָל זיך עס גוט באַרעכענען. ער טאָר אָבער ניט פאַרגעסן, אַז זיין טאָכטער איז אַ פיין מיידל, יונג און געבילדעט, אַז ס'שטייט אים פאָר דאָס גרעסטע גליק אין לעבן צו האָבן אַזאַ פרוי... דאָס איז אַ גליק פאַר אים און אויך פאַר זיין פאַמיליע אין דער היים, ער טאָר זיך פון דעם ניט אָפּזאָגן...

אַ שרעקלעכער שטורעם האָט זיך דאַן צעבושעוועט אין זיין האַרצן. דאָס שיינע, רייכע ענגלישע מיידל — און די עלנדע, אָרעמע יתומה אין זיין שטעטל, וועמען ער האָט געגעבן זיין וואָרט, האָבן זיך פאַר אים געשטעלט ווי שטאַרקע קאָנקורענטינס. ער ווייס, אַז ער טאָר אַזעלכע געדאַנקען ניט צולאָזן, זיין האַרץ געהערט צו יענער; דאָס רייכע מיידל קען דאָרט קיין אָרט ניט געפינען, אָבער... זיינע עלטערן און זיינע עלטערע שוועסטערן... ער קען זיי פאַרזאָרגן, ער קען דערפרייען זיין מאַמעס פאַרביטערט האַרץ... זיין מאַמע, וועלכע וויינט אויס אירע קראַנקע אויגן אויף דעם גורל פון אירע טעכטער, וועלכע קענען פאַרזעסן ווערן... ער געדענקט צייטן אין דער היים, ווען מען האָט גערעדט די מיידלעך שידוכים און ס'האָט זיך דערפון גאָרנישט אויסגעלאָזן, ווייל ס'איז ניט געווען קיין נדן... אַ געפיל פון העכסטן מיטלייד דערוועקט זיך אין זיין האַרץ צו זיינע אומגליקלעכע עלטערן און עלטערע שוועסטערן. ער האָט איצט די מעגלעכקייט זיי צו העלפן, — ווי קען ער זיך אָפּזאָגן? ווי טאָר ער זיך אָפּזאָגן?...

זיינע געפילן האָבן אָנגעהויבן פירן צווישן זיך אַ שווערן קאַמף. ער האָט ניט געקענט קומען צו קיין באַשלוס.

ווען ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַזעלכע צעמישטע געדאַנקען, האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון דער היים, אַז זיין מאַמע איז שטאַרק קראַנק געוואָרן אויף די אויגן. מ'מוז איר מאַכן אַן אָפּעראַציע, אַניט דראָט איר בלינד צו ווערן... אַזאַ אָפּעראַציע קען נאָר מאַכן אַ באַוווסטער ספּעציאַליסט אין ווין, און דאָס דאַרף קאָסטן אַ פאַרמעגן. זיי קענען גאָרנישט קלערן וועגן דעם.

אָט דער בריוו האָט אים אינגאַנצן צערודערט. אין זיינע אויגן האָבן זיך געשטעלט טרערן. זיין ליבע, טייערע מאַמע זאָל בלינד ווערן צוליב דעם, וואָס ס'פעלט געלט, אין דער צייט ווען ער קען זי ראַטעווען... ער פילט, ווי ער קען זיך איצט מקריב זיין... אַלץ אין דער וועלט דאַרף ער טאָן, כדי צו פאַרהיטן זיין מאַמע פון אייביקער בלינדקייט...

אָבער דאָס מײדל אין דער הײם! װי קען ער צוריקנעמען זײן װאָרט? װי קען ער ברעכן איר האַרץ?...

און פּונקט װי דער גורל אַלײן זאָל זיך אַרײנמישן און העלפן אים קומען צו אַ באַשלוס, האָט ער דערהאַלטן אַ בריװ, אַז ס׳מאַכט זיך אַ שידוך פאַר זײן עלטערער שװעסטער מיט אַן אָרנטלעכן בחור, װען מ׳זאָל אים נאָר קענען געבן עטלעכע הונדערט דאָלאַר צו שאַפן זיך אַן עקזיסטענץ...

אָט די צװײ װיכטיקע ידיעות האָבן אָנגעהײבן אונטערדריקן אין אים דאָס געפיל פון ליבע און מיטלײד צו יענעם אָרעמען מײדל. די װערטער פון זײן באַלעבאָס האָבן גענומען װירקן... ער װעט שיקן יענעם מײדל געלט... װעט זי װעלן, װעט ער זי אַריבערנעמען אַהער און װעט איר דאָ העלפן געפינען איר גליק...

ער האָט באַשלאָסן. ער האָט געגעבן דעם באַלעבאָס זײן ענטפער אויף יאָ. ער איז געװאָרן דעם רײכן מײדלס חתן און גלײך געשיקט טע־לעגראַפיש געלט אַהײם, די מאַמע זאָל פאָרן קײן װין צום אויגן־ספּעציאַליסט.

אין דעם טאָג פון זײן חתונה מיט דער רײכער כלה, צו װעלכער ער האָט מיט דער צײט געקראָגן אַ שטאַרקע נײגונג, האָט ער אַװעקגעשיקט אַ פײנעם נדן פאַר זײן עלטערער שװעסטער.

אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזן װי געװונטשן. ער האָט דערהאַלטן פון דער הײם אַ בריװ, אַז די אָפּעראַציע איז געלונגען און דער מאַמען דראָט שױן ניט בלינד צו װערן. דער שידוך מיט זײן עלטערער שװעסטער איז מיט מזל אַדורכגעפירט געװאָרן און אַלץ גײט אויפן בעסטן אופן.

צו יענעם מײדל אין דער הײם האָט ער אַװעקגעשריבן אַ לאַנגן בריװ, דערקלערנדיק די גאַנצע לאַגע און די אומשטענדן, װעלכע האָבן אים גע־צװוּנגען צו ברעכן זײן װאָרט. ער האָט זי אָבער דורכאויס ניט פאַרגעסן, נײן, ער איז גרײט איר צו העלפן, זאָל זי אים נאָר געבן צו װיסן, װי אַזױ.

אַװעקשיקנדיק דעם בריװ, האָט ער זיך באמת אײנגאַנצן צו באַרויִקן און דאָס איז אים אויך געלונגען. ער האָט זיך גיך צוגעװױנט צו זײן רײך, גוט לעבן און ער האָט גענומען טראַכטן פון אַריבערנעמען אײנגאַנצן זײן פאַמיליע. ער איז געװען זיכער, אַז זײן אַמאָליקע געליבטע איז קלוג גענוג, צו פאַרשטײן די גאַנצע זאַך, און זי װעט זײן צופרידן דערמיט, װאָס ער װיל איר העלפן...

אָבער פּלוצלינג איז זײן רו צעשטערט געװאָרן, זײן מוט און זײן פרײלעכע שטימונג איז געבראָכן געװאָרן. דערצו האָט גורם געװען אַ בריװ,

וואָס ער האָט דערהאַלטן פון איר. דאָס איז געווען אַן ענטפער אויף זיין אָנגעבאָטענע הילף. דער בריוו האָט אנטהאלטן דריי ווערטער:

„ליגנער! שווינדלער! באַטריגער!...“

זינט ער האָט דערהאַלטן דעם בריוו גייט ער ארום ווי א צעטומלטער. ער פילט, אז ער האָט געטאָן זיין פליכט צו זיינע עלטערן, אז ער האָט געמוזט אזוי טאָן און ער האָט ניט קיין חרטה. אָבער די דריי ווערטער פארפאָלגן אים אויף יעדן שריט און טריט, ער קען זיי פון זיינע געדאַנקען ניט פאַריאָגן...

אין דער טיפעניש פון זיין האַרצן פייניקט און פּלאָגט אים א שמערצ־לעך געפיל. זיין פיינע, אינטעליגענטע פרוי מיט זיין רייך לעבן קענען ניט פאַרטרייבן דאָס געפיל, וואָס ברענגט פאר זיינע אויגן דעם אָנבליק פון יענעם מיידל, וועמענס האַרץ ער האָט צעבראָכן...

די דריי ווערטער פון דעם בריוו נעמען נקמה און שטעכן אים ווי דריי שאַרפע שפּיזן...

— — — — — — — — — — —

ניט באַשערט קיין נחת

ביי דער פֿאַמיליע עקס, אין דעם גרויסן, פיינעם הויז אין פּאַרקטאַון, איז אַ באַוועגונג און אַ דערוואַרטונג. ס׳דאַרף אָנקומען פון ענגלאַנד זייער זון ארנאָלד, וועלכער האָט דאָרט שטודירט מעדיצין און איז ניט געוועזן אין דער היים זיבן יאָר צייט. קומען קומט דער דאָקטאָר ניט אליין; ער קומט מיט זיין יונגער פרוי, מיט וועלכער ער האָט ערשט ניט לאַנג חתונה געהאַט אין לאָנדאָן.

מר. עקס איז איינער פון די יאָהאַנעסבורגער אויפגעקומענע גבירים. געקומען קיין אפריקע איז ער מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק, זיך גע־שטעלט אויפן ערשטן שטאָפּל פון דעם לייטער און געשטיגן אַלץ העכער און העכער ביזן שפּיץ. פון אַ „טרייער" מיט אַלטע קליידער זיך ארויפ־געאַרבעט אויף אַ „שאָפּ", איינע און נאָך איינע. אָנגעהייבן קויפן „פּראָ־פּערטיס", צוערשט קליינע, דערנאָך גרעסערע און שפּעטער גאָר גרויסע. דער ווערט פון די „פּראָפּערטיס" מיט די פּלעצער, וואָס מ׳האָט אין יענע יאָרן געקענט קויפן פאַר שפּאָט ביליק, איז מיטן צעוואַקסן זיך פון דער שטאָט פילפאַך געשטיגן. אַלע „פּראָפּערטיס" האָבן זיך אָפּגעצאָלט און זיי ברענגען אריין שיינע עטלעכע הונדערט פונט אַ חודש. דערצו האָט ער די לעצטע עטלעכע יאָר געמאַכט אויפן „סטאָק עקסטשענדזש" אַ גרויס פאַר־מעגן, וואָס ווערט געשאַצט אין די צענדליקער טויזנטער פונטן. ווי אויף אַ לייטער איז מר. עקס אויך געשטיגן העכער און העכער מיט זיינע וווינונ־גען אין די געגנטן פון יאָהאַנעסבורג, פון פערייראַ ביז דאָרנפאָנטיין, ביז בערעאַ און פּאַרקטאַון. אין פאַרלויף פון יאָרן, מיט זיין כסדרדיקן שטייגן, האָט ער זיך דערוואָרבן אַ נאָמען פאַר אַ קלוגן, פּראַקטישן געשעפטסמאַן און פאַר אַ טיכטיקן כלל־טוער. מ׳רעכנט זיך מיט זיין דעה אומעטום. ער איז איינער פון די פּראָמינענטע באַלעבאַטים פון שטאָט.

מר. עקס האָט אַ פרוי מיט צוויי קינדער: אַ זון, ארנאָלד, און אַ טאָכ־טער, נינאָ. מר. עקס האָט דעם זון געוואָלט מאַכן פאַר אַ געשעפטסמאַן מיט גרויסע פינאַנציעלע אויסזיכטן. האָט אָבער די מאַמע געוואָלט דורכ־אויס האָבן אַ זון אַ דאָקטאָר. איר טענה איז געווען, אַז ווען גאָט האָט

געהאָלפן און אין געלט איז קיין מניעה ניטאָ, פאַרוואָס זאָל מען ניט האָבן דעם נחת און פאַרגעניגן צו האָבן א זון א דאָקטאָר? אז ער וועט ניט מאַכן קיין קאַפּיטאַל פון דאָקטאָריע — אַרט עס איר אויך ניט, וואָרום פאַר וועמען וועט בלייבן, איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, דאָס גאַנצע פאַר־מעגן: „פּראָפּערטיס״, געלט, צירונג, מעבל — אויב ניט פאַר די צוויי קינדער? אירע אַרגומענטן האָבן געהאַט א ווירקונג אויף איר מאַן און ער האָט ענדלעך אויך איינגעזען, אז צו זיין עשירות און כבוד פאַסט זיך טאַקע צו האָבן א זון מיטן טיטל דאָקטאָר, — און ער האָט געשיקט אַרנאָלדן קיין ענגלאַנד שטודירן.

אַרנאָלד איז געווען א בחור מיט מיטלמעסיקע פעאיקייטן. ער האָט אדורכגעמאַכט זיין שטודיע מיט א פּאָר יאָר שפּעטער ווי געוויינטלעך. ער האָט זיך ניט צופיל אָנגעשטרענגט און האָט ניט געהאַט צו וואָס זיך צו איילן. זיין טאַטע האָט אים באַזאָרגט מיט געלט אויפן גבירישן שטייגער. אַרנאָלד איז געווען א שיינער יונגערמאַן מיט אַן אַריסטאָקראַטישן אויסזען. די עלטערן האָבן זיך געשפּיגלט אין זייער שיינעם זון. זיי האָבן געוווּסט, ווי הויך ער שטייט קעגן זיי אין בילדונג און וועלטלעכקייט. זיי זיינען געווען שטאָלץ מיט אים און האָבן פאַר אים באַקומען דרך־ארץ.

אַרנאָלד איז געווען ווייט פון יידישקייט. די יידישע דערציונג, וואָס ער האָט באַקומען ייִנגלווייז, איז געווען אויפן שפּיץ מעסער. יידישע למודים האָבן אים ניט אינטערעסירט. מיטן מפטיר צו ״בר־מצוה״, וואָס דאָס אויסלערנען אים האָט געדויערט ניין חדשים, האָט זיך זיין יידישע בילדונג געענדיקט. דער טאַטע האָט אויך ניט איינגעזען די נייטיקייט צו פאַרדרייען זיין בן־יחיד דעם קאָפּ מיט יידישע למודים, וועלכע אינטע־רעסירן אים ניט און ער האָט דערצו קיין חשק ניט. אין עטלעכע יאָר אַרום איז אַרנאָלד אינגאַנצן פאַרפרעמדט געוואָרן און געווען ווייט פון יידישע רעליגיעזע, טראַדיציאָנעלע און נאַציאָנאַלע אָנשויאונגען.

אין לאָנדאָן האָט אַרנאָלד געוווינט אין א פיינער געגנט, אין אַן אָנ־שטענדיק, פּריוואַט קריסטלעך הויז, ווייט פון א יידישער סביבה. אין הויז האָט זיך געפונען א שיין מיידל, ביטריס, די איינציקע טאָכטער פון באַלע־באָס, וועלכער איז געווען א ציווילער רעגירונגס־באַאַמטער. אַרנאָלד האָט זיך מיט ביטריסן באַפריינדט. ער פלעגט זי אָפט נעמען אין טעאַטער אריין, איר געבראַכט שיינע מתנות. מיט דער צייט האָט זיך די פריינד־שאַפט אַנטוויקלט אין א פייערדיקער ליבע. דער אונטערשייד פון רעליגיע און ראַסע איז פאַר אַרנאָלדן ניט געווען קיין סיבה אָפּצולעשן דעם פלאַם

פון זיין ליבע. איין קליינינקייט איז געווען, וואָס האָט אים פאַרשאַפט א ביסל אומאַנגענעמלעכקייט, אָבער אויך דאָס איז לייכט באַזייטיקט געוואָרן. ביט־ריס האָט אויף איר ברוסט געטראָגן א קליין, גאָלדן צלמל אויף א דין, גאָלדן קייטעלע. ווי פריי אַרנאָלד איז געווען, האָט ער דאָס צלמל ניט געקענט פאַרטראָגן. אָבער ווען ער האָט מיט איר גערעדט וועגן דעם, האָט זי אים פאַרזיכערט, אז דאָס האָט ניט קיין רעליגיעזע באַדייטונג. זי האָט דאָס באַקומען א מתנה פון א קירך־קאָמיטעט פאַר העלפן גרינדן א זונטאָג־שול. דאָס איז ניט מער ווי א „טשאַרם", וואָס איז איר טייער, אָבער אויב דאָס איז אים דערווידער, וועט זי עס מער ניט טראָגן. דער פאַרליבטער אַרנאָלד איז געווען צופרידן מיט איר דערקלערונג און פאַר־זיכערונג — און האָט מער וועגן דעם ניט געטראַכט.

אַרנאָלד איז ניט געווען קיין אומגעטרייער זון. ער האָט געוווּסט, אז זיינע עלטערן, וועלכע זיינען ניט אזוי פריי פון רעליגיעזע פאָראורטיילן, ווי ער, וועלן האָבן צער און פאַרדרוס פון זיין פאַרבינדן דאָס לעבן מיט א ניט־יידישער פרוי. ער האָט דאָס דערקלערט זיין געליבטער און אָן אי־בעריקע שוועריקייטן האָט ער אין א קורצער צייט ביי איר געפּועלט, זי זאָל אדורכמאַכן די קליינע צערעמאָניע פון מגייר זיין זיך.

ביטריס עלטערן, וואָס זיינען געווען פריי אין רעליגיעזן זין, זיינען ניט געווען קעגן, איבערהויפּט ווען ס'האַנדלט זיך וועגן דעם גליק פון זייער קינד. זיי האָבן אויך געפילט א סימפּאַטישע נייגונג צו דעם דרום־אַפריקא־נער יונגנמאַן, וועלכער איז פון א רייכער אָפּשטאַמונג און דערצו א „פּער־פעקט דזשענטעלמען". זיי זיינען געווען איבערצייגט אין זיין אָרנטלעכקייט און אויפריכטיקייט. זיי זיינען געווען זיכער, אז זייער טאָכטער וועט האָבן א גליקלעך לעבן — און זיי וועלן אויך האָבן וווּ זיך אָנצושפּאַרן אויף די עלטערע יאָרן...

אין א פּאָר חדשים צייט איז דאָס קריסטלעכע מיידל ביטריס פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין א גיורת מיט דעם שיינעם נאָמען „רות". זיי האָבן געזעצלעך חתונה געהאַט אין א „רעדזשיסטער־אָפיס"...

אַרנאָלד האָט געפונען פאַר פּראַקטיש ניט צו שרייבן זיינע עלטערן די גאַנצע צייט וועגן זיין ליבע מיט דעם קריסטלעכן מיידל, ווייל זיי וועלן ניט פאַרשטיין... און צו וואָס זיי פאַרשאַפן אומזיסט פאַרדרוס? ווען זיי וועלן פאַרזענלעך קענען רותן, און ער וועט זיי דערציילן, אז צוליב אים האָט זי זיך מגייר געווען, וועלן זיי זי ליב האָבן און וועלן זיין צופרידן. ער האָט נאָר געשריבן זיינע עלטערן, אז ער האָט חתונה געהאַט מיט א ווונדערלעך

מיידל, דאָס בעסטע מיידל אין דער וועלט, און אז זיי מאכן זייער חתונה־רייזע צו זיי קיין יאָהאַנעסבורג. זיי וועלן זיך אויפהאַלטן ביי די עלטערן א געוויסע צייט, דערנאָך וועלן זיי צוריקפאָרן קיין ענגלאַנד, ווו ער וועט ווייטער שטודירן און זיך פארפולקאָמען אלס ספעציאַליסט.

די עלטערן זיינען איבערראַשט געוואָרן פון דער ידיעה. זיי האָבן ניט געקענט פארשטיין, פארוואָס ער האָט אזוי פלוצלינג חתונה געהאַט, און פאַרוואָס האָט ער זיי קיינמאָל ניט געשריבן וועגן אזא וויכטיקן שריט? מיט גרויס אומגעדולד און דערוואַרטונג האָבן זיי זיך גענומען גרייטן און אין אָרדענונג ברענגען דאָס הויז פאר די אומגעריכטע טייערע געסט...

באזונדערס פאראינטערעסירט איז געווען נינאַ. מיט א ברענענדיקער נייגעריקייט האָט זי געוואַרט צו זען איר שיינעם און געראָטענעם ברודערס אויסוואַל. נינאַ איז געווען א מיידל מיט העכערער בילדונג און יידיש־נאַציאָנאַל געשטימט. זי איז געווען א טעטיקע מיטגלידערין פון די פּרויען־ציוניסטן אין יאָהאַנעסבורג, זיך אָפּגעגעבן מיט נאַציאָנאַל־קולטורעלער ארבעט און זיך אָנגעהערט א סך לעקציעס וועגן יידישע ענינים. זי האָט זיך פאָרגעשטעלט איר פארגעניגן, ווען זי וועט פאָרשטעלן פאר אירע פריינדינס איר שוועגערין פון לאָנדאָן, אריינגעמען זי אין זייער קרייז — און זיי וועלן ארבעטן צוזאמען פארן יידישן נאַציאָנאַלן אידעאַל אין דער צייט, וואָס זי וועט דאָ זיין. אויב ס׳וועט זיין מעגלעך, וועט זי ווירקן אויף איר, זי זאָל בלייבן דאָ. זי וועט זי באַטראַכטן ווי א שוועסטער — און זיי וועלן זיין גליקלעך.

די דערוואַרטעטע שעה איז ענדלעך געקומען. זיי האָבן אָפּגעוואַרט די געסט ביים „סטיישן“, און ווען די ערשטע באַגעגעניש מיט דעם קעגנזייטיקן פאָרשטעלן און קושעריי איז פאַריבער, האָבן די עלטערן און נינאַ געהאַט א מאָדנעם געפיל. א יונגע, שיינע, שלאַנקע און ליבלעכע איז אַרנאָלדס פרוי, אָבער דער טיפּ... עפּעס אַן אַנדער מין טיפּ, א טיפּ, וואָס מ׳זעט זעלטן צווישן יידישע מיידלעך...

אַרנאָלד האָט קענטיק פאַרשטאַנען, וואָס זיי טראַכטן, און האָט גלייך געזאָגט:

— איך מוז אייך זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן מיין ליבער פרוי רות. ווען איך האָב זי דערקענט, איז זי געווען ניט קיין יידישע, איר נאָמען איז געווען ביטריס, אָבער צוליב מיר און צוליב אייך האָט זי זיך מגייר געווען און איר נאָמען איז רות. איר קענט באַטראַכטן מיין פרוי ווי אייער קינד, און דו, נינאַ, נעם אויף רותן ווי א לייבלעכע שוועסטער.

אַ װײלע האָט געהערשט אַ טיפֿע שטילקײט. דער מאַמעס אױגן זײַנען פֿול געװאָרן מיט טרערן... נינאַ איז צעמישט געװאָרן. אױף אַזאַ זאַך האָט זי זיך ניט געריכט. אָבער רותס ליכטיק פּנים, מיט איר װי האַלב־בעטנדיקע בליקן, און דער זיסער שמייכל אױף אַרנאַלדס פּנים, — דאָס אַלץ האָט געהאַט אַ גוטע װירקונג. אין דער זעלבער רגע איז דער מאַמען אַדורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק, אַז ס׳האָט געקענט פֿיל ערגער זײַן, װען זי װאָלט זיך ניט מגייר געװען און ס׳װאָלט געהײסן, אַז איר זון האָט חתונה געהאַט מיט אַ שיקסע... ס׳טרעפֿן זיך דאָך אַזעלכע זאַכן; זי אַלײן װײס פֿון אַזאַ פֿאַל... איצט — װי די זאַך איז, איז איר שנור דאָך אַ ײדישע, זיך מגייר געװען פֿאַר דער חתונה! די צרה איז אָבער מיט איר משפּחה, די מחותנים: זײ זײַנען דאָך גױים... אָבער װאָס זאָל מען טאָן? אַרנאַלד האָט זי אױס־געקליבן, װער קען אים זאָגן אַ דעה? און אין דער אמתן — אַ שײן מײדל איז זי דאָך און שײַנט צו זײַן פֿון אַן אָנשטענדיקער פֿאַמיליע, װען אַפֿילו ניט קײן ײדן... און אַז זי האָט אָנגענומען דעם ײדישן גלױבן, טאָר מען זי געװיס ניט אָפּשטױסן און אַרנאַלד דאַרף גאָרניש װיסן, װאָס זײ טראַכטן פֿון דעם...

נינאַ איז אױך געװען ניט װײניק אַנטױשט. רות איז איר געפֿעלן. אַ פֿײַנע און זעט אױס צו זײַן אַ גוטע און אַ קלוגע. אָבער זײַנען דען ניטאָ קײן ײדישע מײדלעך פֿײַנע, גוטע און קלוגע? דאַרף מען דען אױסזוכן אַ קריסט־לעך מײדל, װאָס זאָל זיך מגייר זײַן? איר ײדישער נאַציאָנאַלער שטאָלץ איז געװאָרן טיף באַלײדיקט. אָבער די זאַך איז געשען און דאָס בעסטע איז, זי זאָל זיך צוגעװױנען מיט דעם געדאַנק און זײַן צופֿרידן...

די מאַמע האָט זיך װידער געקושט מיט איר שײנער שנור די גיורת. דאָס זעלבע האָט אױך געטאָן נינאַ.

דער טאַטע, װאָס האָט געהאַט דרך־ארץ פֿאַר זײַן געבילדעטן זון דעם דאָקטאָר, איז אױך געװען האַלב־צופֿרידן, װאָס ס׳איז ניט ערגער... ער האָט קײן באַמערקונג ניט געמאַכט און זיך באַמיט צו װײַזן אַ פֿרײַנדלעך פּנים, כאָטש אין האַרצן האָט אים די גאַנצע מעשה שטאַרק פֿאַרדראָסן...

מען איז געקומען אַהײם, װו אַ גאַנצער אַפּאַרטאַמענט איז ספּעציעל מעבלירט און צוגעגרײט געװאָרן פֿאַר דער יונגער פּאָר. רות האָט זיך פֿאַרװוּנדערט, זעענדיק אַזאַ רײַך הױז מיט אַזױפֿיל לוקסוס און מיט אַזאַ פֿײַנעם געשמאַק. ס׳איז אײַנגעאָרדנט געװאָרן אַ פֿײַערלעכע סעודה, אָבער די שמחה איז געװען אַן איבערפֿלעכלעכע און ניט מער װי אַ געקינסטלטע.

נינאַ האָט אין די קומענדיקע טעג אָנגעווענדט אירע אַלע מעגלעכקייטן צו באַטראַכטן רותן ווי אַ שוועסטער, אָבער דאָס איז איר ניט געלונגען. עפּעס האָט זי געפילט, אַז זיי זיינען פרעמדע, זיי זיינען פון צוויי באַזונדערע וועלטן, יעדע פון זיי האָט אַן אַנדערע פאַרגאַנגענהייט און אַנדערע באַגריפן וועגן לעבן. אמת, זי האָט זיך באַהעפט צום יידישן פאָלק, אָבער מיט וועלכע איבערצייגונגען, מיט וועלכע אידעען און צו וועלכן צוועק? זי האָט דאָס נאָר געטאָן, כדי צופרידנשטעלן איר ברודער. אירע עלטערן, ווי ס׳שיינט, זיינען טאָלעראַנט געגנוג און האָבן איר ניט געשטערט. ס׳איז אויך מעגלעך, אַז ס׳איז געטאָן געוואָרן קעגן זייער ווילן און זייליידן דערפון. ווער ווייס? זי, נינאַ, האָט ניט קיין געמיינזאַמע אינטערעסן מיט איר שיינער, יונגער שווגעריןֿ, וועלכע האָט ניט קיין אינטערעס און קיין באַציאונג צו יידישע אָנגעלעגנהייטן. נייז, ניט ווי אַ שוועסטער קען זי זי באַטראַכטן, נאָר ווי אַ פריינדין, ווי די געליבטע פון איר ברודער, אָבער אָן יעדן אינטימען געפיל...

נינאַ האָט כסדר אַזוי געטראַכט. זי איז אָבער געווען טאַקטיש גענוג, ניט אַרויסצווייזן אירע פאַרבאָרגענע געפילן. און אַזוי איז אַוועק אַ צייט פון עטלעכע וואָכן.

האָט אָבער פּלוצלינג געטראָפן אַזאַ צופאַל: עפּעס גאָר אַ קלייניקייט האָט אַריינגעבראַכט נינאַן אין אַ שלעכטער שטימונג און איר פאַרשאַפט אַ סך פאַרדרוס.

אַרנאָלד האָט באַשטעלט אַ „באָקס" אין טעאַטער פאַר דער גאַנצער פאַמיליע. אַלע זיינען געגאַנגען און גוט פאַרבראַכט דעם אָוונט. אַרויס־גייענדיק פון „באָקס", האָבן ביידע יונגע פרויען זיך פאַרביטן מיט זייערע האַנט־בייטלען, וואָס זיינען געווען פון זעלבן קאָליר און פון זעלבן פאַסאָן. ווען זיי זיינען געקומען אַהיים און נינאַ איז אַריין אין איר צימער, האָט זי געעפנט דעם האַנט־בייטל עפּעס אַרויסצונעמען — און האָט אָנגעטאַפּט אַ קליין קעסטעלע, וואָס איז ניט געווען אירס. זי האָט גלייך איינגעזען דעם טעות און האָט דאָס קעסטעלע געלאָזן ליגן. איר פרויען־נייגעריקייט האָט זי אָבער געטריבן צו זען, וואָס אינווייניק געפינט זיך. זי האָט דאָס קעס־טעלע אַרויסגענומען. אָן עפן געטאָן — און... איר פּנים איז בלייך גע־וואָרן, אַ ציטער איז אַדורכגעלאָפן איר קערפּער און זי איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע ווי פאַרגליווערט.

אין קעסטעלע אויף אַ קישעלע פון בלאָען סאַמעט, איז געלעגן אַ קליין גאָלדן צלמל אויף אַ דין, גאָלדן קייטעלע. דאָס צלמל געהערט צו איר

שװעגערין די גיורת, די גוטע, שײנע רות... און דאָס צלמל איז בײ רותן טײער, זי שײדט זיך ניט מיט דעם, זי טראָגט עס מיט זיך, װו זי גײט...

זי האָט צוגעמאַכט דאָס קעסטעלע און עס צוריק ארײנגעלײגט אין האַנט־בײטל. אין דער זעלבער רגע האָט די שװעגערין אָנגעקלאַפּט בײ נינאַן אין טיר און זי איז ארײן אין צימער מיט א האנט־בײטל אין דער האַנט.

— נינאַ טײערע — האָט זי מיט א ליבלעכן שמײכל געזאָגט — מיר האָבן זיך פארביטן מיט אונדזערע האנטבײטלען. לאָמיר זיך צוריק אָפּ־בײטן.

נינאַ האָט מיט א געמאַכטן שמײכל אומגעביטן דעם האנט־בײטל. יענע איז ארויס מיט א האַרציקן „גוד נײט, דיער".

נינאַ איז געלעגן א לאַנגע צײט אין איר בעט און האָט ניט געקענט אײנשלאָפן. דאָס צלמל האָט זיך געדרײט פאַר אירע אויגן. ס'איז איר פאָרגעקומען װי א פאַרשװעכונג פון זײער ײדיש הויז... איר מאַמע טאָר ניט װיסן דערפון. זי װעט עס איר ניט זאָגן. אָבער מיטן ברודער מוז זי רײדן; זי קען דאָס אין האַרצן ניט האַלטן.

זי האָט אויף מאָרגן געפונען א געלעגנהײט צו רײדן מיט איר ברודער אונטער פיר אויגן.

— ארנאָלד, זאָג מיר דעם אמת — האָט זי אויפגערעגט געזאָגט — האָט רות אָנגענומען דעם ײדישן גלויבן, אָדער ניט?

— געװיס, נינא, װאָס פאר א פראגע?

— די פראגע איז: װי קומט א ײדישע פרוי צו האָבן א צלמל אין איר האַנט־בײטל?...

— נאַריש קינד — האָט אַרנאָלד געלאַכט — פון אַזאַ קלײניקײט האָסטו פארדרוס? דאָס מײנט גאָרנישט. מיט יאָרן צוריק האָט זי עס באקומען א מתנה, װי אַן אנערקענונג פאר איר װוילטעטיקער ארבעט, פון א קריסטלעך־רעליגיעזער אינסטיטוציע — און עס איז בײ איר טײער װי אַן אָנדענק, זי האַלט עס פאַר א „טשאַרם" — מער גאָרנישט. דו, נינאַ, ביסט דאָך ניט אזוי אָפּגעשטאַנען און ענגהאַרציק, ניט צו טאָלערירן אַזאַ קלײניקײט.

— ארנאָלד, בײ דיר איז דאָס א קלײניקײט... אויף מיר אָבער מאַכט עס א שװערן אײנדרוק... שטעל זיך פאָר, װען די מאַמע זאָל עס װיסן...

— צו װאָס זאָל די מאַמע װיסן? דאָס איז אינגאַנצן א פּריװאַטע זאַך, װאָס האָט מיט קײנעם ניט צו טאָן. איך קען דיר פארזיכערן, אז רות װעט דאָס צלמל קײנמאָל ניט טראָגן. ס'לוינט זיך גאָרנישט צו רײדן װעגן דעם.

נינאַ האָט מער ניט גערעדט וועגן דעם. זי האָט דער מאַמען ניט דערציילט. די פריינדשאַפט צו איר שוועגערין איז קעלטער געוואָרן און דאָס געפיל פון פרעמדקייט האָט זיך מער פארשטאַרקט. דאָס קליינע, גאָלדענע צלמל האָט אויפגעשטעלט אַן אייזערנע וואַנט צווישן זיי.

רות האָט דערפילט די קאַלטקייט און פרעמדקייט פון איר יונגער שוועגערין. זי האָט זיך אָנגעהייבן פילן אומבאַקוועם אין דער אטמאָספער פון דעם רייכן יידישן הויז. אַרנאָלדס שאַרף אויג האָט עס באמערקט — און ס׳האָט אים אָנגעהייבן עקבערן אין מוח. ער האָט עס ניט געקענט פאַר־טראָגן, אז זיין ליבע רות זאָל דורך זיין פאמיליע האָבן געוויסע אומאַנגע־נעמלעכקייטן. ער האָט באַשלאָסן צו פארקירצן די צייט פון זייער אויפ־האַלט ביי זיינע עלטערן און זיך גענומען גרייטן מיט זיין פרוי צו פאָרן צוריק. ער האָט אויך געזאָגט זיינע עלטערן, אז ווען ער וועט ענדיקן דאָס שטודירן, רעכנט ער צו פראַקטיצירן אין לאָנדאָן. ער קען ניט וויסן, ווען ער וועט ווידער זיין אין יאָהאַנעסבורג.

טאַטע־מאַמע זיינען אויפסניי געוואָרן אנטוישט. אלע יאָרן האָבן זיי פאַנטאַזירט וועגן דעם גרויסן נחת, וואָס זיי וועלן האָבן, ווען זייער זון וועט זיין א דאָקטאָר און ספעציאַליסט אין יאָהאַנעסבורג. די מאַמע האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט, אז זייער איינציקער זון וועט טאָן דעם שענסטן שידוך אין יאָהאַנעסבורג. זי האָט שוין אפילו געהאַט אַן אויג אויף אַן אויס־געצייכנט מיידל פון איינער פון די שענסטע משפחות אין שטאָט. זי וועט האָבן גרויס נחת פון איר זון און עס וועט אויך העלפן צו טאָן א גרויס־אַרטיקן שידוך מיט איר טאָכטער. מיטאַמאָל האָט זיך פון אלעם אויסגע־לאָזן א טייך. זייער איינציקער זון האָט אַן זייער וויסן חתונה געהאַט מיט א ניט־יידיש מיידל, וואָס האָט זיך מכלומרשט מגייר געווען... און ער וועט גאָרנישט זיין אין יאָהאַנעסבורג. די איינציקע טרייסט איז, וואָס ס׳האָט געקענט ערגער זיין, אָבער דאָס איז א גאַנץ קנאַפע טרייסט...

ווען די צייט פון שיידן זיך איז געקומען, האָט די מוטער געוויינט. ס׳האַרץ איז איר געווען פארקלעמט און זי האָט ניט געקענט ריידן. דער טאַטע איז געווען אומרואיק און צעטראָגן, וואָס פון זיינע חלומות האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. ס׳האָט אים אויך גענאָגט אַן אינערלעך געפיל: אפשר איז דאָס זיין שולד, וואָס ער האָט זיין זון ניט דערצויגן מער יידיש־לעך? אָפגעריסן אים צו פרי פון יידישע למודים? אפשר, ווען ער וואָלט מער געוווסט פון יידישקייט און פון יידישער געשיכטע, וואָלט אנדערש

געוועזן... ער האָט פּלוצלינג דערפילט ווי א מין עלנטקייט אין זיין לעבן... ער האָט געקוקט דעם זון אין די אויגן און האָט געשוויגן.

נינאַ האָט זיך געקושט מיט איר שיינער שוועגערין, אָבער פאר אירע אויגן האָט א בליץ געטאָן דאָס גאָלדענע צלמל — און די קושן זיינען געווען קאָלט און מעכאַניש... זי האָט זיך געקושט מיט איר ליבן ברודער, אָבער די שוועסטערלעכע האַרציקייט האָט זיך אין אירע אויגן ניט געזען...

זיצנדיק אין „מאָטאָר־קאַר" אויפן וועג צוריק פון „סטיישן", האָט מרס. עקס ניט אויפגעהערט צו וויינען.

— וויין ניט, מאמע, — האָט נינאַ געזאָגט — ס'איז אפשר בעסער, זיי זאָלן פון אונדז זיין פון וויטן. אַרנאָלד ליבט זי געטריי און ערנסט. זי איז א שיינע, א רייצנדיקע און א גוטע. זי וועט געוויס זיין א גוטע פרוי צו אים, אָבער אונדזערע איז זי ניט, זי איז א פרעמדע...

— איך ווייס, מיין טאָכטער, איך פיל דאָס... איך האָב ניט דערוואַרט, ס'זאָל זיך מיט אַרנאָלדן אזוי אויסלאָזן...

— אז ס'איז ניט באשערט קיין נחת — העלפט קיין זאך ניט — האָט מר. עקס ווי צו זיך אליין געזאָגט...

אַן איבערגעריסענע טראַדיציע

ביי דער יידישער פאַמיליע ש. אין יאָהאַנעסבורג איז פון יאָרן־לאַנג געווען איינגעפירט א מנהג, אז יעדן צווייטן שבת אָוונט קומט פאַר אין זייער שטוב א „קאַרד־פּאַרטי", דאָס מיינט איינפאַך: א קאָרטן־שפיל פון גוטע פריינד, מענער און ווייבער, וואָס קומען זיך צוזאַמען. טאָמער פאַר־פעלט אמאָל איינער צו קומען, פוילט זיך ניט דער באַלעבאָס ארויסצוגיין, אַנצוקלאַפּן אין די טירן פון די ארומיקע שכנים און פשוט בעטן, מ'זאָל קומען „נעמען א האַנט", פונקט ווי ביי אַן אבל, רחמנא ליצלן, ווען ס'פעלט איינער צום מנין...

און שפילן שפּילט מען דאָרט ניט אויף געלעכטער, ניט צוליב צייט־פאַרטרייב, כדי זיך נאַריש צו מאַכן, — נאָר א „פראָפּער גיים" אויפן גרויסן שטייגער, מיט ברען און התלהבות. זילבערנע מטבעות און פאַפּיר־געלט שאַרן זיך ווי דורך א כישוף פון איינעם צום צווייטן. אויף א זייטיק טישל שטייט א פלאַש „וויסקי" מיט א סיפאָן סאָדע־וואַסער, מיט וועלכן די שפּילערס קוויקן זיך פון צייט צו צייט. אין צימער איז א רויכיקער טומאַן, אַלע מענער און ווייבער רויכערן אָן אויפהער. ביי דער זייט פון יעדנס קופּקע געלט שטייט אַן אַש־טעצל פול מיט אַש און שטיקלעך נישט־דערררויכערטע סיגאַרעטן. און דער עולם איז אויפגערעגט. מ'שרייט, מ'טומלט, מען צעקריגט זיך — און מ'מאַכט גלייך שלום. דער, וואָס פאַרשפּילט, איז א „ספּאָרט" און ער מאַכט אַן אָנשטעל, אז ס'אַרט אים ניט, כאָטש אין האַרצן קאָכט עס אים ווי ביי א גזלן. מ'שפּילט ביז א שטיק נאָך האַלבער נאַכט און, ווען מ'גייט זיך פונאַנדער, איז יעדער גוט אויפגעלייגט און דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע בעטן, מ'זאָל ניט פאַרגעסן צו קומען איבער צוויי וואָכן שבת. אַלע נעמען אָן די איינלאַדונג און זאָגן צו צו קומען...
די געווינערס ווילן מער געווינען און די פאַרשפּילערס ווילן צוריק אָפּגע־ווינען דאָס פאַרשפּילטע. קומען טאַקע אַלע אין צוויי וואָכן ארום צו דער באַשטימטער צייט.

און אזוי האָבן זיך געצויגן יאָרן און יאָרן אָן אַן איבעררייס, ביז די צוויי־וועכנטלעכע „קאָרד־פּאַרטיס" ביי דער פאַמיליע ש. זיינען געוואָרן אַן אַלטער מנהג, א מין טראַדיציע.

גאָר פּלוצלינג איז די טראַדיציע איבערגעריסן געוואָרן. אויס „קאָרד־פּאַרטיס״. די שפּילערס קומען ניט מער, אזוי ווי זיי וואָלטן אלע ברוגז געוואָרן. פון די טאַליעס קאָרטן מיט דער שטענדיקער פלאַש „ווהיסקי״ איז קײן זכר ניט געבליבן, פונקט ווי זיי וואָלטן קיינמאָל אויף דער וועלט ניט געווען. און ניט נאָר מען שפּילט ניט מער ביי דער פאַמיליע ש., נאָר אפילו דאָס וואָרט קאָרטן טאָר אין יענעם הויז ניט דערמאָנט ווערן.

וואָס האָט פּאסירט? וואָס באַטייט עס, וואָס די אזוי שטאַרק באליבטע קאָרטן־שפּיל אין ס׳רוב יידישע הייזער אין יאָהאַנעסבורג זאָל ביי די אלטע לאנגיאָריקע שפּילערס, ביי דער פאַמיליע ש., פּלוצלינג אזוי פארמיאוסט ווערן? זיינען זיי אפשר געקומען צום שכל און זיך ארומגעזען, ווי ניט אָנ־שטענדיק און העסלעך ס׳איז פאר א יידישער פאַמיליע צו פּטרן אזויפיל צייט און ענערגיע אויף קאָרטן־שפּיל?

ניין, ניט דאָס. אזא שכל מיט אַזאַ געפיל וואָלטן צו זיי קיינמאָל ניט געקומען, ווי זיי קומען ניט צו א סך אנדערע. די סיבה דערפון איז געווען א שטן־המשחית, וואָס האָט זיך אריינגעמישט און פאַרשטערט דעם פאר־געניגן פון זייער לעבן. און דער שטן איז ניט קיין פרעמדער, זיי קענען אים זייער גוט. ביי זיי אין שטוב האָט ער זיך דערצויגן און אויפגעהאָ־דעוועט... דער שטן איז ניט קיין אנדערער, ווי זייער אייגן קינד, זייער איינציקער זון מיימי...

מיימי האָט זיך דערצויגן אין די יאָרן פון קאָרטן־שפּיל. פון קינדווייז אָן האָט ער זיך צוגעקוקט צו די „קאָרד־פּאַרטיס״ אין שטוב — און פונקט ווי ביי די עלטערן, איז אויך ביי אים די שפּיל באליבט געוואָרן. ער האָט זי באטראַכט ווי א נייטיקע זאַך אין לעבן, אָן וועלכער מ׳קען ניט אויסקומען. מיימי איז געווען א פּיפּיק ייִנגל. איידער ער איז נאָך געוואָרן „בר־מצוה״, האָט ער שוין געכאַפּט דעם שניט און אָנגעהויבן פאַרשטיין די „גיים״. און גרויס איז געווען טאַטע־מאַמעס פאַרגעניגן, ווען מיימי פלעגט בעת דעם שפּילן שטיין דערביי און זאָגן זיין מיינונג, וועלכע קאָרט ארויסצושפּילן.

— א לעבן אויף אים — פלעגט די מאַמע זאָגן — ווי גוט ער פאַרשטייט די „גיים״!...

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען מיימי איז געוואָרן א גרויסער בחור, האָט געאַרבעט אין אַן „אָפיס״ און פאַרדינט געלט, פלעגט מען אים שוין נעמען צום טיש און גלייך מיט אלעמען האָט ער געשפּילט, געטרונקען „ווהיסקי״, כסדר געריכערט — און געוואָרן א מענטש. ס׳האָט גאַנץ לאַנג

ניט געדויערט און ער איז געוואָרן איינער פון די בעסטע שפּילערס פון דער „קאַרד־פּאַרטי". ער האָט אָנגעהייבן גאַנץ אָפט געווינען. טאַטע־מאַמע האָבן געקליבן נחת פון זייער בן־יחיד אפילו דאַן, ווען ער האָט ביי זיי געוווּנען.

— גאָט צו דאַנקען — פלעגט די מאַמע זאָגן — מ'דאַרף זיך מיט מיין מיימין ניט שעמען. ער איז, קיין עין־הרע, א מענטש מיט לייטן גלייך.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, איז די מאַמע געווען גערעכט, ניט נאָר וואָס מען האָט מיט מיימין זיך ניט געדאַרפט שעמען, נאָר זיין גרויסע ידיעה אין קאָרטן איז גאָר געווען א מעלה צו א שידוך. צווישן די שטענדיקע שפּילערס איז געווען א ייד א „שאָפּ־קיפּער", וואָס פלעגט אָפט אויך מאַכן „קאַרד־פּאַרטיס" ביי זיך אין שטוב און די פאַמיליע ש. פלעגט אהינקומען שפּילן. אין אָנהייב — אליין, נאָר שפּעטער — מיט זייער בן־יחיד. מיימי האָט דאָרט באַלד זיך דערוואָרבן א נאָמען פון א גוטן שפּילער. זייענדיק א יונג מיט ביינער און א „ספּאָרט" דערצו, האָט ער נושא־חן געווען ביים „שאָפּ־קיפּערס" טאָכטער, א שיין מיידל. ס'איז געשלאָסן געוואָרן א שידוך און טאַטע־מאַמע האָבן געהאַט נחת פון זייער געראָטענעם זון.

אין א יאָר ארום, באַלד נאָך זיין חתונה, האָט מיימי, ווי א יונגער חסידישער רבי, להבדיל, אָנגעהויבן פירן טיש פאַר זיך... און ווי ביים טאַטן, אזוי איז ביים זון געוואָרן א מנהג אָפט צו האַלטן „קאַרד־פּאַרטיס" אין שטוב. אזוי ווי זיין מאַמע, האָט אויך זיין יונג ווייבל שטענדיק „גענומען א האַנט" און איז געווען שטאָלץ מיט איר מאַן, דעם גוטן שפּילער.

מיימי איז געווען א פּעאיקער יונג, און האָט מיט דער צייט באַקומען א פאַראַנטוואָרטלעכע שטעלע אין א געשעפט אלס בוכהאַלטער און קאַסירער. אלע אריינגעפלאָסענע געלט־סומעס האָבן געדאַרפט אדורכגיין דורך זיין האַנט. ער האָט באַקומען אַ פיינעם געהאַלט און געהאַט די בעסטע געלעגנהייט זיך גוט ארויפצוארבעטן. איז ער אָבער פון זיין פריסטער יוגנט געווען פאַרסמט מיט דעם „געמבלינג"־פיבער, אין וועלכן ער איז דערצויגן געוואָרן. דער חשק צו שפּילן האָט זיך מיט דער צייט ביי אים אויף אזוי פיל פאַרשטאַרקט און אַנטוויקלט, אַז די „קאַרד־פּאַרטיס" אין שטוב זיינען געוואָרן צו שוואַך פאַר אים און האָבן אים ניט געקענט צופרידן שטעלן. זיין דורשט צו „געמבלען" האָט ניט געקענט געשטילט ווערן. ווען זיין ווייבל איז, ווי דער שטייגער איז, אוועקגעפאָרן קיין מיוזנבערג פאַר א „האָלידיי" אויף עטלעכע וואָכן — און ער איז געבליבן אליין, האָט ער גענומען פאַרברענגען נעכט אין „געמבלינג"־קלובן, ווו ס'געפינען זיך די אמתע פּראָפע־

סיאַנעלע שפּילערס, װאָס זײנען פּראָפעסאָרן קעגן אים. ער האָט אָנגע־הױבן א סך צו פאַרשפּילן. װען ער האָט פאַרשפּילט זײן אײגן געלט, האָט ער גענומען באָרגן פון דער געשעפט־קאַסע, װאָס איז אים אָנגעטרױט געװאָרן, מיט דער אױסרעכענונג צו געװינען און צוריק אָפּצוגעבן.. און װען ס׳האָט אים ניט אָפּגעגליקט אין די קאָרטן, האָט ער גענומען פּרוּװן זײן מזל אין „רײסעס״... כסדר גע־ליען געלט פון געשעפט און געלײגט אויף פערד, װעלכע, װי עס שײנט, האָבן זיך געפּוילט צו לױפן געשװינד און האָבן זיך שטענדיק פאַרשפּעטיקט...

מײמי, זײענדיק א „געמבלער״ פון דער נאַטור, האָט זײן האָפענונג ניט פאַרלאָרן. ער איז ניט געװען קײן גנב. יעדעס מאָל, װען ער האָט גענומען געלט פון דער קאַסע, האָט ער עס גערעכנט בתורת־הלוואה... ער איז זיכער געװען, אז זײן מזל װעט זיך א דרײ טאָן און די קאָרטן מיט די „רײסעס״ װעלן אים צוריקצאָלן זײנע פאַרלוסטן מיט גרױסע פּראָצענטן.

װען זײן װײבל איז צוריקגעקומען פון איר „האָלידײ״ און ער האָט ניט געקענט אװעקגײן אויף גאַנצע נעכט, האָט ער זיך אינגאַנצן איבערגעגעבן צו „רײסעס״ און אָנגעהױבן לײגן גרױסע געלט־סומעס, האָפנדיק, אז די געװינסן װעלן זײן גרױסע און זײ װעלן אים אַרױסהעלפן פון זײן שװערער לאַגע. אָבער עטלעכע חדשים זײנען אװעק — און די ישועה איז ניט גע־קומען... דערװײל איז די לאַך אין דער קאַסע כסדר געװאָרן גרעסער, ביז ס׳האָט זיך אָנגעהױבן בולט אַרױסצװײזן. די באַלעבאַטים האָבן באַקומען א פאַרדאַכט, אז עפּעס איז ניט אין אָרדענונג. אומגעריכט פאַר מײמין זײנען די ביכער רעװידירט געװאָרן פון א קװאַליפיצירטן בוכהאַלטער. ס׳איז געפונען געװאָרן, אז ס׳פעלן צװײ הונדערט און פופציק פונט... מײמי האָט ניט געהאַט מיט װאָס זיך צו פאַרענטפערן, און ער איז אַרעסטירט געװאָרן.

בײ בײדע פאַמיליעס, די מחותנים, איז געװאָרן חושך. ס׳װײבל איז פון שרעק קראַנק געװאָרן און די מאַמעס זײנען שיער ניט משוגע געװאָרן. ס׳האָט זיך אָנגעהײבן א סדרה מיט „סאָליסיטאָרס״ און אַדװאָקאַטן. ענדלעך האָט מען אַרױסגענומען דעם יונגמאַן אויף „בײל״.

אויפן פּראָצעס האָט דער אַדװאָקאַט מיט זײן געשליפן צינגל אַפּעלירט צום ריכטער, ער זאָל דעם אָנגעקלאָגטן באַפרײען; ער זאָל נעמען אין אַכט, אז דער באַשולדיקטער איז קײנמאָל פריער קײן פאַרברעכן ניט באַ־גאַנגען און װעט װײטער אויך ניט באַגײן. דאָס איז נאָר דער „געמבל״־פי־בער, װאָס הערשט אין אזױ פיל הײזער אין שטאָט. דאָס האָט אים פאַרפירט און באַנאַרישט. איצט, אז ער זעט, צו װאָס דאָס האָט אים געבראַכט, װעט ער

זיך דערפון אויסקורירן... די פירמע וועט דעם היזק ניט ליידן, די פאַמיליע פון באשולדיקטן איז גרייט צו דעקן דעם חוב.

דער ריכטער האָט, קענטיק, פאַרשטאַנען די ריכטיקע לאַגע און איז ניט געווען שטרענג מיט זיין אורטייל. ער האָט אָפּגעזאָגט פאַר מיימין א שטיק מוסר, ווי נידעריק מאָראַליש ער איז געזונקען מיט זיין „געמבלען", באַגייענדיק א שווערן פאַרברעך, וואָס פאַרשוואַרצט די אויגן זיינע עלטערן און וואָס קען זיך זייער שלעכט אָפּרופן אויף זיין וויטערדיקער קאַריערע. ער האָט דערביי שטאַרק קריטיקירט די היינער, ווו די קאָרטן־שפּיל ווערט אזוי אָפּט געפירט אין דער אָנוועזנהייט פון יונגע קינדער, ניט טראַכטנדיק וועגן דער שעדלעכער ווירקונג, וואָס דאָס קען האָבן אויף דער דערציונג, ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם איצטיקן פאַל. ער האָט צוגעפּסקנט, אַז דער חוב מוז באַצאָלט ווערן אין עטלעכע טעג צייט, און האָט אַרויסגעגעבן אַן אורטייל פון זעקס חדשים תפיסה, אָפּלייגנדיק דאָס אויספירן פון דער שטראָף אויף צוויי יאָר. דאָס מיינט, אַז אויב ער וועט דורך די צוויי יאָר קיין פאַרברעך ניט באַגיין, וועט די שטראָף אים געשענקט ווערן. אזוי אַרום גיט ער דעם באשולדיקטן א געלעגנהייט צו זיין אַן אָרנטלעכער מענטש און אויסמיידן די תפיסה.

מיימיס טאַטע האָט גענומען א נייעם „באָנד" אויף זיין הויז; דער מחותן האָט פאַרקויפט מיימיס היים מיט דער טאָכטערס צירונג — און מ'האָט באַצאָלט דעם חוב מיט די אדוואָקאַטן, וואָס ס'האָט אַריינגעטריבן אין א גרויסער סומע.

מיימי איז געבליבן פריי, אָבער דערנידעריקט און דערשלאָגן, מיט א שוואַרצן פלעק אויף זיין נאָמען. ס'איז זייער שווער צו באַקומען א שטעלע מיט אזא קרימינעלער רעפּוטאַציע. ער זיצט ביים טאַטן אויף קעסט און ווייס ניט, וואָס ווייטער וועט זיין. דאָס ווייבל איז מער קראַנק ווי געזונט, זיצט אין שטוב און שעמט זיך די אויגן צו ווייזן פאַר באַקאַנטע. ביי די עלטערן קאָכט אין האַרצן, אָבער זיי פאַרבייסן די ליפּן און שווייגן. שעמען זיך איינער דעם צווייטן אין די אויגן צו קוקן. זיי ווייסן, ווער זייער זונס מלאך־המות איז. די מאַמע געדענקט גאַנץ גוט, ווי צופרידן זי איז געווען, ווען מיימי — נאָך גאָר א קינד — האָט שוין פאַרשטאַנען די „גיים"... זי שלאָגט זיך איצט גענוג „חטאתי"... אָבער ס'איז צו שפּעט. דאָס ווייסן אויך דעם ווייבלס עלטערן, אָבער ריידן קענען זיי ניט. אין זייער הויז האָט דאָך אויך יאָרן־לאַנג געהערשט די קאָרטן־שפּיל. מיימי איז דאָך געפעלן געוואָרן טאַקע א דאנק זיין גוט שפּילן. די טאָכטער האָט זיך דאָך צוליב

דעם אין אים פֿאַרליבט, — איז צו װעמען קען מען האָבן טענות? שװײַגן זײ...

אָבער ניט רײדנדיק װעגן דעם, האָבן בײדע פֿאַמיליעס מיטאמאָל געמאַכט א סוף צו די „קאָרד־פּאַרטיס" אין זײערע הײַזער — און די שטענדיקע שפּילערס זײַנען נעבעך געצװוּנגען צו זוכן אנדערע נעסטן.

אָט דאָס איז געװען די טראַגישע סיבה, װאָס די לאַנגיאָריקע טראַדיציע בײַ דער פֿאַמיליע ש. איז פּלוצלינג איבערגעריסן געװאָרן...

— — — — — — — — — — —

יום-טוב בילדער

דער פאַרשפּעטיקטער סדר

ווען לייזער שקודווילער איז אָפּגעוועזן אַ לאַנגע צייט אין אַפריקע, אויסגעפּרוווט אַ סך פאַרשידענע פּרנסות און גאָרנישט געקענט אויפטאָן, האָט ער באַשלאָסן זיך אַוועקצולאָזן גאַנץ ווייט אין די קאַפער־מדינות, וווּ קיין יידישע „שאָפּן" זיינען ניטאָ, „טאַכערס" קומען דאָרט אַהין זייער זעלטן, ס'איז ניטאָ קיין קאָנקורענץ און מ'מאַכט געלט. אמת, ס'איז זייער ניט אָנגענעם צו לעבן אין אַ ווילדער געגנט צווישן קאַפערס, וווּ מ'זעט ניט קיין ווייסן מענטש פאַר די אויגן, אָבער לייזערס אויסרעכענונג איז געווען, אַז ס'איז כדאי אָפּצוקומען אַ פּאָר יאָר, אַבי צו קענען צוריק אַהיים קומען צו דער פאַמיליע ווי אַ מענטש און פאַרזאָרגן קינדער מיט לייטן גלייך.

מיט אָט דער אויסרעכענונג וואָלט לייזער פונדעסטוועגן ניט געהאַט דעם מוט אַליין אַדורכצופירן אַזאַ אונטערנעמונג, ווען ס'זאָל זיך אים ניט מאַכן אַ פּאַסיקער שותף, אַן עָרנטלעכער מענטש, אַן עלטערער „באַי", וואָס איז אַמאָל געווען אין יענע געגנטן און געגנוי געוווּסט, וואָס מ'קען דאָרט אויפטאָן. און אַזוי איז לייזער מגולגל געוואָרן פאַר עטלעכע הונדערט מייל ווייט פון יאָהאַנעסבורג, אין אַ קאַפער־לאַנד, זעכציק מייל פון אַ באַן־סטאַציע, און צוזאַמען מיטן שותף געעפנט דאָרט אַ „שאָפּקע".

לייזער שקודווילער איז ניט קיין למדן, מען קען אים אָבער אויך ניט האַלטן פאַר אַן עם־הארץ. מיטן ביסל יידישקייט זעט ער שטענדיק ווי ווייט ס'איז נאָר מעגלעך אויסצוקומען. זיין סיסטעם איז צו טאָן ווי ס'לאָזט זיך. קען מען היטן שבת — איז מה־טוב; אויב ווידער די פּרנסה ברענגט מיט, אַז מ'מוז מחלל־שבת זיין — איז אויך פאַרפאַלן... קען מען אינדערפרי אַ דאַוון טאָן — איז אוודאי גוט, אויב ניט — איז אויך רעכט.

ס'זיינען אָבער דאָ צייטן אין יאָר, ווען לייזער היט שטרענג אָפּ ס'יידישקייט אונטער אַלע אומשטענדן. קיין זאַך קען אים ניט שטיין אין וועג. איינע פון אַזעלכע צייטן איז פּסח.

זינט לייזער איז אין אַפריקע, האָט ער נאָך קיין חמץ אין פּסח ניט געגעסן. צו די סדרים פלעגט ער שטענדיק זיין ביי „לאַנדסלייט" מיט פאַמיליעס. ס'וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דער פּסחדיקער סדר האָט אויפגעהאַלטן לייזערס גוטן כאַראַקטער מיט זיינע פאַטערלעכע באַ־

ציאונגען צו זײַן פֿאַמיליע אין דער הײם. דער פּסחדיקער סדר פֿלעגט אין אים אײַנפֿלאַנצן שטרעבונגען און האָפֿענונגען צו זײַן בײַ זײַן אײגענעם סדר־טיש און אים געגעבן א פֿרישן מוט װײַטער צו ארבעטן.

װען לײזער האָט זיך אריבערגעקליבן אין דעם װײַטן קאַפּער־לאנד, איז געװען נאָך סוכות. פֿון דאַן אָן איז ער נאָך קײן אײן מאָל אין שטאָט ניט געװען. אויסער דעם, װאָס דאָס פֿאָרן אין שטאָט אַרײַן איז פֿארבונדן מיט גרויסע הוצאות, האָט ער אויך ניט געקענט פֿאַרטראָגן דאָס שלעפּן זיך זעכציק מײל אין אַן אָקסן־װאָגן, ביז צו דער באַן־סטאַציע, אונטער די ברענענדיקע שטראַלן פֿון דער טראָפּישער זון.

ניט זײַענדיק געװוינט צום קלימאַט, האָט ער מיט עטלעכע חדשים שפּעטער געכאַפּט דעם אמתן געפֿערלעכן פֿיבער און איז געלעגן א צײַט צו בעט. זײַן לעבן האָט ער געהאַט צו פֿאַרדאַנקען אַן אַלטער קאַפּערטע, װעלכע האָט אים געפּלעגט די גאַנצע צײַט פֿון זײַן קראַנקײט און אים קוּ־רירט מיט גראָזן, מיט קרײַטעכצער, פֿון װעלכע די מעדיציניִשע װעלט װײס ניט. נאָך עטלעכע װאָכן קראַנק זײַן האָט ער אָנגעהויבן זיך פֿילן בעסער און ביסלעכװײַז געקומען צו די כוחות.

װי לאַנג ער איז געלעגן קראַנק — דאָס האָט ער גענוי ניט געװוּסט. דער שותּף האָט געזאָגט, אז עס דאַכט זיך אים, אז פֿיר װאָכן. לויט דער קאַפּערטעס רעכענונג איז אויסגעקומען, אז ער איז געלעגן קראַנק נאָר דרײַ װאָכן. געגלויבט האָט לײזער בעסער דער קאַפּערטע.

צװײ װאָכן פֿאַר פּורים האָט שוין לײזער אָנגעהויבן טראַכטן װעגן פּסח. אױעקשיקנדיק אין דער שטאָט אַרײַן א באַשטעלונג אויף סחורה, װאָס ס׳דויערט געװײנטלעך עטלעכע װאָכן ביז די באַשטעלטע סחורה קומט אָן, האָט ער אויך געשיקט א פּריװאַטע רשימה פֿון אַרטיקלען, װאָס האָבן ניט צו טאָן מיט די ביזנעס: מצה, װײַן, בראָנפֿן, כרײן, מצה־מעל און נאָך קלײניקײטן.

דעם ערב־פּסחדיקן טאָג איז לײזער געװען שטאַרק פֿאַרנומען. ער האָט ניט געטרויט דעם קאַפֿער און אלײן זיך באַשעפֿטיקט מיטן קאָכן, מאַכן קנײדלעך, רײַבן כרײן, כדי ס׳זאָל אַלץ זײַן כשר, פּסחדיק, װי ס׳באַ־דאַרף צו זײַן.

פֿאַרנאַכט האָט ער זיך דערפֿילט א ביסל צעטראָגן און אויפֿגערעגט. דאָס ערשטע מאָל קומט דאָך אים אויס צו זײַן פּסח אין א מדבר, װוּהין קײנער קומט ניט! דורך די גאַנצע זעקס חדשים איז נאָר אײן מאָל א ייד א„ טאָכער״ געקומען קויפֿן אין „שאָפּ״ א ביסל סחורה. װי גוט װאָלט עס

געווען, ווען דער דאָזיקער ייד זאָל היינט ווידער אהערקומען! כאָטש זיצן מיט נאָך א ייד ביים סדר! דעם שותף קען מען ניט צורעכענען; יענער איז איינגאַנצן אויסגעמישט מיט די קאַפערס און וויל פון יידישקייט ניט וויסן. ער האָט אים שוין לאַנג געזאָגט, אז א גוטער מאַלצייט פון פסחדיקע מאכלים איז טאַקע ניט שלעכט, פון דעם זאָגט ער זיך ניט אָפּ, אָבער זיך נאַריש מאַכן, פּראַווען א סדר און זאָגן די הגדה — דאָס ניט. ווען יענער „טאַכער״ זאָל היינט אזוי פּלוצלינג אָנקומען — וואָלט עס געווען פּשוט א נס. אָבער ס׳איז אן אומזיסטער חלום. יעדער ייד, וואָס פאַרט ארום אויפן לאַנד, מארקירט שטענדיק אזוי אויס, אז ער זאָל זיין פּסח צו די סדרים אין א שטאָט צווישן יידן.

ווען ס׳איז געוואָרן נאַכט, האָט לייזער פאַרשפּרייט א טישטוך אויפן טיש, אָנגעצונדן צוויי ליכט, אריינגעשטעלט זיי אין פּלעשער אָנשטאָט לייכטער. ער האָט אוועקגעשטעלט די פּלעשלעך ווין און בראַנפן, אנידער־געלייגט מצות — און ס׳איז געוואָרן יום־טוב. ער האָט געדאַוונט מעריב, געמאַכט קידוש, זיך געזעצט צום סדר און גענומען זאָגן די הגדה.

עפּעס האָט זיין אייגענער קול געקלונגען מאָדנע אין זיינע אויערן, ער איז זיך אליין פאָרגעקומען ווי איינער, וואָס האָט געליטן א שיפבּרוך און איז פאַרוואָרפן געוואָרן ערגעץ אויף אַן אינדזל... ער האָט גענומען טראַכטן, ווי אין דער זעלבער צייט, ווען ער זיצט אליין ביים סדר אין אַפריקע, אין א פאַרוואָרפן, פון גאָט פאַרגעסן ווינקל, זיצן זיין פרוי און קינדער ביים סדר־טיש צווישן יידן און טראַכטן אפשר וועגן אים... ס׳האָט אים פאַר־קלעמט דאָס האַרץ און אין זיינע אויגן האָבן זיך געוויזן טרערן...

— משוגענער מענטש! — האָט זיין שותף, וואָס איז געזעסן אנטקעגן אים און געלייענט א יידיש בוך, זיך צו אים אָפּגערופן — ווי וויינט דאָס א ייד, ווען אויפן טיש געפינט זיך ווין און בראַנפן?

לייזער האָט ניט געענטפערט. ער האָט אויסגעווישט די אויגן און ווייטער געזאָגט די הגדה.

פּלוצלינג איז ער שטיל געבליבן. ער האָט דערהערט, ווי עמעצער איז צוגעפאָרן. דער שותף איז גלייך ארויסגעלאָפן — און אין א ווײַלע ארום אריינגעקומען מיטן „טאַכער״, טאַקע מיט דעם זעלבן, וואָס איז אהער־געקומען מיט דריי חדשים צוריק.

לייזער איז לעבעדיק געוואָרן. ער האָט זיך האַסטיק אויפגעהייבן, אנטקעגן געלאָפן דעם אורח מיט שמחה און געגעבן אים א וואַרעמען שלום־עליכם.

— גאָט האָט איך געבראַכט! — האָט ער האַרציק אויסגעשריען — ס׳איז אזוי אומעטיק אליין אָפּצוריכטן דעם סדר... ווו איז דער קאָפּער? זאָל ער אויסשפּאַנען. וואַשט זיך ארום א ביסל, איך וועל וואַרטן אויף אייך מיטן סדר.

— סדר!?... — האָט דער ייד אויסגערופן פארוווּנדערט, קוקנדיק אויפן טיש — וואָס רעדט איר? דער סדר איז דאָך געווען פאַראַכטאָגן...

— וואָס? — האָט לייזער א געשריי געטאָן, ווי פון אַ שלאַנג געביסן — וואָס זאָגט איר?!...

— וואָס זאָל איך זאָגן? איך זע, אז איר האָט זיך טועה געווען מיט א גאַנצער וואָך... אָט צו וואָס א ייד קען קומען אין אזא ווילדער מדינה!

און דער אָנגעקומענער האָט זיך שטאַרק פונאנדערגעלאַכט.

אויך דער שותף האָט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פאר געלעכטער.

— מיינט איר צו זאָגן, אז איך האָב א גאנצן פּסח געגעסן חמץ?... — האָט לייזער פארשעמט געזאָגט.

— אוודאי — האָט דער „טאָכער״ ניט אויפגעהערט צו לאכן — פאַר־אַכטאָגן איז געווען דער ערשטער סדר. אייער סדר, ר׳ קרוב, איז א פאַר־שפּעטיקטער! פונדעסטוועגן מאַכט ניט אויס, א ביסל פּסחדיקע משקה מעג מען איצט אויך נעמען. אין אפריקע־גנב קען אלץ טרעפן...

לייזער האָט מער ניט גערעדט. ער איז געווען אין כעס און האָט ניט געוווּסט אויף וועמען. ער האָט איצט פארשטאַנען, אז ער האָט זיך טועה געווען ביים אויסרעכענען די צייט פון זיין קראַנקייט מיט א גאַנצער וואָך...

די דאָזיקע פּאַסירונג האָט אויף לייזערן געמאַכט א שווערן רושם און נאָך א לאַנגע צייט דערנאָך איז ער ארומגעגאַנגען ווי א צעמישטער...

— — — — — — — — — — —

דעם יתומס קשיות*)

שיין געגרייט איז דער סדר־טיש. דאָס געשליפענע גלאָזוואַרג פינקלט און דאָס זילבער געשיר גלאַנצט אין די שטראַלן פונם בלענדנדיקן עלעק־טרישן ליכט. די הויכע, זילבערנע לייכטער מיט די ברענענדיקע ליכט גיבן צו א יום־טובדיקן אויסזען דעם גרויסן, עלעגאַנטן עס־צימער.

אויבן־אָן ביים טיש זיצט דער באַלעבאָס — א ייד מיט א גלאַט ראַזירט פנים, גראָבלעכע ליפּן און א נידעריקן שטערן. מיט גרויס הנאה שמועסט ער וועגן פאַרשידענע געשעפטלעכע שפּעקולאַציעס און וועגן גיטער מיט צוויי מענער, געסט פון דער „קאַונטרי״, וועלכע זיצן פוןביידע זייטן טיש. לינקס נעבן אים זיצט א ייִנגל פון א יאָר צען, יאַנקעלע. דאָס איז דער או־קראַאינער יתום, וועלכער האָדעוועט זיך דאָ און איז געוואָרן אדאָפּטירט.

א שיין ייִנגל איז יאַנקעלע. רויטע, רונדע בעקלעך, א לענגלעך נעזל, א ווינקלנדיקער שטערן, שוואַרצע האָר — און א פּאָר ליכטיקע, קלוגע איי־געלעך. דאָס שיינע, נייע אַנצוגל, וואָס ער טראָגט, גיט אים צו א באַזונ־דערן חן.

יאַנקעלע פרייט זיך מיטן שיינעם אַנצוגל און דעם נייעם היטעלע. ער האָט פאַרגעניגן פון דעם וואונדערלעכן סדר־טיש מיט די שיינע קרישטאָ־לענע כוסות און די זילבערנע כלים, וואָס ענלעכע צו זיי האָט ער אין זיין לעבן פריער קיינמאָל ניט געזען. אָבער גלייכצייטיק גיט אים יעדע רגע א נאָג אין הארצל, א צופּ, א ריס, באַגלייט מיט א שטילן, טיפן זיפץ, וועלכן קיינער הערט ניט און קיינער ווייס ניט...

דער וואָכעדיקער שמועס צווישן דעם באַלעבאָס און די געסט, א שמועס, וואָס האַרמאָניזירט אזוי ניט מיטן פּסחדיקן סדר־טיש, ווערט איבערגעריסן. די באַלעבאָסטע, א הויכע פרוי, אָנגעטאָן יום־טובדיק און באַהאָנגען מיט גאָלד און בריליאַנטן, קומט אריין דורך א זייטיקער טיר, מיט א גוטמוטיקן „גוט יום־טוב״. זי וואַרפט א בליק אויף יאַנקעלען, אויף „איר קינד״ —

---

* דאָס בילד באַציט זיך אויף די אוקראַאינער יתומים, וועלכע זיינען אריבערגע־בראַכט געוואָרן קיין דרום אפריקע אין יאָר 1922, נאָך די אוקראַאינער פּאָגראָמען.

און א זיס, וואַרעם געפיל צעגיסט זיך אין איר האַרצן. ס׳איז דער גליק־לעכסטער מאָמענט אין איר לעבן.

שוין צוועלף יאָר ווי זי איז א באַלעבאָסטע. צוועלף פסחן האָט זי גע־פייערט, אין פיר און צוואַנציק סדרים האָט זי אָנטייל גענומען — און נאָך קיינמאָל איז זי ניט געווען אין אזא גוטער שטימונג, ווי איצט. ליידיק און פוסט איז ביז איצט געווען איר רייך לעבן. ס׳האָט איר געפעלט דאָס, וואָס מ׳קען פאַר קיין געלט ניט קויפן; ס׳האָט איר געפעלט די מתנה פון דער נאַטור... ס׳האָט איר געפעלט א קינד, וואָס זי זאָל קענען צודריקן צו איר האַרצן, א קינד, וואָס זאָל זי רופן מיט דעם ליבן וואָרט „מאמע״. געפעלט האָט דאָס איר שטענדיק, אָבער פּסח צום סדר האָט זי די עלנטקייט פיל שטאַרקער געפילט. פלעגט זי זיצן ביים טיש אומעטיק און דערשלאָגן. היינטיקן פּסח איז זי אויפגעריכט געוואָרן. גאָט האָט איר געהאָלפן: זי איז באַגליקט געוואָרן מיט א קינד, מיט יאַנקעלען! אָט באַלד קומט דער גליק־לעכער מאָמענט, אויף וועלכן זי האָט אזוי לאַנג געהאָפט. יאַנקעלע וועט פרעגן די קשיות. ביי איר שטענדיק פוסטן טיש וועט קלינגען דאָס פריי־לעכע שטימעלע פון אַ קינד, א ייִנגעלע: „טאַטע, איכ׳ל דיך פרעגן פיר קשיות!...״

אָבער אין דער זעלבער רגע האָט זיך אין איר האַרצן אריינגעגנבעט אַן אומעטיק געפיל, וואָס האָט פאַרטונקלט איר גליק. ס׳באַפאַלט זי פּלוצ־לינג אַן אינסטינקטיווע אומרואיקייט. ס׳גיט אין דער טיפעניש פון איר נשמה אַ נאָג דער געדאַנק: יאַנקעלע איז דאָך א קינד פון אַן אַנדערער מאַמען... אַן אַנדערע מאַמעס ברוסט האָט ער געזויגן... זי דערמאָנט זיך אויך, ווי שווער ס׳איז געווען יאַנקעלען אין דער ערשטער צייט צו רופן זי „מאַמע״... ס׳דאַכט זיך איר, אז אפילו נאָך אויך איצט רעדט ער ארויס דאָס וואָרט „מאַמע״ מעכאַניש, ווי ניט מיט זיין קול, אָן יענעם קלאַנג פון נאַטירלעכער צוגעבונדנקייט... אָבער זי באַהערשט זיך גלייך, זי פאַר־טרייבט דעם געדאַנק מיט געוואַלד; זי וויל מער וועגן דעם ניט קלערן... — „יאַנקעלע איז מיין קינד! ער איז מיינער, קיינער וועט אים פון מיר ניט אוועקנעמען, קיינער... און ער איז דאָך אויך אזוי גליקלעך, ס׳פעלט דאָך אים ביי מיר גאָרנישט... איך בין זיין מאַמע, זיין מאמע!...״

— וואָס, מ׳וועט אָנהויבן? — האָט דער באַלעבאָס זיך פּלוצלינג אָנ־גערופן.

און מ׳האָט אָנגעהויבן.

די באַלעבאָסטע קוקט אויף יאַנקעלען און קוועלט. אָט באַלד וועט קלינגען דאָס זיסע שטימעלע: באַלד וועט ער פרעגן די קשיות.

— נו, יאַנקעלע, פרעג די קשיות! — האָט דער באַלעבאָס ברייטלעך אויסגערופן.

יאַנקעלע האָט זיך אויפגעשטעלט... זיינע ליפּעלעך האָבן זיך פונאַנ־דערגעעפנט, אָבער ער האָט געשוויגן.

— שעם זיך ניט, יאַנקעלע, קינד מיינס — האָט די באַלעבאָסטע צו אים זיך געווענדעט מיט מוטערלעכער הארציקייט און אירע אויגן זיינען פייכט געוואָרן פון טרערן.

אָבער יאַנקעלע שווייגט. אין זיין האַרצל האָט אים גענומען קלאַפּן, זיינע אויגעלעך האָט פאַרצויגן א וואָלקן. דאָס גרויסע צימער מיטן רייכן מעבל, דער רייך־געדעקטער טיש, מיט אלע זאַכן און די מענטשן, וואָס זיצן דאָ ארום, זיינען ווי פארשוואונדן — און פאר זיינע אויגן האָט זיך געשטעלט א בילד: א קליין, נידעריק שטיבל... ווייס־געקאַלכטע ווענט, געל זאַמד אויסגעשאָטן אויפן דיל... א פּראָסטער, הילצערנער טיש, פאַרדעקט מיט אַ גראָבן, ווייסן טישטוך; אויף אים — אַ פלעשל ווייַן מיט עטלעכע גלעז־לעך און עטלעכע איבערגעדעקטע מצות. אויבן־אָן ביים טיש, מיט א קישן ביי דער זייט אויף א בענקל, זיצט זיין טאַטע... ס'פּנים זיינס איז בלייך, מיט א רונדיק שוואַרץ בערדל; אויפן קאָפּ טראָגט ער א סאַמעטענע יאַר־מולקע. ער זאָגט די הגדה מיט א שיינעם ניגון. נעבן יאַנקעלען שטייט די מאַמע, א יונגע פרוי אין א ווייס פאַרטוך, מיט העל־רויטע באַקן, מיט גוטע, מילדע אויגן... זי בויגט זיך אראָפּ צו אים, דריקט אים צו צו איר האַרצן, גיט אים א הייסן קוש... „יאַנקעלע", זאָגט זי, „מיר זאָלן דערלעבן איבער א יאָר און דו זאָלסט ווידער פרעגן די קשיות..."

דאָס בילד פארשווינדט מיטאַמאָל און פאר זיינע אויגן שוועבט פאַרביי א צווייט בילד: אין דעם זעלבן שטיבל געפינען זיך א סך גויים מיט פאַר־שיכורטע פּנימער — דער טאַטע ליגט אויף דר'ערד אין א טייך בלוט... די מאַמע באַקומט א קלאַפּ מיט א שטיק אייזן... זי שרייט אויס: „יאַנקע־לע מיין..." און גיט א פאַל אוועק אויף דר'ערד, גיט ווייט פון טאַטן...

— נו, וואָס שווייגסטו? מ'הייסט דאָך דיך פרעגן די קשיות — זאָגט דער נייער טאַטע האַלב אין כעס.

אָבער יאַנקעלע הערט ניט. ווי אין א קאַליידאָסקאָפּ רוקן זיך פאַרביי זיינע אויגן די טראַגישע בילדער... די צרות און פּיין, וואָס ער האָט געליטן... ביז מ'האָט אים איבערגעגעבן צו די דאָזיקע נייע טאַטע־מאַמע. א שרעק־

לעכע בענקשאַפט כאַפּט אים אין דעם מאָמענט ארום נאָכן אמתן גוטן טאַטן, װעלכער פלעגט אים אלע שבת בײטאָג פארהערן און פלעגט זאָגן, אז ער האָט אים האָלט, און נאָך דער טײערער, ליבער מאַמען, מיט די װײכע, װאַרעמע הענט, מיט די הײסע ליפּן... צו איר שױס פלעגט זײן אזױ גוט זיך צו טוליען, װען ער פלעגט קומען פון חדר, און אויף איר ברוסט איז געװען אזױ גוט אָנצושפּאַרן דאָס קעפּעלע, װען ס׳פלעגט װײ טאָן...

— פרעג די קשיות, יאַנקעלע, שעם זיך ניט... זײ א „גוד באָי״ — זאָגט די נײע מאַמע, א גלעט טוענדיק יאַנקעלעס בעקל — און עפּעס גיט איר דערבײ א קלעם אין האַרצן, ניט װיסנדיק גאַנץ קלאָר, פאַרװאָס...

יאַנקעלע גיט זיך א כאַפּ, װי פון א חלום. זײן קערפּערל נעמט ציטערן, זײן צונג נעמט זיך פּלאָנטערן — און ער הױבט אָן זאָגן מיט זײן קינדערש געבראָכענער שטים:

— טאַ־אַ־טע — איכל — אײך — דיך — פרעגן פיר...

א שטראָם טרערן גיט זיך א גאָס פון זײנע אױגעלעך און ער װײנט זיך פונאַנדער הױך אױפן קול...

— — — — — — — — — — —

ביי אַ פרעמדן טיש

דער לאנגער, טייערער, מאַהאַגאָנער טיש אין דעם רייך־פּארפוצטן עס־זאַל אין א פּרעכטיקער ווילע מיט א קלינגעדיקן נאָמען, איז שיין און קינסט־לעריש דעקאָרירט און געגרייט צום סדר. די שענסטע זילבערנע כלים און דאָס גלאָזווארג פון געשליפן קרישטאָל זיינען אויסגעשטעלט לויט א באַשטימטן פּלאַן צווישן די פינקלדיקע קאַראַפינען וויין, און צו דריי מצות אונטער געשטריקטע סערוועטקעלעך ליגן פאַר יעדן פון די שטוב־מענטשן.

די מיטגלידער פון דער פאַמיליע פאַטריק זיצן אויף זייערע שטולן ווייט פון טיש און זיינען פאַרטיפט אין וויכטיקע געשפּרעכן. די „באָיס", צוקונפטיקע אדוואָקאַטן, דאָקטוירים און דענטיסטן, ריידן וועגן זייערע ביכער, לעקציעס און ספּאָרט; די מיידלעך, צוקונפטיקע „סאָסייטי־ליידיס", ריידן וועגן קליידער, זאָקן, נייע פאַסאָנען היט, בעלער, טענץ און „בייעסקאָפּס". דער באַלעבאָס אליין, האַרי פאַטריק, מיט א גלאַט ראַזירט, קיילעכדיק לבנה־פּנים, מיט א גרויסן פליך און מיט עטלעכע גאָלדענע ציין, זיצט פויל אין א ווינקל אין א טיפן, געבעטן פאָטעל, האַלט די „פּייפ" אין מויל און כאַפּט א דרעמל. מאַדאַם פאַטריק, א קורצע, דיקלעכע פרוי, אָנגעטאָן אין א טייער אָוונט־קלייד, באַהאַנגען מיט איר גאַנצער צירונג, וואָס ווערט גע־שאַצט אין די שווערע הונדערטער פונטן, — לויפט ארום און קאָמאַנדעוועט מיטן שוואַרצן דינער און מיט דער ווייסער דינסט, ווי א רוסישער גענעראַל:

„א קרוג וואַסער מיט א וואַש־שיסל שטעלן אַט־דאָ! א האַנטוך — אַט דאָ ביי דער זייט! אויפן טיש — א טעלער זאַלץ־וואַסער און א ציבעלע ביי דער זייט! אויף נאָך א טעלער — א ביין מיט אַן איי! און דאַן שטיקלעך כריין מיט נאָך עפּעס, וואָס האָט א „מאָדנעם" נאָמען".

— אַט אזוי וויל דער „אָלד מען" — פאַרטיידיקט זי זיך פאַר דער שיקסע — וואָס קען מען טאָן?

— עלטערע לייט זיינען א ביסל צעדרייט — טרייסט איר די שיקסע. און די מאַדאַם איז מסכים.

אַט די מאַדאַם, גערטרוד פאַטריק, קומט פון טשאַפּלאָווקע און ווען זי זאָל ניט זיין אזא מזיק אויף בייטן נעמען, וואָלט איר מאַן געהייסן הערשל, און זי — גרונע, מיט דעם פאַמיליע־נאָמען פעטריקאָווסקי; איז זי אָבער

א געפּערלעכע בריה אויף בייטן נעמען. און ווען הערשל האָט ליקווידירט די „קאָנצעשן־סטאָר" און אריין אין „פּראָפּערטי־ביזנעס" און גענומען „קאָ־לעקטן" עטלעכע הונדערט פונט א חודש, האָט גרונע באשלאָסן צו ווערן א „ליידי", אָבער טאַקע אויפן גאָר הויכן שטייגער. פריער פאַר אַלעם האָט זי זיך א נעם געטאָן צו די נעמען. דעם „אָווסקי" אָפּגעשניטן און גע־בליבן ביים „פּעטריק", און פון פּעטריק ביז „פּאַטריק" איז דאָך שוין א גאָר קורצער וועג — און ס׳איז גרויסארטיק. פון הערשל „האַרי", — איז, דאַכט זיך, אויך ניט קיין שלעכטער בייט. היינט די קינדער! א זון, יאַנקל, — ער הייסט טאַקע נאָך איר טאַטן — אָבער — יאַנקל, פּע, א מיאוסער נאָמען. דזשעק, טויג אויך ניט, ס׳איז געוואָרן צו יידיש. „דזשים" איז שענער און בעסער. נאָך א זון, חיים — נאָך איר זיידן, א פיינער ייד געווען; דאַכט זיך, גאָר נישקשה פון א נאָמען, און עס זעצט זיך געוויינטלעך איבער אויף „היימאַן", איז עס אָבער ניט גענוג ענגליש פאַר אונדזער טשאַפּלאָווקער דאַמע. „דזשיימס", זאָגט זי, „איז בעסער און קלינגט שענער". א טאָכטער האָט זי, באַשע, א נאָמען נאָך איר באָבען. האָט די מאַדאַם געטראָגן אין האַרצן א כעס אויף איר באָבען, זי זאָל דאָרט רוען. ס׳געהערט א ביסל א נאָמען? באַשע! אמת יאַכניש און יידיש. „בעטסי" טויג אויך ניט; ס׳איז אויך צו יידיש. „ביטריס" קלינגט אמת ענגליש. נאָך א טאָכטער, רחל, האָט די מאַדאַם איר געענדערט דעם נאָמען אויף „רעגינא"; אנ־דערש האָט זי ניט געוואָלט. מיט איר אייגענעם נאָמען האָט זי זיך פּשוט געשעמט פאַר זיך אליין. גרונע — שמעקט עפּעס מיט ברושקע־צימעס... „גערטרוד" איז א פּאַסיקער נאָמען פאַר א „ליידי" פון איר שטאַנד.

און צו דעם אלעם האָט זי איינגעפירט, אז אין שטוב זאָל מען קיין יידיש ניט ריידן. דאָס וואָס מען קען ניט ריכטיק ריידן ענגליש, מאַכט ניט אויס, אבי ס׳זאָל ניט קלינגען יידיש.

אָט אזא יידענע איז געווען די אמאָליקע גרונע פּעטריקאָווסקא פון טשאַפּלאָווקע.

— האַרי — זאָגט די מאַדאַם מיט פאַרדרוס צו איר מאַן — וואָס איז מיטן „אָלד מען"? ווי לאַנג וועט מען וואַרטן? די „טשילדרען" זיינען „האַנגרי".

—מען וועט ענדיקן דאַווענען, וועט ער קומען.

— וויסט, האַרי, דיין טאַטנס פרומקייט מאַכט מיך נערוועז...

האַרי האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן. אָבער אין דער זעלבער רגע האָבן זיך דערהערט טריט און באַלד איז אריינגעקומען דער „אָלד מען".

דאָס איז געווען אַ שיינער, הויכער, עטוואָס געבויגענער מאַן, מיט אַ קורץ, גראָ בערדל. זיין שטערן האָט געהאַט טיפע קנייטשן און זיינע אויגן האָבן אויסגעדריקט בענקשאַפט.

— גוט יום־טוב, קינדער! — האָט ער מיט אַ געמאַכטן מוט געזאָגט, אריינקומענדיק.

— „גוד יאָנטעף", „גרענד־פּאַ"! — האָבן אַלע קינדער אין אַ כאָר אויסגערופן.

אָט דער „גרענד־פּאַ", האַרי פּאַטריקס פּאָטער, איז ווייט אין די זעכ־ציקער יאָרן. אין זיין שטאָט אין דער ליטע איז ער געווען איינער פון די שענסטע באַלעבאַטים. די לעצטע יאָרן איז ער פאַראָרעמט געוואָרן און האָט געלעבט פון די עטלעכע פונט קצבה, וואָס ער פלעגט דערהאַלטן פון זיין זון אין אַפריקע. עס איז אים געווען זייער אומאָנגענעם צו לעבן פון קצבה, כאָטש זי קומט פון זיין אייגענעם זון. אָבער ווי אַ פרומער ייד, האָט ער עס מקבל געווען באהבה און זיך צופרידנגעשטעלט מיט זיין לאַגע, ביז זיין ווייב איז געשטאָרבן און ער איז געבליבן עלנט ווי אַ שטיין. מר. פּאַטריק האָט דאַן דעם טאַטן געשיקט געלט און אים פאַרגעשלאָגן צו קומען צו אים קיין אפריקע. דער רב פון שטעטל האָט אים געעצהט, ער זאָל פאָרן. אז אַ ייד אין אפריקע וויל אזוי שטאַרק מקיים זיין די מצוה פון כיבוד־אב, טאָר מען אים ניט אָפּזאָגן. „און צווייטנס", האָט דער רב גע־זאָגט, „וועט איר זען דאָרט אייערע אייניקלעך, זיי אַ ביסל מדריך זיין אין יידישקייט. דאָס אליין איז אויך אַ גאָר גרויסע זאַך".

דער אַלטער איז געווען שטאַרק פאַרוואונדערט צו געפינען ביי זיין זון אזא רייך הויז; ער האָט נאָך אַזאַ עשירות אין זיין לעבן ניט געזען. עס האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט ביז ער האָט זיך גענומען פילן עלנט אין דעם גרויסן הויז. דעם זון האָט ער ניט דערקענט. ניט אין זיין אויס־זען און ניט אין זיין יידישקייט. די שנור האָט ער געהאַלטן פאַר אַ ניט־געשמדטע גויה. ער האָט בשום־אופן ניט געקענט פאַרשטיין, ווי אזוי אַ יידישע טאָכטער פון טשאַפּלאָווקע זאָל אין אפריקע אזוי אנדערש ווערן. און ווען ער האָט געפּרוווט נעמען ריידן מיט די קינדער און ער האָט באַ־מערקט, ווי זיי ווערן צו אים צוגעלאָזן, האָט זיך די מאדאם גלייך אריינ־געמישט און געזאָגט, כלומרשט אין אַ זייער געבראָכענעם יידיש:

— שווער, לאָזט זיי גיין. מיינע קינדער ענגלישע, זיי ניט ריידן יידיש...

— גאָר אזוי — רעדט דער אַלטער צו זיך אַליין — די מאַמע איז אַ טשאַפּלאָווקערין — און די קינדער זיינען ענגלישע און ריידן ניט קיין

יידיש! נו, מסתמא קען דאָך אַזוי אויך זיין. אין א מדינה, וווּ ס׳קען ברע־נען די זון אין טבת און שבט און ס׳קען געבן פראָסט מיט שנייען אין תמוז, קען א טשאַפּלאָווקער יידענע זיין אַן ענגלישע דאַמע און אירע קינדער טאָרן ניט ריידן קיין יידיש...

און ווען דער אַלטער האָט אַמאָל געפּרוּווט א שמועס טאָן מיט זיין זון מכוח דעם דאָזיקן ענין, האָט אים יענער גלייך אָפּגעשלאָגן די פליגל מיט א קורצן ענטפער:

— איך האָב מיט דעם ניט צו טאָן. אַלץ, וואָס די קינדער לערנען, מוז ביי איר זיין אויף ענגליש. מיין ווייב וויל זיין א „ליידי" און „סווינקען". אָט דערפאַר ווינען מיר דאָס אין אַזא געגנט, אין אַזאַ שיין הויז, און מיר האָבן אַלע אַזעלכע שיינע נעמען...

דער אַלטער האָט מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן. ער האָט געזען, אַז ער האָט געמאַכט א פאַלשן שריט דערמיט, וואָס ער איז געקומען צום זון. ס׳איז אָבער געווען צו שפּעט.

דעם אַלטנס פאַרדרוס האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט, ווען ער האָט באַמערקט, ווי די קינדער, די ייִנגלעך און די מיידלעך, רעספּעקטירן אים, האָבן אים ליב און ווילן מיט אים פאַרברענגען, נאָר די מאַמע לאָזט ניט...

— שווער, לאָזט זיי גיין. מיינע קינדער ענגלישע, זיי ניט ריידן יידיש...

קיינמאָל האָט אָבער דער אַלטער ניט געפילט אַזא פרעמדקייט און עלנטקייט אין זיין זונס הויז, ווי איצט, פּסח צום סדר... דאָס איז געווען זיין ערשטער פּסח אין אַפריקע. ער האָט דערזען דעם שיינעם טיש מיטן גרויסן לוקסוס; אַלץ איז צוגעגרייט, ווי ער האָט פאַרלאַנגט. שיין, ריין און פיין. וווּ איז אָבער דער יידישער גייסט? ער האָט פאַרשטיקט א זיפץ און האָט זיך באַמיט צו ווייזן א פריילעך פּנים.

די פאַמיליע האָט זיך געזעצט אַרום טיש. פאַרן „אָלד מען" האָט מען געמאַכט א הסב־בעט מיט קישנס, ווי ער האָט געהייסן. דער אַלטער איז געוווינט צו זיצן ביים סדר אין א קיטל און ער האָט דעם מנהג ניט געוואָלט ברעכן. ער האָט אָנגעטאָן דעם קיטל מיט דער יאַרמולקע... אין שטוב איז געוואָרן שטיל. אַלע קינדער האָבן געקוקט פאַרגאַפט און האָבן דער־פילט א דרך־ארץ פאַר דעם „גרענד־פאַ"...

דער „אָלד מען" האָט געמאַכט קידוש מיטן אַלטן יידישן ניגון, און דער קליינער „טעדי" (דער מאַדאַמס אַן איבערזעצונג פון שרגא־פייוול) האָט געפרעגט די „פאָור קוועשטשנס" אויף ענגליש, ווי דער רבי האָט אים אויסגעלערנט, לויט דער מאַמעס אינסטרוקציעס...

דער אַלטער האָט גענומען זאָגן די הגדה מיט אַ געבראָכענער שטים, אין וועלכער ס׳האָט געקלונגען טרויער... ער האָט געפילט, אַז ער געפינט זיך ביי אַ פרעמדן טיש, ער זיצט מיט מענטשן, וואָס פאַרשטייען אים ניט. ער דערמאָנט זיך אין זיינע אַמאָליקע סדרים, מיט לאַנגע יאָרן צוריק, ווען זיינע קינדער האָבן נאָך געלעבט, ביי אים אין דעם קליינעם שטיבל... אַ טיש איז געווען געגרייט ניט אַזוי רייך און עלעגאַנט, ווי דאָ, ס׳האָט אָבער אין שטוב געהערשט דער יידישער גייסט. די קינדער זיינען געווען זיינע, זייערע נשמות זיינען געווען פאַראייניקט מיט זיינער. און אפילו נאָכדעם ווי די קינדער זיינען אַוועק אויף דער מלחמה — און שוין מער ניט צוריק־געקומען, האָט ער זיך אויך נאָך אַלץ ניט געפילט אַזוי עלנט... זיין פרוי, מיט דעם גוטן, ריינעם האַרץ, מיט דער יידישער נשמה, האָט אים געטרייסט. און איצט... ער ריכט אָפּ דעם סדר צוזאַמען מיטן זון און די אייניקלעך; דער טיש איז אָבער אַ פרעמדער, אַ ווייטער, און ער איז אַליין... אַליין ביי אַ פרעמדן טיש.

ווען ס׳איז געקומען צום עסן, איז ביים טיש געוואָרן לעבעדיק און פריילעך. עס האָט זיך ווידער אָנגעהייבן אַ שמועס וועגן ספּאָרט, טעניס, „מאָטאָר־רייסעס״, לופט־„רייסעס״ און נאָך אַזעלכע וויכטיקע ענינים. דער אַלטער הערט זיך איין, נאָר ער פאַרשטייט פון דעם שמועס זייער ווייניק — און נאָך שטאַרקער דערפילט ער זיין פרעמדקייט און נאָך שווערער ווערט אים אויפן האַרצן. אָט דאָס זיינען זיינע קינדער? אָט די וועלן עס זיין זיינע יורשים?...

און די געשמאַקע מאכלים ווערגן און שטיקן אים...

צו דער אַנדערער העלפט פון דער הגדה האָט זיך די סצענע געביטן. די קינדער זיינען מיט דער גרויסער „קאַר״ אַוועקגעפאָרן צו „פרענדס״ — און דער באַלעבאָס זיצט ביים טיש און דרימלט.

— האַרי — זאָגט די טשאַפּלאָווקער מאַדאַם — דו ביסט מיד, גענוג געזאָגט. קום אין „לאַונדזש״ האָבן אַ „סמאָוק״.

דער מאַן, וואָס זאָגט קיינמאָל ניט אָפּ זיין ווייב, האָט זיך אויפגעהויבן, אַוועק פון סדר־טיש — און דער אַלטער איז געבליבן אַליין...

און מערקווירדיק. ער האָט זיך דערפילט פרייער, זייענדיק אַליין. ער האָט אָנגעהייבן זאָגן די אַנדערע העלפט הגדה מיט חשק און התלהבות. ער האָט פאַרגעסן אויף אַ ווילע, ווו ער געפינט זיך: די יאָרן מיט דער ווייטקייט זיינען פאַרשוווּנדן, און ס׳דאַכט זיך אים, ווי ער זיצט ביי זיין

אײגענעם טיש, אין זײַן אײגענער הײם... ער זאָגט און זינגט בנעימותדיק, באריכות, מיט פאַרגעניגן. אַט פאַרקוקט ער זיך א רגע, אין א פּירוש, גיט א שאָקל מיטן קאָפּ — דאָס הײסט, אז ער איז מסכים, און זאָגט װײַטער, און זינגט װײַטער, און טרינקט מיושבדיק זײַן „כוס רביעי״.

ער ענדיקט „חד גדיא״ און נעמט זיך מיט א נײַעם חשק, מיט ליבשאַפט און מיט ברען צום „שיר השירים״, צום קודש־קדשים־געזאַנג, אין װעלכן די כנסת־ישראל שמועסט מיט גאָט... און די זיסע װערטער צעגיסן זיך װי טײַערער באַלזאַם אויף זײַן האַרץ און ער פילט זיך אזוי גוט, אזוי גוט!...

מיט יעדן קאַפּיטל װאַקסט זײַן התלהבות, זײַן גײַסטיקער תענוג... זײַן זיסע שטים קלינגט־אָפּ אזוי שײן אין דעם פּרעכטיקן, גרױסן, שטילן זאַל:

„...אני חבצלת השרון... על משכבי בלילות... באתי לגני, אחותי כלה... אל גנת אגוז ירדתי...״ — — —

עס לױפן די שעהן. ס׳איז שױן נאָך האַלבער נאַכט. דער אַלטער האָט שױן געענדיקט זאָגן „שיר השירים״. ער האָט אָבער ניט קײן חשק אװעקצוגײן פון טיש. ער װיל ניט אױסלעשן אזױ גיך דעם הײליקן ניצוץ, װאָס האָט זיך אין זײַן נשמה אָנגעצונדן — און ער הײבט אָן נאָך אַ מאָל זאָגן דאָס לעצטע קאַפּיטל:

„...מי יתנך כאח לי... שימני כחותם על לבך...״ — — —

און װײַטער, און װײַטער...

די קינדער זײַנען שױן אהײמגעקומען. יעדער איז אװעק אין זײַן צימער. און גײענדיק, האָבן זײ געהערט דעם אַלטנס װוּנדערלעך־זיסן ניגון.

— „בײ דזשאָו! איזנט דהי אָלד מען א מאַרװל?!*) — זאָגט דער צוקונפטיקער דענטיסט.

— „יעס, באַט הי איז אײ פײַן טשעפּ, יו נאָו״ **) — ענטפערט דער צוקונפטיקער אדװאָקאַט.

— — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — —

*) אױף מײַן װאָרט! װאָס זאָגסטו אױפן אַלטן? איז אים ניט צו באַװוּנדערן?

**) יאָ, ער איז א פײַנער מאַן, דער אַלטער.

זיין ווייבס משפחה

עטלעכע טעג פאַר פסח איז טשאַרלי ארומגעגאַנגען צערודערט און צעטראָגן. זיין פלוניתטע, די גויה, איז צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל דווקא מאַכן א סדר מיט מצות, מיט וויין, מיט פסחדיקן בראָנפן — קורץ, מיט אַלע פיטשעווקעס, ווי ס׳פירט זיך בכל תפוצות־ישראל.

אייגנטלעך האָט ער דאָס געדאַרפט אליין טאָן! ווייל ווען ס׳איז געשלאָסן געוואָרן דער „גליקלעכער" שידוך צווישן אים מיט זיין שיקסע, איז בפירוש אָפּגעמאַכט געוואָרן, אז אין „רעלידזשן" זאָלן זיי זיין פריי. דאָס הייסט, ער קען זיך האַלטן זיינע יידישע ימים־טובים, אין וועלכע זי זאָל זיך אויך משמח זיין. זיי זאָלן איינער דעם אנדערן ניט שטערן. און אזוי ווי דער פסח איז דער ערשטער יידישער יום־טוב נאָך זייער חתונה, איז אויף אים געלעגן דער חוב מקיים צו זיין דאָס, וואָס מ׳האָט אָפּגערעדט. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און ס׳וואָלט ביי אים רעכט געווען איינגאַנצן צו מאַכן א שוויג וועגן פסח. איז אָבער אָט די שיקסע, מיט וועלכער ער באַרימט זיך שטענדיק פאַר זיינע לאַנדסלייט, ווען ער קומט אין שטאָט, אז זי האַלט מער פון יידישקייט, ווי א סך יידישע ווייבער, — צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל דווקא מאַכן א סדר, ווי אַלע יידן.

ווייסן פון א סדר ווייס זי, ווייל זי איז אַמאָל געווען צום סדר ביי א יידישן פאַרמער, האָט זי געזען, ווי ס׳פירט זיך און ס׳איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן. זי האָט זיך אפילו נאָכגעפרעגט און דערוווּסט, ווען דער ערשטער סדר קומט אויס, און זי האָט זיך געוואָלט משמח זיין אין איר מאַנס יום־טוב.

טשאַרלי האָט חתונה געהאַט מיט זיין שיקסע, ווי ער זאָגט, אויס ריינער ליבע. אָבער א ביסל שפּעטער האָט ער דערפילט עפּעס ווי א מין מורא פאַר איר. ער האָט געפילט, אז ס׳לוינט זיך ניט מיט איר איינצורייסן, אז זי זאָגט עפּעס, איז געזאָגט. און אז זי וויל א סדר, מוז זיין א סדר, ס׳העלפן קיין חכמות ניט. איז ער אוועקגעפאָרן אין דעם נאָענטן שטעטל און האָט זיך איינגעקויפט מצה מיט וויין, מיט פסחדיקן בראָנפן, און פון יוצא וועגן — אויך א הגדה. אָבער ער איז ארומגעגאַנגען ווי אַ נעכטיקער. אמת,

ער איז א ייד און זײן גױיש װײב שטערט אים ניט, נאָר דװקא דאָס, װאָס זי שטײט צו צו אים, ער זאָל דאָס טאָן, איז אים אומאַנגענעם. ער פאַר־שטײט, אז ס׳איז עפּעס ניט דאָס...

און פאַרקערט — האָט טשאַרלי זיך געטראַכט — װאָס קען עס שאַדן, אז ער װעט האָבן א פּסחדיקן מאָלצײט, עסן מצות און טאָקע מאכן א כוסה אויך? װאָס קען דאָ אזוי שלעכט זײן? און ער האָט זיך ביסלעכװײז באַ־רואיקט. און װען ער איז געקומען פּסח פאַרנאַכט אהײם און האָט געפונען דעם טיש פאַרדעקט מיט א װײסן טישטוך און ס׳האָבן זיך געפונען אויף אים מצות מיט װײן און בראָנפן, — איז ער געװען אינגאַנצן צופרידן און ס׳האָט אים אויך הנאה געטאָן. לכבוד דעם יידישן מאַנס יום־טוב האָט די שיקסע צוגעגרײט א פײנעם מאָלצײט, האָט זיך אָנגעטאָן אין אירע זונטאָגדיקע קלײדער און האָט געטענהט, אז ס׳איז איר יום־טוב.

טשאַרלי האָט קײן שהיות ניט געמאַכט, זיך געזעצט צום טיש און זיך געװאָלט נעמען צו דער אכילה... האָט אָבער דאָס װײבל דורכאויס פאַר־לאַנגט,ער זאָל זאָגן די „תפילות" פון ביכל, װי אלע יידן, פּונקט װי זי האָט אַמאָל געזען בײם יידישן פאַרמער.

טשאַרלי האָט זיך דערפילט װי אַן אָפּגעגאָסענער און האָט זיך פּשוט גענומען שעמען פאַר זיך אלײן... זאָגן די הגדה מיט זײן יונגער גויה בײ דער זײט?... ס׳העלפט אָבער ניט. ס׳איז דאָך גלאַט א חרפּה, אז זי הײסט אים היטן יידישקײט — און ער זאָל ניט װעלן. האָט ער געעפנט די הגדה און געפּרוּװט נעמען מורמלען אין דער שטיל. װיל זי אָבער ניט!

— זינג, טשאַרלי טײערער, זינג די תפילות, װי ס׳זינגען אלע יידן.

ניט האָבנדיק קײן ברירה, האָט טשאַרלי גענומען זאָגן די הגדה מיטן ניגון, װאָס ער געדענקט, און דאָס װײבל האָט געקװאָלן פון נחת.

— אָט אזוי איז גוט, טשאַרלי ליבער! אזוי איז שײן, זײער שײן...

טשאַרלי איז ביסלעכװײז ארײן אין א שטימונג און, זאָגנדיק װײטער די הגדה, האָט ער װי אינגאַנצן פאַרגעסן, װו ער איז דאָ אין דער װעלט... זײנע געדאַנקען האָבן אים א טראָג געטאָן אויף שײנע עטלעכע יאָר צוריק, װען ער איז געזעסן בײם סדר אין דער הײם, בײ זײן טאַטן אין שטוב, מיט זײנע ברידער און שװעסטערן, דעם לעצטן פּסח פאַר זײן אװעקפאָרן קײן אַפריקע. זײן ליבע, גוטע מאַמע איז דעמאָלט געזעסן בײם טיש און גע־װײנט, װאָס ער, דער זון, פאַרלאָזט זײ אויף אײביק...

אין טשאַרליס הארצן האָבן געגומען ציטערן פאַרבאַרגענע סטרונעס, וואָס האָבן ארויסגערופן ווייכע, צאַרטע געפילן... זיינע אויגן זיינען פייכט געוואָרן פון טרערן...

א לענגערע צייט איז טשאַרלי געווען, ווי מ׳זאָגט, ארויס פון די כלים. ער האָט זיך געפונען אין אַן אַנדערער וועלט, אין אַ וועלט פון זיינע נאָענטע און אייגענע... נאָר פלוצלינג האָבן גראָבע, רויע שטימען דערגרייכט צו זיינע אויערן... זיין אילוזיע איז מאָמענטאַל פארשוווּנדן — און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון א זיסן חלום. ער האָט אויפגעהויבן זיינע פייכטע אויגן — און האָט דערזען זיין ווייבס משפחה...

אָט איז דער טאַטע, דער שווער זיינער, א הויכער, א רויטער, מיט זיינע פיר בנים... אָט איז דער פעטער מיט דער לאנגער, ברייטער באָרד, מיט זיין גראָב, צוויי הונדערט און פופציק פונטיק ווייב. אָט איז דער קוזין, א דינער, א לאנגער, א באָרוועסער, מיט נאָך עטלעכע ווייטע קרובים. דאָס זיינען אלע מחותנים פון ווייבס צד, וואָס זיינען געקומען צום ייד אויף דער איינלאַדונג פון זייער טאָכטער, זיך משמח זיין אין זיין, טשאַרליס יום־טוב, וואָס איז אויך איר יום־טוב, און דערווייל כאַפּן עטלעכע כוסות מיט א געשמאַקן יידישן ביסן.

טשאַרלין איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, ווען ער האָט דערזען די אורחים, און ער איז געבליבן ווי פארלאָרן. אין דעם מאָמענט איז א בילד אדורכגעלאָפן אין זיינע געדאַנקען: א סדר פון אמאָל... ביי זיין טאַטן... ווען צוויי אורחים, שיינע פרעמדע יידן, זיינען געזעסן ביים טיש. איצט פראַוועט ער אויך א סדר — און האָט אויך אורחים...

א שמייכל האָט א שוועב געטאָן אויף זיינע ליפּן... באַלד איז אָבער דער שמייכל פארוואַנדלט געוואָרן אין א ווילדער גרימאַסע. זיין ליב ווייבל נעמט גיסן דעם פסחדיקן בראַנפן אין די גלעזלעך און די געסט טרינקען און ווערן לוסטיק... די, פאַר וועלכע ס׳האָבן אויסגעפעלט גלעזלעך, זופּן פון פלעשל איינער נאָך דעם אנדערן און קנאַקן געשמאַק די מצות, ארויס־זאָגנדיק דערביי די מיינונג, אז אין ערגעץ קריגט מען ניט אזא גוטן טרונק בראַנפן און צובייסעכץ, ווי ביי יידן.

טשאַרלין האָבן זיך גענומען בייטן די קאָלירן אין פּנים. ער האָט גע־נומען ציטערן פון גרויסן כעס. ער האָט געוואָלט נעמען ריידן, שרייען, אָבער ער האָט ניט געקענט. ס׳האָט אים גענומען שטיקן, ווערגן, און א שווייס האָט ארויסגעשלאָגן אויף זיין שטערן. זיצן ביים טיש מיט אָט די אורחים איז פאַר אים געווען אוממעגלעך. ער האָט זיך אויפגעהויבן און גיך

ארויס פון שטוב, ווי ס׳וואָלט אים עמעצער געיאָגט... אין דרויסן האָט ער פרייער אָפּגעאָטעמט. ער האָט גענומען גיין האַסטיק, כמעט לויפן. ווו? אויפן וועג, אין פעלד...

אַ לאַנגע צייט איז טשאַרלי ארומגעגאַנגען אָן א רעכענונג און אָן א ציל. ער האָט געוואָלט קלערן, טראַכטן, — ער האָט אָבער ניט געקענט צוזאַמענ־נעמען די געדאַנקען. אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט ער דערהערט געזאַנגען פון פארשיכורטע קולות. די קולות קומען פון זיין שטוב... אינם געזאַנג הערט זיך אויך די שטים פון זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט אויס ליבע. זי איז זיך איצט משמח מיט איר פיינער משפחה ביי זיין סדר־טיש...

טשאַרליס פאַנטאַזיע האָט זיך מאָדנע צעשפּילט. פאַר זיינע אויגן האָבן זיך גענומען דרייען שאָטנבילדער. אָט זעט ער זיין טאַטן... אָן איינ־געבויגענעם, אַ דאַרן, מיט א שפּיציק בערדל... א הויכן, געקנייטשטן שטערן; גוטע אומעטיקע אויגן... נעבן אים זיצט די מאַמע... איר פּנים איז פארעלטערט, גערונצלט... מיט רויטע פארוויינטע אויגן...

אים ווייזט זיך אויס, אז זיי קוקן אויף אים מיט פאָרוואורף און רחמנות... די מאַמע שפּרייט אויס אירע הענט און בעט זיך:

„כאַצקעלע, מיין קינד, זע, ווו דו ביסט פארקראָכן!...“

ווייט פון וועג האָט זיך דערהערט א שניידנדיקער פייף פון א פארביי־לויפנדיקן צוג. די שאָטנבילדער זיינען פארשוווּנדן... טשאַרלי איז גע־בליבן שטיין. א געפיל פון שרעקלעכער עלנט האָט אים באַהערשט... ער האָט זיך אָפּגעריסן פון זיינע אייגענע — און מיט די פרעמדע קען ער זיך ניט אויסמישן...

און דאָס שיכורע געזאַנג, וואָס האָט זיך אהער דערטראָגן פון זיין שטוב, פארשטאַרקט זיך... ס׳הערט זיך ווייט אין דער שטילער נאַכט אויך דאָס טופּען פון פיס. די משפחה זינגט און טאַנצט און איז זיך משמח ביי זיין סדר־טיש...

אַ לאַנגע צייט האָט זיך טשאַרלי ארומגעדרייט אויפן וועג, ביז ער האָט געזען פונווייטנס ווי זיינע סדר־אורחים קומען ארויס פון זיין שטוב וואַק־לענדיק זיך און זינגענדיק און לאָזן זיך אוועק אויף יענער זייט פעלד. ער האָט גלייך דערפילט א פארלייכטערונג; ווי א שווערער שטיין וואָלט זיך אראָפּגעקייקלט פון זיין הארצן. ער איז דאַן אוועק אהיים.

דעם סדר ענדיקן האָט ער ניט געדאַרפט, דאָס האָבן די מחותנים זיינע פאַר אים געטאָן... די פלעשער פונם פסחדיקן ווייַן און בראָנפן זיינען גע־

לעגן אויפן דיל, אונטערן טיש, ליידיקע.. דאָס טישטוך איז געווען האלב־אראָפּגעצויגן און די הגדה האָט זיך געוואלגערט א פארגאָסענע. זיין „ליב ווייבל" איז געלעגן שיכור און האָט געמורמלט אומפארשטענדלעכע ווער־טער...

אונדזער טשאַרלי האָט איצט פארשטאַנען, וואָס עס הייסט: „זיך משמח זיין אויף איר מאַנס יום־טוב, ווען ... איז אויך איר יום־טוב..."

— — — — — — — — — — —

זיין ערשטער יום־כפור

יום־כיפור צו כל נדרי.

די צייטווייליקע שול אויף די ימים־נוראים איז פול מיט מתפללים. אלע ערטער זיינען פארנומען. דער חזן זינגט די תפילות. דער עולם הערט זיך איין גלייכגילטיק. קיין עקסטאז, קיין השתפכות־הנפש. דאָס דאַוונען איז קאַלט. ניטאָ דער ברען און די התלהבות פון די אמאָליקע יום־כיפורדיקע תפילות אין דער אלטער היים. ס'איז קענטיק, אז דער עולם איז זיך דאָ צוזאמענגעקומען ווי פון יוצא וועגן, מיטצוהאַלטן מיטן מנהג. מ'דארף גיין ראש־השנה און יום־כיפור אין שול אריין, מ'דארף נע־מען אַ „סיט", — ווי דען? דער חשבון־הנפש, וואָס א ייד דארף פאר זיך מאַכן אין דעם הייליקן אָוונט, איז אינגאנצן פארגעסן געוואָרן... אָנשטאָט דעם קען מען זען, ווי יידן זיצן און שמועסן צווישן זיך געמיטלעך, אין דער שטיל... יידן מאַכן חשבונות וועגן וואָכעדיקע געשעפטן. זייער א גוטע און פּאַסנדיקע געלעגנהייט אדורכצושמועסן זיך א ביסל יום־כיפור צו כל־נדרי, איבערהויפּט מיט די, וואָס קומען פון דער „קאָונטרי". און ס'רוב זיינען דאָך דאָס די זעלבע יידן, וואָס זיינען מיט יאָרן צוריק, אין זייער אלטער היים, געזעסן יום־כיפור צו כל־נדרי אין יענע שולן, — מיט שטאַר־קע רעליגיעזע געפילן, מיט גאַנץ אנדערע געדאַנקען, אונטערן רושם פון דעם נאָר וואָס איבערגעלעבטן פייערלעכן מאָמענט אין שטוב, ווען די ווייבער האָבן נאָך ליכט־בענטשן מיט טרערן אין די אויגן אזוי האַרציק געבענטשט די קינדער. דאָ איז אלץ פארשוואונדן. ניטאָ קיין טרערן, ניטאָ קיין בענטשן קינדער, ניטאָ קיין יום־כיפורדיקע געפילן פון תשובה און חרטה... די „על־חטאס" ווערן געפּלאפּלט מיט די ליפּן אָן שום כוונה און אָן א געדאַנק. יעדער קוקט אלע ווײלע אויפן זייגער פון לאַנגווייליקייט...

אָבער אין דער געפּאַקטער שול האָט זיך דאָך געפונען לכל־הפחות איינער, וואָס האָט יאָ געמאַכט א חשבון־הנפש, וואָס האָט יאָ געטראַכט פון תשובה און חרטה. און דער איינער איז גראָד ניט פון די, וואָס האָבן אדורכ־געלעבט די יום־כיפור־אָוונטן מיט דער רעליגיעזער פייערלעכקייט אין

דער אלטער היים; דער איינער איז דערצויגן געוואָרן און געלעבט אין א גאנץ אנדערער סביבה, — אין א סביבה, וואָס איז אויף הונדערט פראָצענט אסימילירט, און אליין איז ער אינגאַנצן א פריידענקער. ער איז געבאָרן געוואָרן און אויפגעוואקסן אין דייטשלאנד; ער האָט באַטראַכט דייטשלאנד פאר זיין פאָטערלאַנד, און ניט געגוג וואָס ער האָט זיך אליין ניט געהאַלטן פאר א ייד, האָט ער נאָך פארהאסט אלץ, וואָס איז יידיש, און געפילט א ספּעציעלע פאראכטונג און פיינדשאַפט צו די פוילישע יידן, האָט זיי באַטראַכט פאַר נידעריקע ברואים, פאַר שנאָרערס און פאַראַזיטן. פונוואנען די שנאה האָט זיך צו אים גענומען, האָט ער אליין ניט געוווסט. דאָס איז עפּעס א מין אינסטינקט, א כאראקטער־שטריך פון פיל דייטשע יידן, צו האָבן א שלעכטע מיינונג וועגן פוילישע יידן. איז אָבער מיטאַמאָל געקומען א צייט, ווען זיין טייער דייטשלאנד, מיט וועלכן ער האָט שטאָלצירט און זיך שטענדיק בארימט: „איך בין א דייטשער", אָט דאָס זעלבע דייטשלאנד האָט געהאַלטן, אז ער איז דווקא א ייד, און ניט קיין דייטש. און אזוי ווי קעגן יידן זיינען ארויס שווערע גזירות מיט די גרעסטע באַליידיקונגען, דערנידעריקונגען און פארפאָלגונגען, האָט ער, ווי א סך אנדערע יידן, פארלאָרן זיין לעבנס־עקסיסטענץ און איז געווען געצווונגען צו אנטלויפן פון זיין ליב פאָטערלאנד און זוכן אַן אָרט ערגעץ אונטער דער זון, ווו ער זאָל קענען עקסיסטירן. מיט שרעקלעכער מי און מאַטערניש איז אים ענדלעך געלונגען צו קומען קיין אפריקע. אָבער ווי דער גורל זאָל זיך וועלן אַן אים נוקם זיין, איז ער — אין דער פרעמדער שטאָט יאָהאַנעסבורג, ווו ער האָט זיך ארומגעדרייט עטלעכע וואָכן אָן באַשעפטיקונג און זיין לאַגע איז געוואָרן קריטיש ביז צו הונגער־נויט — געהאָלפן געוואָרן ניט דורך א דייטשישן אָדער ענגלישן ייד, נאָר דווקא דורך א פוילישן ייד, וועלכער האָט אים אריינגענומען אין זיין גרויס געשעפט, אים באַשטימט א פיינעם געהאַלט, זיך באַצויגן צו אים מיט דער גרעסטער פריינדשאפט און האָט אים אויך געגעבן א פרייע דירה אין זיין הויז.

ער איז מאַטעריעל געהאָלפן געוואָרן, אָבער ער האָט מאָראַליש געליטן פון דעם, וואָס זיין „מלאך הגואל" דאַרף זיין א פוילישער ייד. ס'איז אים געווען אומאַנגענעם. ער האָט זיך באַטראַכט ווי א שולדיקער און האָט זיך געשעמט דעם פוילישן ייד אין די אויגן צו קוקן. ער האָט געליטן פון צוויי פיינלעכע געפילן מיטאַמאָל: פון דעם געפיל, וואָס ער איז אויס „דייטשער", און אויך פון דעם, וואָס ער האָט זיין גאַנץ לעבן געהאַט א פאַלשע מיינונג און א נעפלדיקן באגריף וועגן פוילישע יידן, וואָס איינער פון זיי האָט אים

גערעטעוועט זײַן לעבן אין דעם װײַטן, פּרעמדן לאַנד. צו דער זעלבער צײַט האָט ער אױך געגומען טראַכטן װעגן רעליגיעזע ענינים... די גרױסע אנטױשונג אין זײַן לעבן האָט געשאַפֿן א פּוסטקײט אין זײַן הארצן. ס׳דארף זײַן עפּעס גײַסטיקס, א באשטימטע באװוסטזיניקײט, װאָס זאָל אױספֿילן די פּוסטקײט און אים געבן צופֿרידנקײט. ער האָט געזען, װי דער ײדישער עולם גרײט זיך צו די ימים־נוראים. ער האָט איצט דערפֿילט, אז ער איז אײנער פֿון זײ, אז ער איז א ײד. אָט די ײדישקײט, װאָס ער האָט שטענדיק פֿאַראַכט, דארף פֿארנעמען ס׳אָרט פֿון פֿאַלשן שטאָלץ — „איך בין א דײַטשער", װעלכן מ׳האָט מיט װײטאָג און חרפה פֿון אים ארױסגעריסן. זײַן נשמה דארף האָבן אן אױסלײַטערונג דורך א באַװוסטזיניקער חרטה אױף זײַן ביז־איצטיקן פֿאַלשן לעבן, און דאָס קען זײַן די טרײסט אין זײַן נײעם געענדערטן לעבן.

א לאנגע צײַט האָבן אים די געדאַנקען געפּלאָגט און ער איז ארומגעגאַנגען פֿארזאָרגט. ראש־השנה איז אװעק — און ער האָט זיך אין דעם יום־טוב ניט באטײליקט. ער האָט זיך נאָך ניט געפֿילט דרײסט און מוטיק גענוג, זיך צו פֿאראײניקן מיטן רעליגיעזן ײדנטום. אין זײַן נשמה איז נאָך פֿאָרגעקומען דער קאמף צװישן אַפּיקורסות און ײדישקײט... ענדלעך האָט דאָס ײדישקײט געזיגט. אױף װיפֿל ער האָט געװוּסט, פֿאַסטן ײדן יום־כּיפּור און פֿאַרברענגען דעם אָװנט און דעם טאָג אין „סינאַגאָגע", און זײ דאַװנען און בעטן. ער װעט אױך דאָרט זײַן. ער האָט זיך באזאָרגט מיט א ביליג אָרט אין א צײַטװײַליקער שול אױף די ימים־נוראים. פֿון א פֿרײַנד האָט ער באקומען א מחזור מיט א דײַטשער איבערזעצונג.

און אזױ זעען מיר אים איצט אין שול צװישן די מתפּללים.

דער חזן זינגט און ציקלט זיך. דער עולם דאַװנט און שמועסט אונטער, װי געװײנטלעך. אָבער דער דײַטשער בלאָנדער יונגערמאַן זיצט מיט געשלאָסענע ליפּן און נעמט ניט אװעק די אױגן פֿון זײַן מחזור. ער קען די װערטער אין אָריגינאַל ניט לײענען און ניט פֿארשטײן. ער קען ניט נאָכפֿאָלגן דעם חזן און קען ניט זאָגן. ער שלינגט נאָר מיט די אױגן די איבערזעצונג פֿון די תּפֿילות, פֿון װעלכע ער האָט ביז איצט קײן אנונג ניט געהאַט. פֿיל פֿון די תּפֿילות רײדן ניט צו זײַן הארץ. ס׳איז אים פֿרעמד דער ײדישער גײַסט, דער ײדישער אָרט דענקען, דאָס ײדישע לעבן. ער װײס נאָר, אז זײַן לעבן איז ניט נאָרמאַל, ער איז א פֿארפֿירטער, א פֿארבלאָנדזשעטער. זײַנע גאַנצע פֿינף און דרײַסיק יאָר שװעבן פֿארבײ אין זײַנע געדאַנקען. זײַנע קינדער־יאָרן אין די שולן; די אײַנװאָרצלונג אין

אים, אז „דייטשלאַנד איז איבער אלעס", און זיין שטאָלץ מיט זיין דייטשער נאַציאָנאלעטעט, זיין פאַראַכטונג צו אלץ, וואָס איז יידיש, זיין פיינדשאַפט צו די „אָסט־יודען"... און שפּעטער — זיין ליבע מיט א קריסטלעך מיידל... ביז די מאַכט פון לאַנד איז אריבערגעגאַנגען צו שדים און מלאכי־חבלה, וואָס האָבן זיך געשטעלט פאַר א ציל צו פאַרניכטן די יידישע ראַסע. זיין פאָטער, וואָס האָט זיך דערלויבט צו זאָגן א פאָר ווערטער פאַר אַ פאַלשן פריינד, איז אוועקגעשלעפּט געוואָרן אין א קאָנצענטראַציע־לאַגער און אומ־געקומען אין שרעקלעכע יסורים. זיין געליבטע האָט זיך פון אים אָפּגע־זאָגט, זיין לעבנס־עקסיסטענץ איז פון אים אוועקגענומען געוואָרן און ער האָט געמוזט אוועק...

פלוצלינג האָבן זיך זיינע געדאַנקען אָפּגעשטעלט. ער האָט דערזען ווערטער אין מחזור, וואָס האָבן אויף אים געמאַכט א טיפן איינדרוק, א תפילה, וואָס ער פאַרשטייט און פילט. די איבערזעצונג פון „וכל הרשעה כלה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ" — „דאָס שלעכטע זאָל ווי א רויך פאַרשווינדן, און די פאַרברעכערישע הערשאַפט זאָל אוועקגענו־מען ווערן פון דער וועלט". זיינע ליפּן האָבן גענומען מורמלען די ווערטער מיט הארץ, מיט כוונה. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אז די תפילה איז ווי ספּע־ציעל פאַר אים געשאַפן, פאַר אים און פאַר אלע דייטשע יידן. א קללה אויף דער דייטשער פאַרברעכערישער רעגירונג, אז זי זאָל פאַרטיליקט ווערן. וואָס פאַר א טייערע תפילה! ער האָט זיך דערפילט א ייד גלייך מיט אלע יידן, וואָס דאַווענען און בעטן די זעלבע תפילה, דעם זעלבן ווונטש. די דייטשע רעגירונג האָט אים אויסגעשפּיגן, אָבער ער טרעט אריין אין יידישן פאָלק ווי איינער פון זיינע קינדער.

ער קוקט ווייטער אין מחזור, ער קומט צו צו די „על־חטאס". א ריי פאַרברעכנס, וואָס מענטשן באַגייען אין זייער לעבן. אָבער קיין „על־חטא" מאַכט אויף אים ניט אזא ווירקונג, ווי דער „על־חטא" פון שנאת־חנם. די זינד פון אומזיסטער פיינדשאַפט. ווער נאָך האָט דערמיט אזוי געזינדיקט, ווי ער? פאַרוואָס האָט ער שטענדיק געפילט א פיינדשאַפט צו די אזוי־גערופענע „פוילישע" יידן, וועלכע ער האָט אזוי ווייניק געקענט און וועלכע האָבן אים קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן? ער זאָגט איבער די ווערטער עטלעכע מאָל. ער פילט דעם פאַרברעך און ער טראַכט, אז אָט דער איז דער גרעסטער פון דער גאנצער ריי... און די תפילה, אז די אלע זינד זאָלן פאַרגעבן ווערן, — דאָס איז א תפילה, דאַכט זיך אים, ספּעציעל פאַר אים. ווער נאָך דאַרף אזוי בעטן מחילה פאַר אומזיסטער פיינדשאַפט, ווי ער?

זיינע אויגן זיינען פייכט געוואָרן,אָבער צו דער זעלבער צייט האָט ער דער־פילט א דערלייכטערונג אין הארצן... ער האָט חרטה, ער בעט פאַרגעבונג און נעמט זיך פאָר אָנצוהייבן א ניי לעבן, צו בלייבן געטריי צו זיין פאָלק, צו יידן פון דער גאַנצער וועלט און ניט מער באַגיין די זינד פון אומזיסטער פיינדשאַפט.

אָט אַזאַ חשבון־הנפש האָט דער יידישער אימיגראַנט פון דייטשלאַנד אדורכגעמאַכט דעם ערשטן כל־נדרי־אָוונט אין זיין לעבן.

— — — — — — — — — — —

זי האָט פֿאַרגעסן...

די געשיכטע איז ניט קיין שפּאַנענדע. ס׳קומען אין איר ניט פֿאָר קיין סענסאַציאָנעלע פּאַסירונגען. זי האָט ניט קיין „שטאַרקע דראַמאַטישע מאָ־מענטן״, ווי זיי רופֿן עס. עס איז א פּשוטע מעשה, א שטיק רעאַל לעבן. דאָס איז א מעשה מיט א מאָראַל, אָדער, ווי מ׳רופֿט עס: א „מוסר־השכל״.

„זי האָט פֿאַרגעסן...״

ווער איז די זי?

זי איז א יאָהאַנעסבורגער באַלעבאָסטע, א מיסעס, וואָס האָט א מאַן מיט קינדער און וווינט אין א גרויס הויז, אין א פֿיינער געגנט. מיר וועלן זי אָנרופֿן: מיסעס די און די.

וואָס האָט מיסעס די און די פֿאַרגעסן?

נאָר א קלייניקייט. זי האָט פֿאַרגעסן צו ענטפֿערן אויף א בריוו. ס׳איז איר אָנגעקומען א בריוו פֿון פּוילן, פֿון אן עלטערן ברודער, אן אָרע־מען, א קראַנקן, וואָס האָט א שוואַכע פֿרוי, געפֿינט זיך אין א געדריקטער לאַגע און האָט ניט פֿונוואַנען צו לעבן. דער בריוו איז געווען א האַרצ־רייסנדיקער קול־קורא, זי זאָל אָן אים ניט פֿאַרגעסן, זי זאָל אים ניט פֿאַר־לאָזן: זי זאָל שיקן א ביסל שטיצע און דערהאַלטן זיי ביים לעבן. ס׳איז ווינטער, זיי גייען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און עס קומט באַלד אָן פּסח. א גאַנץ יאָר איז געגנוג שלעכט, מ׳קומט אָבער דורך ווי ס׳איז מיט א קאַרג שטיקל טרוקן ברויט מיט הערינג. אָבער פּסח... און זיי האָבן ניט צו וועמען זיך צו ווענדן. די אויסגעוואַקסענע קינדער האָבן אייגענע פֿאַמיליעס אין אַנדערע שטעט און געפֿינען זיך אויך אין א גרויסער נויט. זייער איינ־ציקע האָפֿענונג איז, אז פֿריער גאָט און דערנאָך די שוועסטער אין אַפֿריקע וועט זיי ארויסהעלפֿן, זיי זאָלן חס־ושלום ניט דאַרפֿן אָנקומען צו קצבה...

אונדזער מיסעס איז ניט קיין שלעכטע פֿון דער נאַטור. זי וואָלט גע־וויס געקענט שיקן דעם ברודער עטלעכע פֿונט און זי וואָלט זיך דערביי גאָרנישט אָנגעשטרענגט. זאָל זיך איר דאַכטן, אז אין דער פֿול־געפּאַקטער קליידער־שראַנק העגנט נאָך א קלייד, וואָס זי דאַרף ווי א פֿינפֿטן ראָד צום וואָגן. זי האָט דאָס אָבער ניט געטאָן, ווייל זי האָט זיך געקליבן צו פֿאָרן

אויף אַ „האָלידיי" אין מיוזנבערג און איז געווען „עקסייטעד" מיטן צוגרייטן זיך, איינצוקויפן קליידער מיט אנדערע קליניקייטן און מיט פאַרפּאַקן די „סיוט־קייסעס". זי האָט דעם בריוו אפילו ניט ריכטיק איבערגעלייענט. האָט אים ערגעץ אוועקגעלייגט און אינגאַנצן אָן אים פאַרגעסן. און ווען זי איז געווען אין האָטעל אין מיוזנבערג, האָט מען דאָך געוויס ניט געקענט פאַרלאַנגען פון איר, זי זאָל האָבן אין זינען אזא קליניקייט ווי א בריוו פון פוילן. דאָרט, אין האָטעל, איז געווען אזוי פריילעך און לעבעדיק, אזא פיינע געזעלשאַפט פון מענער און ווייבער. און מען האָט אזוי אויסגעצייכנט פאַרבראַכט די צייט: א גאַנצן טאָג ביים ים, אויספלוגן אין „מאָטאָר־קאָרס". אין די אָוונטן האָט מען געשפּילט אין קאָרטן, אָדער געגאַנגען אין טעאַטער, און אלע וואָך זיך געוויגן, כדי צו וויסן וויפל ס'איז איר צוגעקומען.

אזוי זיינען פאַרלאָפן צוויי חדשים — און דער בריוו פונם ברודער פון פוילן איז איר גאָר אויפן זינען ניט געקומען. פאַרגעסן, ווי מען פאַרגעסט אָן טויט.

און ווען זי איז געקומען אהיים א פרישע, א בליענדע, אָן אָפּגעברענטע פון דער זון, מיט צוגעקומענע צען פונט אין דער וואָג, — האָט זי געהאַט א נייעם „עקסייטמענט". זיי האָבן געהאַט ערגעץ אין שטאָט עטלעכע הייזלעך, וועלכע האָבן איר געברענגט איינקונפט ניט מער ווי עטלעכע פונט א חודש, איז געקומען א גאַרישע „קאָמפּאַני" און האָט באַצאָלט דערפאַר פינף טויזנט פונט. מיטאַמאָל באגליקט געוואָרן! קען מען זיך דאָך פאָר־שטעלן, אז אין אזא צייט פון אויפרעגונג, קען אין קאָפּ ניט קריכן אזא קליי־ניקייט ווי א בריוו פון פוילן, וואָס זי האָט געקראָגן מיט א פּאָר חדשים צוריק. און דערצו קומט באַלד פסח. הייַנטיקן פסח דאַרף מען מאַכן גאָר אויף א פיינעם אופן, מען דאַרף בייטן די מעבל אויף מער מאָדערנע; עס וועלן קומען געסט. אין שטוב דאַרף אויסזען גביריש. אז גאָט האָט גע־האָלפן, פאַרוואָס ניט?... — —

דער סדר־טיש ס'הייַנטיקע יאָר ביי אונדזער מיסעס די און די, מיטן גייסטן זילבער־געשיר און קרישטאָלן גלאָזוואַרג, באַפּוצט מיט שיינע, פריי־שע בלומען און טייערע וואַזעס, מיט פינקלדיקן ווייַן און ליקערן אין געשליי־פענע קאַראַפינען, מיט דעם וווּנדערלעכן עפעקט פון די קינסטלערישע עלעקטרישע ליכט־איינריכטונגען, — האָט געהאַט א ספּעציעלן גלאַנץ און האָט אויסגעזען עלעגאַנטער און שענער ווי שטענדיק, אָבער דער סדר גופא איז געפירט געוואָרן אויפן זעלבן טראַדיציאָנעלן אופן ווי תמיד. מ'שטעלט

אָפּ דעם ראַדיאָ און מען זעצט זיך צו טיש אין די היט. דער שיינער קידוש ווערט געשווינד אָפּגעזופּט און דער ניגון ווערט צעקאַלעטשעט דורך פּאַל־שע טענער, קענטיק אַז דער קידוש־מאַכער האָט ניט קיין געהער פאַר מוזיק. דאָס יינגערע יינגל פרעגט דאָן די „קוועשטשנס" — און דער טאַטע גיט אַ פּאָר ארויס מיטן „עבדים היינו" ווי מיט אַ שנעלצוג איבער באַרג און טאָל... ער פּאָרט איבער ר׳ אליעזרן, ר׳ יהושען, ר׳ אלעזר בן עזריהן מיט די „בני ברק"... די ארבעה בנים, די עשר מכות, די סימנים און די דיינוס... די בלעטלעך מישן זיך געשווינד איבער. די עלטערע קינדער מורמלען עפּעס און מישן אויך די בלעטלעך פון דער הגדה. און דער צוג לויפט אָן אָן אָפּשטעל, ביז מען קומט צו צו דער הויפּט־סטאַנציע „גאל ישראל". אָט דאָ, ווי מ׳זאָגט, שפּאַנט מען אויס: מען מאַכט זיך באַקוועם. מ׳וואַרפט אַראָפּ די היט פון די קעפּ, מ׳עפנט צוריק דעם ראַדיאָ און מ׳נעמט זיך מיט גרויס חשק פּראַווען די סעודה, דעם געשמאַקן פּסחדיקן סדר־„סאַפּער", ווי איינער זאָגט: אָפּגעגעבן גאָט, וואָס אים קומט, קען מען זיך איצט לאָזן אַ ביסל ווילגיין. און דאָ איז מען יאָ אַ ביסל מאריך. זיי ווייסן, הפנים, דעם כלל פון „המאריך בשולחנו"...

מיט דער אַנדערער האַלבער הגדה מאַכט מען אַ ביסל קונקל־מונקל. ערשטנס, איז מען מיד; צווייטנס, האָט מען זיך, דאַכט זיך, גענוג אָנגע־זאָגט; וויפל איז דער שיעור? און דריטנס, דערוואַרט מען געסט, וואָס האָבן צוגעזאָגט צו קומען נאָכן סדר. און די געסט, וואָס פאַרשטייען אויך ווי צו מאַכן אַ „קוויק־דזשאַב", קומען טאַקע באַלד נאָכן עסן. זעצט מען זיך אויס אין גרויסן „לאָונדזש" אויף די נייע, שיינע „פּערניטשער" און מען שמועסט פון „ביזנעס", פון „פּראָפּערטיס", פון פּאָליטיק, פון אַלץ אין דער וועלט, אויסער פון „יציאת מצרים". דאָס, ווייזט אויס, איז פאַר זיי אַ צו אַלטע און ניט אינטערעסאַנטע טעמע. ווען מען האַלט אין טרינקען „ראשן"־טיי, גיט איינער פון די געסט פּלוצלינג אַ זאָג, אַז מען זאָל מאַכן אַ „זעקס־און־זעכציק". זאָגט אונדזער מיסעס: „ניין, איך בין ניט „וועריי רעלידזשעס", פאַרטיידיקט זי זיך, „אָבער שפּילן אין קאָרטן פּסח נאָכן סדר — איז „נאָט נייס".

* * *

און דאָרט, פאַר זעקס טויזנט מייל ווייט, אין פּוילן, ביי דעם אָרעמען ייד, וואָס האָט אַ שוועסטער אין אַפריקע, איז אויך אין דער זעלבער צייט פאָרגעקומען אַ סדר, אָבער אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן...

דער זעלבער אָרעמער ייד איז אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, געווען א פײנער באַלעבאָס, א איש נכבד, א בעל־צדקה, קײנמאָל ניט אָפּגעזאָגט, ווען מען האָט זיך צו אים געווענדעט נאָך א טובה, נאָך א גמילות־חסד, כאָטש ער איז געווען זיכער, אז דאָס וועט זײן א „חסד של אמת", אז ער וועט אים קײנמאָל ניט באַקומען צוריקגעצאָלט. זײנען אָבער אָנגעקומען די טרויעריקע צײטן און ער איז געוואָרן א יורד, די פּרנסה איז פון אים אוועקגענומען געוואָרן און ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, ביז ער איז געוואָרן א מחוסר־לחם. ער האָט אָנגעהייבן טאָן כל עבודת־פּרך, ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן, ניט גע־קענט זיך צוריק אויף די פיס שטעלן.

און פון צרות, דחקות, פאַרדרוס, שברת־הלב און אויך פון א ביסל צוהונגערן, האָט זיך פאַמעלעך, ביסלעכווייז, אַנטוויקלט ביי אים א האַרץ־קראַנקייט. ער האָט זיך גענומען פילן שוואַכער און אָנגעהייבן צו קריגן האַרץ־אַטאַקעס. צוערשט זעלטן און לייכט, אָבער מיט דער צייט — אָפטער און שווערער. דער דאָקטאָר פון שטעטל האָט געזאָגט, אז צו אזא קראַנקייט מוז מען האָבן גוטע פלעגע, ריינע, פרישע לופט, פולשטענדיקע רו; ער טאָר זיך ניט אָנשטרענגען, איבערהויפּט טאָר ער זיך ניט אויפרעגן און טאָר קיין פאַרדרוס ניט האָבן. דער דאָקטאָר האָט געוווסט, אז דאָס איז א שווע־רער רעצעפּט פאַר אַזאַ ייד, אָבער אז פון קיין אנדער מיטל ווייס ער ניט, האָט ער געטאָן זיין חוב און געזאָגט, וואָס ער ווייס.

עס פאַרשטייט זיך, אז פון די אַלע מיטלען האָט מען אפילו קיין איינעם ניט געקענט אָנווענדן; די קראַנקייט האָט דעריבער באַקומען א פרייע האַנט, זיך פאַרשפּרייט אָן ווידערשטאַנד. דעם לעצטן ווינטער האָט ער זיך געפילט ערגער, ווי די גאַנצע צייט און ווען פסח האָט זיך דערנענטערט, האָט ער געשריבן צו דער שוועסטער אין אַפריקע און געבעטן הילף. וואָכן זיינען אוועק. דער ייד האָט אויסגעקוקט יעדע וואָך אויף דעם בריוו־טרע־גער, ער זאָל אים עפּעס ברענגען, יענער האָט אָבער ניט געהאַט וואָס צו ברענגען. האָט דער ייד דערפון געהאַט גרויס פאַרדרוס — און זיין האַרץ־קראַנקייט האָט זיך כסדר אַלץ מער פאַרשטאַרקט...

עטלעכע טעג פאַר יום־טוב האָט מען זיך אין שטעטל דערוווסט, אז דער ייד האָט ניט מיט וואָס צו מאַכן פסח. האָט מען גענומען צוזאַמענ־קלייבן. יעדער האָט געגעבן עפּעס פונם לעצטן, זיך פּשוט געטיילט מיטן ביסן. מען האָט אים אריינגעשיקט פונם נייטיקסטן, וואָס מ'מוז האָבן אויף פסח. דער ייד האָט גאָרנישט געזאָגט, אָבער דאָס האַרץ... **אַי, דאָס האַרץ...** מ'האָט פאַר אים צונויפגעמאַכט... דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן... און

פון וועמען האָט מען פאַר אים צונויפגעמאַכט ? פון אָרעמע־לייט, אביונים, וואָס האָבן אַליין ניט גענוג אויסצוקומען... האָט ער געליטן, זיך געשטיקט מיטן פאַרדרוס און ניט געוואָלט מצער זיין זיין שוואַכע פרוי, וועלכע האָט אויך שטילערהייט פאַרגאָסן טרערן, ער זאָל ניט זען. און ביידע האָבן געשוויגן...

פסח צום ערשטן סדר, ווען אויפן טיש איז געלעגן די קצבה־מצה און דאָס בלאָלעכע פלעשל מיט וויין, וואָס האָט אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי בלוט, און ער האָט מיט ציטערדיקע הענט אָנגעגאָסן דעם כוס און גענומען מאַכן קידוש, האָט זיך אין אים עפּעס ווי אַ ריס געטאָן. דאָס שוואַכע האַרץ האָט עס מער ניט געקענט אויסהאַלטן — און עס האָט געפּלאַצט... דער כוס איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט... ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און איז אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד...

דאָס ווייב האָט געמאַכט אַ געוואַלט. שכנים האָבן איבערגעלאָזן זייערע סדר־טישן און זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן. מ׳האָט אויפגעהויבן דעם ייד, גענומען אים רייסן, מינטערן... ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן. מ׳האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר, וועלכער האָט גוט געקענט דעם יידנס האַרץ, האָט ער אים באַטראַכט און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט... „אַ האַרץ־שלאַג... איך האָב אים שוין לאַנג געוואָרנט... ער האָט ניט געטאָרט האָבן קיין פאַרדרוס... עפּעס האָט אים געמוזט שרעקלעך אויפרעגן און דאָס האָט אים דערהרגעט...״ די פרוי האָט געשריגן און געיאָמערט. די פרעמדע מענטשן זיינען געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן, כאָטש מען טאָר ניט וויינען יום־טוב. זיינען זיי אַזוי געשטאַנען און געוואַרט, ביז ס׳איז געקומען אַ שמש. דעמאָלט זיינען אַלע אוועק מיט געבויגענע קעפּ אהיים אָפּריכטן דעם סדר...

* * *

אין עטלעכע וואָכן אַרום האָט אונדזער מיסעס די און די אין יאָהאַנעסבורג דערהאַלטן נאָך אַ בריוו פון פוילן. דער בריוו איז ניט געווען פון איר ברודער און אויך ניט פון איר ברודערס ווייב. אין דעם בריוו האָט קיינער קיין הילף ניט געבעטן. דאָס האָט געשריבן אַ פרעמדער מענטש, אַ שכן, וואָס האָט ווי געוואָלט נקמה נעמען אָן דעם פאַרשטאָרבענעמס שוועסטער אין אפריקע, האָט ער אויסגעשריבן אַלץ ווי ס׳האָט פּאַסירט. אַט, זאָל זי דאָרט וויסן... אונדזער מיסעס האָט איבערגעלייענט דעם בריוו און ס׳האָט איר באמת פאַרדראָסן פאַרוואָס זי האָט דעמאָלט פאַרגעסן, ווען

זי האָט דערהאַלטן דעם ערשטן בריוו. פאַרגעסן, ווי מ׳פאַרגעסט אַן טויט... זי האָט זיך אַליין געפּרוווט פאַרענטפערן, אַז דאָס איז ניט איר שולד, זי וואָלט געשיקט עטלעכע פונט, זי וואָלט ניט געזשאַלעוועט, אָבער זי איז געווען אויף איר „האָלידיי״ און זי האָט פאַרגעסן... ווי קען מען אין „האָלידיי״־צייט קלערן וועגן א ברודער, ווען זי האָט שוין ניט געזען מער ווי פינף און צוואנציק יאָר און געפינט זיך ערגעץ פאר טויזנטער מיילן ווייט... און ווידער, זי האָט גאָרניט געוווּסט, אַז ס׳איז אזוי שלעכט. פונ־וואַנען האָט זי דאָס געזאָלט וויסן ?...

נאָר פונדעסטוועגן האָט זי זיך ניט געקענט אינגאַנצן בארויקן. זי האָט געהאַט דערפון צער, און דאָס האָט אָנגעהייבן ווירקן אויף אירע שוואַכע נערוון... דער דאָקטאָר, וואָס האָט א גוטן נאָמען ביי די יאָהאַנעסבור־גער ווייבער, ווייל ער הייסט יעדן פּאַציענט זיינעם פאָרן אויף א „האָלידיי״, האָט איר געראָטן צו מאַכן א רייזע אויפן ים. „דאָס איז דאָס איינציקע מיטל״, זאָגט ער, „צו פארמיידן א „נערוואָוס ברייק דאַון״...

אונדזער מיסעס האָט עס אַליין אויך פאַרשטאַנען. זי מוז האָבן א „האָ־לידיי״, וואָס זאָל איר קענען מאַכן פאַרגעסן ביידע בריוו פון פּוילן מיט דער גאַנצער געשיכטע... מיוזענבערג און דורבאַן זיינען צו קליין פאַר דעם. זי דאַרף האָבן א „קאָמפּליט טשענדזש״... און זי מאַכט שוין הכנות פאַר אַ „טריפּ״ קיין אייראָפּע און אפשר אויך קיין אמעריקע...

דערקלערונגען פון פרעמדווערטער

אָ ל ד מ ע ן — עלטערער מאַן.

אַ פּ אָ י נ ט מ ע נ ט — באַשטימונג זיך צונויפצוטרעפן.

אָ פ י ס — ביוראָ.

אָ ר אַ נ ד ז ש ע ס ! ט װ ע נ ט י פ יי װ ע ב אָ ב — מאַראַנצן ! פינף און צװאַנציג שטיק אַ שילינג.

ב אָ ט ל ס — פלעשער.

ב אָ י — יינגל ; בחור.

ב אָ נ ד — היפּאָטעק־הלװאה.

ב אַ ס — באַלעבאָס. אזוי טיטולירט יעדער שװאַרצער א װייסן.

ב אָ ק ס — לאָזשע.

ב אָ ק ס י נ ג — פויסט־קאַמף.

ב וּ ר ן — די ערשטע װייסע פּאַרמערס אין דרום־אַפריקע ; שטאַמען פון האָלאַנד. בוּר באַטייט אויף האָלענדיש : פויער.

בּי ז נ ע ס — געשעפט ; מסחר.

ב יי ל — קויציע.

ב יי ע ס ק אָ פ — קינאָ־טעאַטער.

ג אָ ל ד ־ מ י נ ע ס — גאָלד־גרובן.

ג וּ ד ב יי ! — זיי געזונט ! צום װידערזען !

ג וּד נ יי ט, ד י ע ר ! — א גוטע נאַכט, טייערע !

ג ע מ ב ל — האַזאַרד־שפּיל.

ג ע פ אַ ס ט מ ע ט ר י ק — באַקומען מאַטורע, רייפקייט־צייגניש.

ג ר אָ ס ע ר — שפּייז־קרעמער.

ג ר אָ ס ע ר י ש אָ פ ק ע — שפּייז־קרעמל.

ג ר יי פ ס — װיינטרויבן.

ג ר ע נ ד ־ פ אַ — זיידע.

(אַ) ד ז ש אָ ב — אַ שטיקל ארבעט.

ד ז ש וּ ־ ב אָ י — יידישער בחור.

ד ע פ אָ ז י ט — געלט, װאָס װערט איבערגעגעבן צום באַהאַלטן.

ד ר אַ פ ט — געלט־טשעק.

ד ר יי פ ע ר י — שניט־סחורות.

ה אָ ל — זאַל.

ה אָ ל י ד יי — אָפּרוּ.

ה אַ נ ג ר י — הונגעריק.

ה י ב ר וּ — העברעאיש.

ה יי ־ ס ק וּ ל — מיטל־שול.

װ ה י ס ק י — בראָנפן.

װ ע ר י ר ע ל י ד ז ש ע ס — זייער רעליגיעז.

ט אָ כ ן — האָנדלען אויפן לאַנד.

ט אָ כ ע ר — הענדלער אויפן לאַנד.

ט ש אַ נ ס — אַן אומדערװאַרטעטער צופאַל.

ט ש אַ ר ם — אַ מין קמיע.
ט ש י ל ד ר ן — קינדער.
ט ר י פּ — לוסט־רייזע.
ט ר יי ע ר — פּעדלער ; האַנדער־הענדלער.
י אַ ר ד — הויף נעבן אַ הויז.
י ע ס — יאָ.
ל אָ ד ז ש י נ ג ־ ה ו י ז — ביליקער האָטעל ; אכסניה.
ל אַ ו נ ד ז ש — רויכער־צימער.
ל יי ד י — מאַדאַם ; עלעגאַנטע פרוי.
ל יי ס ע נ ס — דערלויבעניש צו האַנדלען.
מ אָ ט אָ ר ־ ק אַ ר — אויטאָ.
מ אָ ט אָ ר ־ ר יי ס ע ס — אויטאָ־העטלויפן, געיעגן.
מ אַ ר ק ס — באַלן (פאַר שילער).
מ י ל י ס — קוקורוזע.
מ י ס ע ס — פרוי ; הייב.
מ ע ט ר י ק — מאַטורע, רייפקייט־דיפּלאָם.
מ ר., מ י ס ט ע ר — הער.
נ אָ ט נ יי ס — ניט שיין.
נ ע ר ו אָ ו ס ב ר יי ק ד אַ ו ן — נערוון־דערשיטערונג.
ס אַ ו ר ע ן — אַ פונט שטערלינג.
ס אָ ל י ס י ט אָ ר ס — פאַרטיידיקער.
ס אָ ס יי ט י ־ ל יי ד י ס — דאַמען פון דער געזעלשאַפט.
ס אַ פּ ע ר — אָוונטברויט.
ס ו ר פּ ר יי ז — איבעראַשונג.
ס ט אָ ק ־ ע ק ס ט ש ע נ ד ז ש — אַקציעס־בערזע.
ס ט אָ פּ ! — האַלט !
ס ט יי ש ן — וואָקזאַל.
ס ט ר י ט — גאַס.
ס י ו ט ־ ק יי ס ע ס — וואַליזעס, האַנטקופערס.
ס י ט — פּלאַץ.
ס י ק ס פּ ע נ ס — זעקס פּענעס ; אָפט באַנוצט אַלס ביטול־נאָמען פאַר אַ שוואַרצן.
ס יי ל ס — אָרט, וווּ ס׳ווערן אויספאַרקויפט סחורות.
ס ל ע ק — שלעכטע צייט.
(האָבן אַ) ס מ אָ ו ק — רויכערן.
ס ע ט ל ע ן — איינאָרדענען זיך.
ס ע מ י — אַזוי רופט מען געוויינטלעך אַן אינדישן פרוכטן־הענדלער.
ס פּ ע ק ו ל יי ט אָ ר — שפּעקולאַנט.
ס ק ו ל — שולע.
ע ק ס יי ט ע ד — אויפגערעגט.
פ אָ ו ר ק ו ע ש ט נ ס — פיר קשיות.
פּ אָ ל י ס מ אַ ן — פּאָליציאַנט.
פּ אָ ס ט ־ אָ פ י ס — פּאָסט־אַמט.
פּ אָ ס ט מ אַ ן — בריוטרעגער.
פּ י ט ש ע ס — מין פרוכט (פירזיך, פּערסיק).
פ יי ו ע ר — פינף־פונטיקע אַסיגנאַציע.
פּ יי ט ע ר — באָקסער, פויסט־קעמפער.
פּ יי פּ — פּיפּקע, ליולקע.

פ ע נ י, פ ע נ ע — קליינע קופּערנע מטבע : 1/12 שילינג.

פּ ר אָ פּ ע ר ט י — פֿאַרמעגן, אייגנטום, נחלה.

פּ ר אָ פּ ע ר ג יי ם — אַ לייטישע שפּיל.

פּ ר יי ז ן — פּרעמיעס.

פ ע ר נ י ט ש ו ר — מעבל.

פ ר ע נ ד ס — פריינד.

ק אָ ו נ ט ר י — אויפן לאַנד ; פּראָווינץ.

ק אָל ע ק ט ן — איינקאַסירן.

ק אָ מ פּ אַ נ י — געזעלשאַפט ; קאָמפּאַניע.

ק אָ מ פּ ל י ט ט ש ע נ ז ש — פולשטענדיקע ענדערונג.

ק אָ נ צ ע ש ן ס ט אָ ר — אַלגעמיינע קראָם פֿאַר אַפּריקער ארום די גאָלד־גרובנס.

ק אַ פ ע ר — אַפּריקער.

ק אַ פ ע ר י ט ע — ביליקער אַפּריקער־רעסטאָראַן.

ק אַ פ ע ר י ט נ י ק — אייגנטימער פון א ביליקן אַפּריקער־רעסטאָראַן.

ק אַ ר — אויטאָ.

ק אַ ר פּ ע ט — דיוואַן ; טעפּיך.

ק ו י ק ד ז ש אָ ב — אַ גיך שטיקל ארבעט.

ק יי פּ־ק אָ ל אָ נ י, ק יי פּ — איינע פון די פיר פּראָווינצן פון דעם
דרום־אַפּריקאַנער וניאָן.

ר אַ ש ן — רוסישע.

ר י ף — גאָלד־אָדער אין דער ערד ; דער גאַנצער שטח אַרום יאָהאַנעסבורג,
וווּ גאָלד ווערט געגראָבן.

ר יי ס — וועטלויף פון פערד, פערד־געיעג.

ר ע ד ז ש י ס ט ע ר־אָ פ י ס — אַמט פֿאַר רעגיסטראַציע פון ציווילע חתונות.

ר ע ל י ד ז ש ן — רעליגיע.

ש אָ פּ — קראָם. ש אָ פּ ק ע — קרעמל.

ש אָ פּ־ק י פּ ע ר — קרעמער.

ש י ל י נ ג — זילבערנע מטבע : 1/20 פון א פונט שטערלינג.

אינהאַלט:

	זייט
דער „טרייער“	9—13
פרעמד	14—18
דער נייער סוחר	19—23
עלנט	24—27
שותפים	28—33
צו שפעט	34—42
תנאים	43—53
אַ מאָדנער טעות	54—60
פאַרבאָרגענע ליידן	61—66
דער אַלטער ר׳ אהרן	67—71
דער געפונענער	72—85
די לעצטע מינוטן	86—90
ווער איז בילכער?	91—94
וואָס אים האָט געראַטעוועט	95—100
דזשאָנס ליבע	101—107
אז ס׳איז ניטאָ קיין מזל	108—117
אויסגעלאָשענע פונקען	118—122
די פאַרשעמטע	123—129
לאַנדסלייט	130—134
חברטעס	135—138
קינדער	139—142
אויס „ספאָרט“	143—146
ער טויג ניט פאַר אַפריקע	147—151
ווען זיי זאָלן דאָס וויסן	152—156
דריי ווערטער	157—161
ניט באַשערט קיין נחת	162—170
אַן איבערגעריסענע טראַדיציע	171—176
דער פאַרשפעטיקטער סדר	179—182
דעם יתומ׳ס קשיות	183—186
ביי אַ פרעמדן טיש	187—192
זיין ווייבס משפחה	193—197
זיין ערשטער יום־כיפור	198—202
זי האָט פארגעסן...	203—208